STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09646

IN SHAP UN OYSERN SHAP

Menashe Zinkin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין שאָפּ און אויסערן שאָפּ

אין שאַפּ
און
אויסערן שאַפּ

פון

מנשה צינקין

בילדער און סקיצען פון דעם אַרבייטערס לעבען
געמאָלען מיט דער פּען פון אַ שאַפּ אַרבייטער

ניו־יאָרק, 1951

M. ZINKIN

INSIDE AND OUTSIDE THE SHOP

Printed in U. S. A. by
Aber Press, 225 Varick St., New York 14, N. Y.

געווידמעט צום אָנדענק פון די ברידער און שוועסטער פון מיין יוניאָן וועלכע האָבען מיט זייערע פערזענליכקייטען און מיט זייערע אַקציעס געווירקט איך זאָל זיי פּרובירען מאָלען און פאָרשטעלען זיי פאַר דעם לייענער.

א י נ ה אַ ל ט:

1014 9
רייזעלע 15
אָן אַ קנעלונג 24
אַ שדוך 29
פעני 38
גאַנץ אינדערפרי נאָך 45
צו אַלט און צו יונג 50
אַ באַלעבאָס פאַר זיך 55
אין טריין מיט אַ קאָרפּאָריישאָניק 58
יוניטי 61
גדליה 65
די טויטע האַנט 68
אַ רפואה שלמה 71
ברוך 75
דעם באָס אַ מתנה 79
מאַרדזשי 83
אַ באַלעבאַטישע טאָכטער 86
גאָט שיקט צו די רפואה פאַר דער מכה 89
מיין הוט מיט די זיבען שפיצען 93
אַן עקסקוירשאָן 96
רעדזשיסטרירט אַ פּאַרטנער 102
וואָס עס ווערט פון אַ מענטשען 107
זכרונות 111
ביילקע 114
אסתר 117
מיסטער יעלין 120
אַ טשיקאַווע באַגעגעניש 123

זיין גרעסטע פעידע 126
רוּאווקע 129
אין יענע צייטען 132
מיין אינגערע שוועסטער און מיין עלטערער ברודער 139
די פינצטערע פוירלאָ 144
ברודער גריבלער 148
מאַרקוס דער דאַמסקער שניידער 151
וואָס עס קען היינט פּאַסירען 155
אין יענע קריזיס יאָרען 158
דער פרילינג איז שוין דאָ 161
אויפ'ן האָדסאָן 164
די פילהאַרמאָניע און דער קלאָוקמאַכער סטרייק 167
איינער אַ סטרייקער 170
רחמיאל 175
דאַלי 178
פאַרנאַכט ביים פענסטער 183
מיס עקס 188
אַ שטילער פּאַרטנער 193
דער לומפּען פּראָלעטאַריער 196
אַ געשפּרעך צווישען צוויי קלאָוקמאַכער אין פּאַרק 199
ניט היינט געדאַכט 203
אין דיספּענסערי 206
יוניטי הויז ערא־ינערונגען 210
מאָריס גייט צום שטימקעסטעל 213
יענע לאַטעס 217

1014

אין אַ גרופּע זיינען מיר געשטאַנען מיטאָג־צייט אין מיטען שאַפּ און מיר האָבען געשמועסט, געשפּאַסט און זיך געוויצעלט. פּלוצלונג איז צוגעקומען דער שיפּינג־באָי און האָט אונז אָנגעזאָגט, אַז משה איז דאָ אין קאַטינג־רום. און אַזוי ווי אַ כישוף, האָט דער וואָרט געווירקט אויף דעם קרוזשאַק. אַלעמענס פּנימ׳ער זיינען מיטאַמאָל געוואָרען ערנסט און טרויעריג, פאַרשוואונדען איז דער שמייכעל אין מיטען, ניט פאַרענדיגט איז געבליבען דער וויץ, און אין די אויגען פון אונזער איינציגע דרייפּערין האָט זיך באַוויזען אַ טרער. די גאַנצע גרופּע איז איינציגווייז, ווי צו אַ לוויה אַוועק אין קאַטינג־רום, צו זען זיך מיט משה׳ן. איך בין אַריין דער לעצטער.

אויף אַ שטול לעבען דעסק איז געזעסען דאָס, וואָס האָט זיך גערופען משה, אָדער דאָס, וואָס איז נאָך פאַרבליבען פון דעם אַמאָליגען משה.

דאָס ערשטע וואָס איך האָב דערזען איז געווען דער נאָז, וואָס איז געווען משונה׳דיק און אויסערגעוועהנליך גרויס און לאַנג, אויף אַ פּנים וואָס איז געווען געגנצליך אָהן באַקן, און וואָס אָן זייער אָפּוועזענהייט האָט דערמאָנט די פּאָר באַקענביינער וועלכע האָבען ווילד אַרויסגעשטארצט פון ביידע זייטען נאָז. נאָכדעם האָב איך דערזען אַ פּאָר גרויסע צועפענטע לעבענסלאָזע אויגען, וואָס האָבען מיר דערמאָנט אָן די אויגען פון אַ געקוילעטען אָקס, וואָס איך האָב אַמאָל, אינגעלווייז, געזען אין יאַטקע אין אונזער שטעטעל; מיין בליק איז אַריבער אויף זיין האַלז, וואָס איז געווען שרעקליך דין און אויסגעצערט, און דורך דער טויט־געלבלעכער הויט האָבען זיך דורכגעזען בלויז פאַרטריקענטע אָדערן; זיינע הענט זיינען געווען ווי פון אַ סקעלעט אָן אַ פּיצעל פלייש אויף די ביינער, באַדעקט

מיט דער פריקרער טויט־געלבלעכער הויט, די קני האָבען אַרויס־געשטאַרצט דורך די הויזען, ווי עפּעס הילצערנע אָדער מעטאַלענע שטאַנגען; דער ראָק איז געהאַנגען אויף זיינע טרוקענע קאַנטיקע אַקסלען, ווי אויף אַ פּיגעלאַ, וואָס מען שטעלט אַריין אין גאָרטען אָפּצושרעקען די פויגלען.

אַז איך בין בייגעקומען דעם פּלוצלינגען שרעק, וואָס איז מיר באַפאַלען, האָב איך דערזען און פאַרשטאַנען, אַז אויפ׳ן שטול זיצט דאָך אַ לעבעדיגער מענטש, מיט אַ האַרץ, וואָס פילט דעם אָנקומען פון דעם טויט, און מיט אַ מוח, וואָס איז נאָך קלאָר, און טראַכט און דענקט און פאַרשטייט זיין טרויעריגע און שרעקליכע לאַגע.

די אַרבעטער זענען געשטאַנען אַרום דעם האַלב טויטען משה, מיט בלאַסע און שמערצליך טרויעריגע פּנים׳ער, מיט די אויגען אַראָפּ־געלאָזטע צום דיל, פּאַר שאַנדע און ווייטאָג וואָס זיי קענען אים גאָרנישט העלפען, און די הערצער האָבען שיער נישט געפּלאַצט פאַר פאַרדראָס, וואָס זיי קענען גאָרנישט טאָן פאַר זייער געוועזענעם מיטאַרבעטער און חבר. טרערען האָבען געשטיקט אין די העלזער, און ביי קיינעם האָט זיך ניט געעפענט דער מויל אַ וואָרט צו זאָגען. דאָס איז געווען אַ טיפּישע בילד, פון דער הילפלאָזיגקייט פון דעם מענטשען אין אָנגעזיכט פון דעם טויט.

צו איינציגע און צו צוויי ווערטער, נאָך וועלכע ער האָט גע־מוזט אָפּכאַפּען דעם אָטעם, האָט משה דערציילט, ווי די ערשטע צייט, נאָך זיין קומען אין דענווער, האָט ער זיך געבעסערט און געוואונען וואָג, און די דאָקטוירים האָבען אים געגעבען האָפענונג, אָבער פאַר דעם לעצטען האַלב יאָהר איז ער געגאַנגען באַרג אַראָפּ... און ער איז איצט געקומען אין ניו־יאָרק שטאַרבען צווישען אייגענע... אין דער אייגענער בעט... ליגען אויף דער קרקע פון זיין חברה, וואו ער באַלאַנגט שוין פינף און צוואַנציג יאָהר... „און שולדיג אין מיין אומגליק איז 1014״, האָט משה פאַרענדיגט זיין האַרצברעכענדען קורצען באַריכט, מיט אַ סאַרקאַסטישען שמייכעל אויף זיינע טויט־געלע ליפּען, פון וועלכען עס איז אַריבערגעלאָפען אַ סקרוד איבער׳ן לייב.

דאָס איז געווען אין דער אָנפאַנג פון דער פּראָספּעריטי. אונזער באָס האָט געהאַלטען ביים פאַרענדיגען צעטלען די פרייזען פאַר׳ן אָנקומענדיגען סיזאָן, און ער האָט אַריינגעטראָגען דעם לעצטען סעמפּעל, אַ סוירדזש דרעס, געטרימט מיט אַ סך בריידל. „אַ שווערע שטיק אַרבעט״ האָט געזאָגט דער טשערמאַן, באַטראַכטענדיג דעם גאַרמענט.

„עפּעס אַ גאַנצער ברוקלין בריק״, — האָט צוגעלייגט אַ צווייטער. „לאָמיר נאָר זען דעם סטייל נומער״, זאָגט דער טשערמאַן. ער האָט אויסגעזוכט דעם טיקעט, און ער האָט דערזען דעם נומער 1014, ער האָט דעם נומער פאַרצייכענט אויף דער פרייז־ליסט, וואו עס זענען שוין געווען פאַרצייכענט אַ דריי טוצען אַנדערע סטיילס.

עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ דינגעניש און אַ טאַפּעניש איבער דעם סעמפּעל. די קאָמיטע האָט געוואָלט אַ גרויסען פּרייז: „עס איז אַ שווערער גאַרמענט״, „עס איז דאָ אַ ביסעל אַריינצונייען״, „עס וועט זיין אַ באַדער מיט די סטרעפּס אונטערצופּרעסן״, האָבען גע׳טענה׳ט די באַלמעלאָכעס. דער באָס ווידער האָט אַרגומענטירט, אַז קיינע קונצען ליגען ניט אין דעם גאַרמענט, עס איז דורכאויס איינפאַכע געניייעכץ, גלייכע בריידל אַנצונייען, קיינע פאַינטס, קיינע דריידלעך, אָהן פאַקעטס, אָהן פּייפּינג, אַפילו אַן אַרויסהעלפער וועט דאָס קענען מאַכען, עס איז אַ גאַרמענט צום נייען, אַן קאַפּווייטאַג, אַן האַרצ־ווייטאַג, און אַז דער נומער וועט זיין אַ „ראַנער״ און ער האָט פאַרענדיגט: „באַיעס, איר וועט זען, דער גאַרמענט וועט זיין אייער ברויט מיט פּוטער. מאַכט עס מיר פאַר מיין פּרייז, און איר וועט קיין חרטה נישט האָבען״.

די אָפּערייטערס האָבען זיך נאָכאַמאָל מיישב געווען צווישען זיך. מאָטע, דער קיקער פון שאַפּ, האָט זיך געקאָכט, אַז מ׳טאָר נישט אַרונטערלאָזען, אָבער משה, אַלס דער עלטסטער האַנט אין שאַפּ, האָט צוגערעדט, מ׳זאָל דעם גאַרמענט צעטלען ביליגער, ער קען דעם באָס, אויף זיינעם אַ וואָרט קען מען זיך פאַרלאָזען. „מ׳דאַרף אַ באָס אַ מאָל אויך געבען אַ שאָו״, האָט משה פאַרענדיגט זיין אַרגומענט. און נאָך אַ לאַנגען דינגען זיך, איז 1014 געצעטעלט געוואָרען פאַר

צוויי דאָלער. אמת ניט אַזוי ביליג ווי דער באָס האָט געוואָלט, אָבער אַ סך ביליגער אין פאַרגלייך מיט די איבעריגע סטיילס.

דער סעזאָן האָט זיך אָנגעפאַנגען, און עס איז אַוועק אַ סדרה 1014. מ'האָט געשניטען פון דעם סטייל גאַנצע בערגער, אין אַלערליי סייזעס, קליינע, גרויסע, און אויך אַ ים מיט עקסטרא סייזעס. עס איז געווען הימעל, ערד, און 1014. און כאָטש דער פרייז איז געווען אַ מאָגערער, אָבער ווייל ער איז געגאַנגען אין אַזעלכע קוואַנטיטיס, האָט דער עולם אַפּערייטערס ביי איהם גאַנץ געשמאַק פאַרדינט. מ'האָט נאָר געדאַרפט מאַכען שטייפער די סטרעפּס פון מאַשין, און געבען איר גענוג אויל, דאַן האָט מען געקענט פאָרען און פאָרען. אַז אַן אַפּערייטער האָט אַריינגעקראָגען אַ באָנדעל 1014 אינדערפרי, האָט ער זיך ניט געדאַרפט אויפהויבען פון טשער, די בעלטלאַך האָט מען אויסגעקערט דינערטיים, און אַ גאַנצען טאָג האָט מען „געריבען די גיים".

משה, זייענדיג אַן אַלטע האַנט, האָט געקראָגען די גרעסטע באָנדעלס 1014. עס איז געווען וואָכען וואָס ער האָט קיין אַנדער סטייל ניט אָנגעקוקט. און ביי משה'ן האָט אָנגעהויבען וואַקסען דער באַנק־ביכעל, און צוזאַמען מיט דעם אויך זיין אַפּעטיט און זיין התמדה צו דער אַרבעט. ער האָט געהאַלטען אין איין קירצען די סטרעפּס. ער האָט זיך געקויפט אַן אייגענעם פינטשער, ער זאָל ניט פאַרלירען קיין צייט מיט אַרומגיין זוכען עס צווישען די אַפּע־רייטערס, ער האָט זיך אויך איינגעשאַפט אַן אייגענעם אויל־קען, אַלץ אום צו שפּאָרען צייט, און ער האָט געזוכט אַריבערצוזיאָגען אַלעמען אין שאַפּ, ער האָט שוין זאָגאַר פּרובירט אָנצוזאָגען שיינער'ן, דעם שנעלסטען אַפּערייטער אין שאַפּ. משה האָט גענייט אָווערטיים און אַריבער אָווערטיים. און ער האָט געטראָגען אין באַנק אַריין די האַרטע פינפערלאַך און צענערלאַך מיט שמחה, אַ צופריי־דענער און אַ גליקלעכער.

דער סעזאָן איז געווען אַ לאַנגער, און משה האָט אַריינגענייט 1014, אַזש אין צווייטען סעזאָן אַריין. און ערשט דאַן איז אין שאַפּ געוואָרען אַ מבול פון 1014. ער האָט פאַרטונקעלט אַלע אַנדערע

סטיילס. קיין באַיער האָט ניט אויסגעלאָזען פון זיין אָרדער 1014.
און משה האָט געניייט אַזש אַ רויך איז געגאַנגען. ער האָט שוין
צעבראָכען איין מאַשין, און דער באָס האָט אים געגעבען אַ נייע, און
ער פּאָרט ווייטער, ער האָט זיך ניט פאַרגונען קיין צייט צו עסען
און צו טרינקען, און ער טראָגט אַלץ אין באַנק אַריין.

און 1014 איז געגאַנגען אַ דריטען סעזאָן אויך, בלויז מיט
אַ קליינע ענדערונג אין זיין סטייל, און מיט אַ צוגעלייגטען X, און
מער פּאָר אַלעמען האָט זיי געקראָגען משה. און ער נייט זיי מיט חשק,
מיט התמדה, און ער באַמערקט גאָרנישט ווי ער פּטרט זיין געזונט.
זיין פּלייצע איז היפּשליך איינגעבויגען געוואָרען, די הענט ציטערען
אים, און ער פאַרלירט וואָג. אָבער וואָס גייט אים אָן אַזעלכע נאַריש־
קייטען, זיין באַנק־ביכעל האַלט שוין גאַנץ ווייט, דעם ציפער 2000
איז ער שוין לאַנג אַריבערגעפאָרען, און ווען ער האָט נאָך איין גוטען
סעזאָן, איז ער שור צו האָבען די קיילעכדיגע סומע פון 3000 דאָלער,
און וואָס קען מען ניט אויפטאָן מיט אַזויפיל געלד! ער וועט קויפען
אַ סטיישאָנערי סטאָר, אַ לאָונדרי, אָדער ער וועט גאָר גיין אין
סאָבמאַנופעקטשורינג.

אָבער ווי זאָגט דאָרטען דער חכם: „לכל תכלה ראיתי קץ", און
אויף 1014 איז אויך געקומען אַ צייט. עס האָט זיך געענדיגט די
פּראָספּעריטי, און משה'ס באָס קען שוין מער ניט פאַרקויפען, ניט
1014, און ניט קיינע אַנדערע סטיילס. משה האָט זיך אויפגעהויבען
פון מאַשין, האָט פּרובירט אויסגלייכען די פּלייצע, און עס האָט אים
עפּעס געגעבען אַ שטאָך, און עס שווינדעלט עפּעס אין די אויגען.
איצט דערמאָנט ער זיך, אַז די לעצטע צייט פּלעגט ער טאָקע
צוהוסטען אויך, אָבער ער האָט אַלץ קיין צייט ניט געהאָט צו גיין
צום דאָקטער.

משה איז אַוועק אַהיים זיך אַביסעל אויסרוען. אויף מאָרגען,
משה פילט ערגער. מ'האָט גערופען דעם פאַראיין דאָקטער, ער האָט
אים אונטערזוכט, און ער האָט אויסגעפונען, אַז 1014 האָט טאָקע
פּעט געמאַכט משה'ס באַנק־ביכעל, ער האָט אָבער כמעט ווי אויפ־
געגעסען זיינע לונגען. דער דאָקטער שטעלט צו נאָכאַמאָל און נאָכ־

אַמאָל זיין טרייבעל, אָבער עס איז אָן צווייפעל, משה׳ס לונגען איז שוין אין די ווייטע דרכים פון טובערקאָלאָזיס. ער מוז גלייך אָפּ־פאָרען פון ניו־יאָרק.

משה לויפט צו פּראָפעסאָרען, ער וואַרפט פינף און צוואַנציגער און פופציגער, אָבער אומזיסט, זיי אַלע באַשטעטיגען דעם פאַראיין דאָקטערס דיאַגנאָזע.

...ווען משה איז געקומען זיך געזעגענען, האָט אים דער באָס דערלאַנגט זיין פיידע, פאַר די לעצטע מלאכה, פון דעם סטייל נומער 1014.

רייזעלע

מיט רייזעלען האָט איך זיך אויפגעהאָדעוועט אין איין שמאָלער געסעל, אין אונזער ליטווישער פרומער און למדנישער שטעדטעל מ. איך מיט רייזעלען זיינען געווען זעהר אינטימע שפיל־חברים, און גאַנץ אינדערפרי, אַזוי שנעל ווי די מאַמע פלעגט מיר אָנטאָן איז גלייך צו רייזעלעס הויז. פאַרוואָס איך האָב אויסגעקליבען רייזעלען פאַר אַ חבר׳טע, פון אַלע איבעריגע קינדער פון אונזער געסעל, ווייס איך נאָך עד היום נישט. אמת טאַקע, אַז זי איז געווען אַ גאַנץ באַ׳חנ׳טע, אַ שוואַרצינקע, מיט אַ געקרויזטע קאָפּ האָר, מיט קאַרע און מילדע אויגען, מיט ווייכינקע און וואַרימע הענטעלאַך, מיט געשניצטע און פעטינקע פיסעלאַך, און זי איז באַזעסען אַ גוטען נאָכגעביגען כאַראַקטער, אָבער אַזעלכע גוטינקע און ליבינקע מיידלאַך זיינען געווען אַ סך אין אונזער שמאָלער געסעלקע. איך האָב אָבער געגליכען רייזעלען בעסער פאַר אַלע, און מיר האָבען זיך געקלעפּט איינער צום צווייטען אין אַלע שפּילערייען און שטיפערייען וואָס איז פאַרגעקומען אין אונזער געסעל.

עס איז ניט געווען דער טאָג וואָס איך בין נישט געווען אין רייזעלעס הויז, און איך האָב גוט געקענט איהר טאַטען בענטשע, אַ אַלטער יאַדישליוּוער שניידער, וועלכער פלעגט נייען ביים האַנט, און וועלכער פלעגט דערציילען די וואונדער פון דער ניי־מאַשין, וואָס ער האָט געזען ביי לייבע קימקעס, דער גרעסטער זשענסקי שניידער פון שטאָדט, וועלכער האָט גענייט פאַר דער שוואַרצער משפחה און פאַר פאַטשאַטעס הויף. איך געדענק נאָך די פאַר תחתונים, וואָס רייזעלעס טאַטע האָט מיר אויפגענייט, ווען איך בין אַוועק צו זעקס יאָהר אין חדר אַריין. דאָס איז געווען אַ פאַר מולטענע פלודערען מיט אומגעלומפּערטע ברייטע קאַלאָשעס, אין וועלכע איך

פלעג דערפֿראַרען ווערען, און וועלכע וואָלטען אפשר געפּאַסט דער גראָבער גוי׳אישער אַקושערקע, אָדער דעם גראָבען ראַפּצעוועס, דעם רייכסטען בעל־גוף פון שטעדטעל. פאַרשפּיליעט האָבען זיך די הייזקעס פון הינטען, מיט אַ פּאַרטוך, איבער וועלכען דער רבי מיינער, נחום ווערלוועל, אַ ליכטיגען גן עדן אים, איז געווען מער באַלעבאָס פון מיר, און ווען ער פלעגט פלוצלינג אין מיטען לערנען, ווען אַ צווייטער אינגעל האָט געזאָגט דעם פּסוק, און איך האָב געהאַלטען אין מיטען מאַכען אַ שיפעלע, אָדער אַ פויגעלע פון פּאַפּיר, אַ פרעג טאָן וואו מ׳האַלט, און איך פלעג אויף גיך אַראָפּלאָזען די צאַצקע, און אַרויפלייגען ביידע הענט אויפ׳ן סידור, מיט די פינגער אויס־געשפּרייט, מיט דער האָפענונג, אַז אפשר וועט איין פינגער דאָך זיך אוועקלייגען אויפן ריכטיגען פּלאַץ, און ענטפערען: „אָט דאָ״; פלעגט ער, דער רבי נחום ווערלוועל, זיך גאַנץ פּאַוואָליע אויפהויבען פון שטול, צוגיין צו מיר, אָנבויגען זיך צו מיין סידור און זיך גוט איינקוקען מיט זיינע קורצזיכטיגע אויגען אויף מיינע אַלע אויס־געשפּרייטע צען פינגערלאַך און אַרויסגעבען דעם אורטייל: אויפן ביינקל. קיינע תירוצים, קיין געבעט און קיינע טרערען האָבען שוין נישט געהאָלפען. דער רבי, נחום ווערלוועל, האָט זייער געהאַלטען פון דעם פּסוק „וחושך שבטו שונא בנו״, און ער האָט דעם רוט ניט געזשאַלעוועט. אַזוי אָהן כעס, געלאַסען און פּאַמעלעך, ווי אַ פרומער איד איז מקיים אַ מצווה, פלעגט ער אָפּשפּיליען דעם פּאַרטוך, וועלכער האָט זיך געהאַלטען אויף דריי קנעפּלעך, וואָס דער יאַדישליוועך בענטשע האָט גאַנץ שטאַרק איינגענייט און פלעגט אַריינציילען די געהעריגע פּאַרציע שמיץ, ציילענדיג דערביי מיט אַ ניגון: אחת, שתים שלוש...

דער טויט פון רייזעלעס טאַטען איז געבליבען אויף אייביג אין מיין זכרון. דאָס איז געווען דער ערשטער טויטענפאַל מיט וועלכען איך בין געקומען אין באַרירונג, און עס האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקען אייביגען איינדרוק. איך האָב צום ערשטען מאָל דערזען די שוואַרצע מיטה, מיט דער טהרה ברעט, מיט מייקעל דעם קברות מאַן, מיט זיינע פינסטערע שוואַרצע אויגען, און מיט די געדיכטע

דיקע און לאַנגע ברעמען, וואָס האָבען אויף מיר אַרויפגעוואָרפען אַ פּחד. איך האָב ניט געוואוסט צו וואָס מ׳דאַרף די טהרה ברעט, מיט די איבעריגע זאַכען, וואָס איך האָב באַמערקט מ׳טראָגט אַריין אין רייזעלעס הויז, איך האָב אָבער געזען רייזעלעס מאַמע, מיט נאָך ווייבער ווײנען, יאָמערען און ברעכען די הענט. און איך האָב זיך אַנגעשטויסען אַז די אַלע זאַכען זיינען שלעכט, זיינען שרעקליך, און זיינען נאָך אפשר ערגער פון דעם רבינ׳ס קאַנטשיק, וואָס איז דאַן געווען פאַר מיר דאָס שרעקליכסטע. איך האָב געזען ווי אידען טראָגען אַרויס די מיטה, און עפּעס אין דער פאָרמע פון אַ שלאָפעדיגען מענשען, ליגט אויף איהר, און איז איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרצען צודעק, און איך האָב פאַרשטאַנען אַז דאָס טראָגט מען דעם אַלטען יאַדישליוועץ בענטשען. רייזעלע מיט איהר מאַמע מיט אַ סך אידענעס גייען נאָך, און ווײנען און יאָמערען מיט באַנומענע קולות, און מיט משונה׳דיגע טענות און ווערטער, פון וועלכע איך פאַרשטיי גאָרנישט. אידען מיט פּושקעס אין די הענט קלינגען און שרייען: „צדקה תציל ממות״. און עס גייען נאָך כמעט די גאַנצע שטעדטעל ווייבער און מאַנסביל, אַזעלכע ערנסטע מיט פינסטערע פּנימ׳ער, און די ווייבער ווישען די אויגען מיט די ברעגעס פון זייערע פאַרטוכער, און די מאַנסביל שנייצען די נעזער און ווישען אָפּ מיט זייערע קאָלירטע היפּשלעכע נאָזטיכלאַך. און די גאַנצע פּראָצעסיע גייט צום בית עולם, מיט די אַנגעפּיקעוועטע שטיינערנע מצבות, וואו דער טאַטע האָט מיר שוין איינמאָל אום תשעה באב געפירט און האָט פּרובירט מיר דערקלערען וואָס דער פּלאַץ איז און וואָס דער טויט מיינט, און אַז אַלע מענשען מוזען קומען אַהער, און זיך לייגען אין דער ערד אַריין מיט אַ שטיינערנע מצבה פון אויבען און ליגען לאַנג, לאַנג, זייער לאַנג, ביז משיח וועט קומען...

איך געדענק ווי דער טאַטע האָט מיר מיטגענומען, ווען ער איז געגאַנגען מנחם אבל זיין רייזעלעס מאַמען, רבקה. זייער שטיבעל איז געווען אַ נידעריגע, מיט אויסגעבויגענע ווענט מיט הויכע פּריז־בעס ביז די פענסטער, די טיר איז געווען אַ נידעריגע, און מיין טאַטע, אַ הויכער איד, האָט זיך געמוזט גוט איינבויגען, ווען ער איז

דורכגעגאַנגען דורך דער פאָרהויז־טיר, און נאָכדעם דורך דער צווייטער טיר אין הויז אַריין. רבקה, מיט איר עלטערען זון, אויך אַ שניידער, זיינען געזעסען אויף קליינע נידעריגע קעסטלאַך, אָן שיך, אין איינע זאָקען. ביי איר זיינען געווען די אויגען געשוואָלען און רויט פון וויינען, און רייזעלע אַ פאַר׳חושכ׳טע, ניט קיין געוואַשענע איז געזעסען לעבען איר, אַזאַ אומעטיגע, אַ שטילע און האָט זיך אָנגע־האַלטען אָן איר קלייד, ווי זי וואָלט זיך פאַר עמיצען געשראָקען. דער טאַטע האָט זיך געזעצט אויף אַ בענקעל, האָט עפּעס געזאָגט אַ פּאָר ווערטער צו רייזעלעס מאַמען. איך בין נישט אָפּגעטראָטען פון טאַטען, און בין די גאַנצע צייט געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן זיינע קני, און איך בין נישט צוגעגאַנגען צו רייזעלען, און איר ניט גע־שלעפּט פאַר דער קליידעל אין דרויסען אַרויס זיך צו שפּילען מיט מיר, ווי מיין שטייגער איז געווען. עפּעס האָב איך געפילט און פאַרשטאַנען אַז רייזעלע קען נישט און טאָר זיך נישט שפּילען, ווען איהר מאַמע זיצט אויף אַ קעסטעלע אין איינע זאָקען מיט אַן איינ־געריסענע בלוזקע אין פראָנט, און אירע אויגען זענען געשוואָלען פון וויינען, און איר טאַטען בענטשע האָט מען אַוועקגעטראָגען אויפ׳ן בית עולם און מען האָט איהם שוין צוריק נישט געבראַכט פון דאָרטען.

פון דאַן אָן האָט רייזעלע צוגעקראָגען דעם נאָמען יתומה, און מען האָט איר גערופען רייזעלע די יתומה. איך האָב זיך נאָך מער צוגעבונדען צו איר, און איך בין געוואָרען איר באַשיצער, און ווען עמיצער האָט זיך פאַרטשעפּעט מיט איר, האָב איך זיך אָנגענומען פאַר איר. ניט איין חבר׳ל מיינער האָט געקראָגען אָנגעבראָכען די ביינער פון מיר פאַר אָנהויבען זיך מיט רייזעלע די יתומה. און רייזעלע האָט זיך גענויטיגט אין איר באַשיצער. איר מאַמע פלעגט אַוועקגיין גאַנצע טעג אַרבעטען אויף די גערטענער און פלעגט ערשט קומען פאַרנאַכט אַהיים, אַ פאַרמאַטערטע און אַ צובראָכענע, און רייזעלע פלעגט בלייבען אַליין אַ גאַנצען טאָג אָהן אַ מאַמען און אָהן אַ טאַטען, און פלעגט זיך אומבלאָקייען איבער׳ן געסעלע אַ האַלב הונגעריגע און אַ האַלב נאַקעטע, און עס פלעגען זיך שוין געפינען

צעלאָזענע און האַרצלאָזע זשוליקלאַך, וואָס האָבען איר געגעבען אַ קלאַפּ, אָדער געריפען אַ צונאָמען, אָדער צוגענומען ביי איר עפּעס אַ צאַצקע. ווען איך פלעג אָבער קומען פון חדר, און איך האָב זיך דערוואוסט ווער עס האָט זיך אָנגעהויבען מיט רייזעלען, האָט שוין יענער געכאַפּט אַן אָפּשניט פון מיר, און איך פלעג באַצאָלען אירע אָנגרייפער כפל כפליים. רייזעלע איז געווען אונטער מיין פּראָטעקציע, די גאַנצע צייט וואָס איך האָב געלערנט ביי מיין ערשטען רבי׳ן, נחום וועלוועל. איך האָב ניט איין מאָל פאַרשפּעטיגט אין חדר אַריין, ווייל איך האָב זיך פאַרשפּילט מיט רייזעלען, און ניט איין מאָל פלעג איך קומען אַהיים אַ צודראַפּעטער, קעמפּענדיג אירע מלחמות. עס איז מיר אָבער נישט געווען קיין זאַך צו שווער פאַר רייזעלען די יתומה.

איך האָב געענדיגט דעם קורס ביי נחום וועלוולען, דאָס האָט געמיינט פיר זמנים, אָנפאַנגענדיג פון דאַווענען מיט פירוש המלות, די פינף חומשים און תנ״ך ביז ישעיה, און דער טאַטע האָט מיר אַריינגעגעבען צו בערען, ביי וועמען איך האָב אָנגעהויבען לערנען גמרא און דעם תנ״ך ישעיה. ביי בערען האָב איך שוין געלערענט פון ניין אינדערפרי ביז ניין ביינאַכט. איך האָב צוגעקראָגען נייע חברים, און איך בין געוואָרען אַן אמת׳ער חדר אינגעל. מיינע שפּילע־רייען זיינען שוין געווען אמת׳ע אינגעלשע, שפּילען אין ביטקעס, גיין רייסען באַרען אין דעם גלח׳ס סאָד, אַרויפקריכען אויפן שפּיץ שלאָס, גיין שבת נאָך וואַרמעס עסען יאַגדעס אין יעבלאָנעשצענער וועלדעל, אַ וויאָרסט פון שטעדטעל. גיין גליטשען זיך אויפ׳ן טייך אום ווינטער און פאַרפירען אַ מלחמה מיט שניעזשקעס מיט די שקצים, שרייען „סאמאָוו״ ווען גרשון דער שמש פלעגט בענטשען חנוכה ליכטלעך אין בית המדרש, אַריינוואַרפען „זוטשקעס״ די אידען אין די בערד אום תשעה באב, און אָוועקשאַרען די היי פון אונטער זייערע פיס אום יום כיפור. איך בין ביסלאַכווייז דערווייטערט געוואָרען פון רייזעלען. איך זע איר שוין זעהר זעלטען, און איך האָב שוין ניט קיין אינטערעס צו שפּילען זיך מיט איר, אָדער מיט אַנדערע מיידלאַך פון געסעל. רייזעלע אַליין האָט זיך שוין אויך אויפגעהערט צו־

וואַלגערען אין גאַס, זי איז שוין אַ היפּשע מיידעל, און זי העלפט איר מאַמען אויף די גערטענער. זי גייט אַוועק גאַנץ פרי, ווען איך שלאָף נאָך, און זי קומט פאַרנאַכט און זי לייגט זיך גלייך שלאָפן. רייזעלע שפּילט זיך שוין ניט מער, נישט מיט מיר און נישט מיט אירע חבר׳טעס פון געסעלע. און ווען איך קום אַהיים עסען וואַרמעס איז רייזעלעס שטיבעל פאַרשלאָסען. רייזעלע מיט איר מאַמען זיינען ערגעץ ווייט הינטער׳ן שטאָט אויף די גערטנער. איך זע איר בלויז שבת, ווען איך גיי פון שול מיט׳ן טאַטען, און טראָג דעם טאַטען׳ס סידור מיט׳ן טלית. רייזעלע זיצט דאַן מיט איר מאַמען אויפ׳ן פריזבע. איר מאַמע, רבקה, איז געוואָרען אַזוי אַלט און איר פּנים איז ברוין, פאַרברענט פון זון. זי קוקט אויף אונז מיט אַזעלכע בייזע אויגען, און אַרום איר מויל האָבען זיך אויסגעלייגט אַזעלכע בייזע און דראָענדע קנייטשען. אויף מיין טאַטען׳ס „גוט שבת" ענטפערט זי בלויז מיט אַ שאָקעל פון די ליפּען. רייזעלע אַליין איז עפּעס אויך נישט די זעלבע, זי שפּרינגט נישט, זי לאַכט נישט, זי זיצט אַזוי ערנסט, אַזוי שטאַטנע, ווי אַ גרויסע, לעבען איר מאַמען און ווען זי דערזעהט מיך, לאָזט זי אַרונטער די אויגען. איך באַטראַכט איר מיט איר מאַמען, און אין מיין האַרצען דערוועקט זיך אַ געפיל פון רחמנות און באַדויערען. יונג ווי איך בין, פאַרשטיי איך אַז אויף רייזעלען מיט איר מאַמען איז אַ גרויסער, גרויסער רחמנות.

די יאָרען לויפען. איך בין שוין אַ היפּשער בחור׳ל, און איך גיי שוין אין דער ישיבה. איך בין אַ מתמיד, און מיין טאַטע לייגט אויף מיר גרויסע האָפענונגען אַז איך וועל זיין אַ רב. איך טראָג אַ סורדוט מיט אַ שפּאַלט, האַלט די גמרא אונטער׳ן פאַכווע, און גיי מיט אַ פאַריסענעם קאָפּ אין ישיבה אַריין. איך לערן תוספות מיט מהרש״א, איך הער ר׳ חיים לייבס שיעור, מיינע חברים זיינען גרויסע בחורים, אַנגעפאַרענע פון אַרבע פּינות רוסלאַנד אין אונזער שטאָדטישע ישיבה אַריין. עס גייט אַוועק אַ פּאָר יאָהר, און איך בין אַריינגעטאָן מיט לייב און לעבען אין איין זאַך, אין דער גמרא. איך שלינג איין בלאַט נאָכן צווייטען, איין מסכתא נאָך דער צווייטער. איך האַלט זיך גרויס מיט דעם וואָס איך פאַרשטיי דעם תוספות

אָדער די מהרש״א בעסער ווי אַנדערע בחורים, וואָס זיצען מיט מיר ביי איין טיש, און איך פיל זיך געשמייכעלט און איבערגליקלאַך, ווען זיי בעטען מיר אַז איך זאָל זיי געבען צו פאַרשטיין די פאַרדרייטע און פאַרפּלאָנטערטע סוגיא פון בית כור. איך פיל זיך גרויס, און בין גאַנץ דערהויבען, ווען איך דערקלער עטלעכע בחורים וואָס זיצען אַרום מיר וואָס דער פּעטריקאָוער האָט געפרעגט ר׳ חיים לייבן, ביים היינטיגען שיעור, און וואָס ר׳ חיים לייב האָט אים געענטפערט. די בחורים קוקען מיר אין מויל אַריין, און דער זשיטאָמירער, וועל־כער האַלט זיך גרעסער פון מיר און דענקט אַז ער קען מער לערנען פון מיר, זיצט אָן דער זייט און קוקט אויף מיר מיט קנאה און איז אייפערזיכטיג וואָס די בחורים ווענדען זיך צו מיר און ניט צו אים. איך וואַרף אים צו אַ שפּאָטישען בליק און נעם זיך איינקנעלען מיט דער חברה וואָס דעם פּעטריקאָווערס קשיה איז געווען, און ווי אַזוי ער איז געקומען דערצו, און גלייך נאָכדעם גיב איך זיי צו פאַרשטיין ר׳ חיים לייב׳ס תירוץ, און ווי אַזוי עס פאַלט אַוועק זיין קשיא. נאָכדעם ווי ר׳ חיים לייב האָט געגעבען אַביסעלע אַן אַנדער קנייטש אין ר׳ חייא׳ס ווערטער. די בחורים גייען אַוועק אויף זייערע ערטער צופרידענע און באַרואיגטע, און דער זשיטאָמירער קוקט אויף מיר מיט אָפענע שנאה, קענטיג אַז ער האָט זיך אויך צוגע־הערט צו מיין דערקלערונג און ער פילט אַז איך האָב עס ריכטיג דערקלערט, און זיין האָפענונג אַז איך וועל עס זיי נישט קענען געבען צו פאַרשטיין, און ער וועט האָבען אַ געלעגענהייט צו ווייזען, אַז ער קען מער פאַר מיר איז צערונען. ער פאַרשטעמעט די ציין, וואַרפט מיר ווידער צו אַ בייזען און גיפטיגען קוק, און זינקט אַריין די קאָפּ אין דער גמרא.

רייזעלע איז אויך פאַר דער צייט אויסגעוואַקסען און איז געוואָרען אַ גאַנץ היפּשע מויד. דאָס העלפען אַרבעטען דער מאַמען אויף די גערטנער האָט איר גאָר נישט געשאַדט. אין געגענטייל עפּעס ווי אויף צו להכעיס איז זי שענער און געזינטער פון אַלע מיידלעך פון אונזער געסעל, האָט רויטע באַקען מיט געזונטע, ווייסע ציין, אַ לאַנגען שטייפען און קרעפטיגען האַלז מיט אַ שווערען שוואַרצען צאָפּ האָר

אַריבערגעוואָרפען איבער די פעטלאַכע און חנ׳עוודיגע פּלייצעס, אַ פולע און ניט אַ צו הויכע ברוסט וועלכע פלעגט זיך וויגען, צאַפּלען און ווינקען, און רייצען אַפילו אַזאַ יונגען ישיבה בחור ווי איך בין געווען. רייזעלעס מאַמע האָט איינגעזען אַז עס איז נישט קיין תכלית פאַר רייזעלען צו אַרבעטען אויף די גערטנער, און זי האָט איר אַוועקגעגעבען דינען ביי די מייעראָוויטשעס, דעם גרעסטן גביר פון שטעדטעל. דאָרטען איז זי אָפּגעווען אַ פּאָר יאָהר און זי האָט זיך צעבליט אין אַ קרעפטיגע און רייצענדע פריילין. און נישט איינמאָל, פלעגט איר מאַשע, מייעראָוויטשעס טאָכטער, מקנא זיין איר געזונטען און אַנטוויקעלטען קערפּער, איר קלאָרען און ראָזעווען לייב און אירע לייכטע און גראַציעזע באַוועגונגען. צו דער מאַמען, אין אונזער שמאָלער געסעל פלעגט רייזעלע קומען זעלטען, און איך פלעג איר נאָך זעלטענער האָבען אַ געלעגענהייט צו זען, און איך האָב מיט איר קיינמאָל נישט גערעדט, ווען איך פלעג איר אַמאָל יאָ באַגעגענען. איך בין געווען אַ ישיבה בחור וועלכער איז געווען זייער ווייט פון אַזעלכע זאַכען ווי רעדען צו אַ מיידעל. די איינציגע מיידעל מיט וועלכער איך האָב דאָן געוואַגט צו רעדען איז געווען מיין שוועסטער. אַז איך פלעג איר, רייזעלען, באַגעגענען, האָט זי שוין ניט אַראָפּ־געלאָזען די אויגען אויף דער ערד ווי דאָן אויפ׳ן פריזבע, זי פלעגט מיר קוקען גלייך אין די אויגען אַריין און האָט מיר געצוואונגען אָפּצוקערען מיין קוק אָן אַ זייט. עפּעס אַ צופרידענע מינע איז איצט געלעגען אויף איר פּנים, זי האָט שוין פאַרשטאַנען אַז זי איז טאַקע אַ דינסט, ניט קיין געלערענטע, זי איז אָבער שענער פאַר אַלע מיידלעך פון שטעדטעל.

נאָך אַזאַ באַגעגעניש מיט רייזעלען, און נאָך איר אַריינדרינגען מיט אירע אויגען אין מיר, פלעג איך שוין אָפליגען אַ האַלבע נאַכט און טראַכטען און קלערען פון איר, און אַז איך פלעג איינשלאָפען, האָט זיך מיר גע׳חלומ׳ט פאַרשיידענע פאַסירונגען אַלעס אויסגעמישט מיט רייזעלען.

רייזעלע איז אַוועקגעפאָרען דינען אין וואַרשע, און אין אַ געוויסען פרימאָרגען איז איר מאַמע אַריינגעקומען צו אונז אין הויז און האָט

אין שאַפּ און אויסערן שאַפּ

אָנגעזאָגט די בשורה אַז רייזעלע האָט חתונה געהאַט אין וואַרשע. מיין מאַמע האָט איר געוואונטשען מזל־טוב און רייזעלעס מאַמע האָט געדאַנקט און געוואונטשען: הלואי ביי אייערע קינדער, און האָט דערביי באַדייטענד געקוקט אויף מיר.

איך בין שוין יענעם טאָג אין ישיבה ניט געגאַנגען. איך בין אַוועק אונטער׳ן שטאָדט און איך האָב אַ גאַנצען טאָג אומגעבראָדזשעט און זיך ניט געקענט באַרואיגען און אַליין ניט געוואוסט וואָס מיט מיר איז. פאַר מיינע אויגען האָט זיך אַלץ געביטען פאַרשיידענע געשטאַלטען פון רייזעלען. אָט האָב איך איר געזען אַ קליינינקע מיט ווייכע און וואַרעמע הענטעלאַך מיט געטאָקטע פעטינקע פיסעלאַך מיט אַ געקרויזטע קאָפּ האָר, און אָט האָב איך איר געזען זיצענדיג מיט די אויגען אַראָפּגעלאָזען צו דער ערד, און אָט זעה איך איר מיט דער יונגער און שטייפער ברוסט פון אַ זעכצען יאָהריגע קראַסאַוויצע, מיט דעם שווערען צאָפּ אַראָפּהענגענדיג איבער די יונגע און חנ׳עוודיגע פלייצעס, און אָט זעה איך איר אַלס פריילין, מיטען שטאָלצען קוק פון אַ באַוואוסטזיניגער שיינהייט, און מיט׳ן פולען שטורעמדיגען ברוסט פון אַ לוסטיגער באַגעריגער יונג־פרוי...

...ערשט צו נאַכט צו, בין איך אַריינגעפאַלען אין הויז אַ הונגעריגער, אַ פאַרמאַטערטער, און בין געפאַלען אויפן בעט און אַנשלאָפען געוואָרען.

אָן אַ קנעלונג

בערע, אַ מלמד פון די מיטעלמעסיגע דארגעס, אין דער לומדות משכילישער שטעדטעל מ., איז געקומען פון מעריב אַהיים. נאָר זיין אויסטאָן דעם אויבער־ראָק, נאָכ׳ן קרעכץ, און נאָך די איבעריגע מינעס, האָט זיין ווייב, נעכע, וועלכע איז געזעסען און געשטריקט אַ זאָק מיט אַ פרומען, ערנסטען פנים, פונקט, ווי זי זאָל געווען מאַכען אַ פרוכת אָדער עפּעס אַנאַנדער הייליגע זאַך, פארשטאַנען, אַז קיין גוטע נייעס דאַרף זי נישט דערוואַרטען פון איר בערען. נעכע האָט זיך אויפגעהויבען און גענומען גרייטען צום טיש. זי האָט פאַרשפּרייט אַ שוין פון לאַנג ניט געוואַשענעם ווייסען טיש־טוך איבער אַ האַלבען טיש, אַרויפגעלייגט אַ האַלבען לעבעל אַלט־געבאַקענעם ראַזעווען ברויט מיט אַ מעסער, אַוועקגעשטעלט אַ שאַלניצקע זאַלץ און אַוועק צום אויוון אַרויסנעמען די „וועטשערע". בערע האָט זיך געוואַשען די הענט און גאַנץ פאַמעלאַך זיי אָפּגעווישט מיט דעם לאַנגען האַנט־טוך, וואָס איז געהאַנגען איבער׳ן וואַנט; זיך געזעצט אויבענאָן, און שניידענדיג אָן המוציא־ברויט, האָט ער געמאַכט אַ ברכה, און ענדיגענדיג דעם ערשטען ביסען, האָט ער זיך געווענדעט צו דער ווייב, אַפּריער בלויז מיט פערטעל־ווערטער, נאָכדעם מיט האַלבע־ווערטער און צולעצט טאָקע מיט אמת׳ע דבורים, אַז היות, אַז עס איז חס־וחלילה גאַנץ מעגליך, דאָס ער, בערע, דער מלמד פון דער שוואַרצער משפחה, וואָס ער לערענט תנ״ך מיט׳ן אמת׳ן ביאור, און וואָס ער איז דער גרעסטער בעל־מדקדק פון דער געלערענטער שטעדטעל מ., און וואָס ביז איצט פלעגט מען אָפּשלאָגען זיינע שוועלען און אָנגעבאָטען אים דעם גרעסטען מקח, פינף און צוואַנציג קארבען אַ זמן, און ער פלעגט בלויז נעמען דעם מובחר־מן־המובחר, איז רעכט, אַז ער זאָל איצט בלייבען אָן אַ קנעלונג. און ווען נעכע האָט

אים גאָרנישט געענטפערט, און האָט אומשולדיג און אַ ביסעל צעטו־מעלט געקוקט אויף אים. האָט בערע, שוין מיט אַ העכערען טאָן און אַ ביסעל אין כעס געזאָגט:

— וואָס קוקסטו, אידענע, אַז מען זאָגט דיר, אַן אַ קנעלונג, איז טאַקע אַן אַ קנעלונג, טאַקע אַזוי פּשוטו כמשמעו. איך האָב נאָך קיין אויסזיכט נישט אַפילו אויף איין אינגעל. עפּעס האָט מיר אברהמל ראַבעס געגעבען האָפענונג אויף נחמן דעם שאפערס אינגעל, און ער האָט מיר עטלעכע וואָכען אַלץ געפּירט, אַז ער וועט זען, דאָס נחמנ׳ס אינגעל זאָל אָנקומען צו מיר, ער האָט מיר אַלץ דערציילט, אַז ער האָט אַ גרויסען איינפלוס אויף מירקען, נחמנ׳ס ווייבעל, און אויסגעלאָזען האָט זיך, אַז נחמנ׳ס אינגעל איז אַוועק צו דעם נייעם מלמד, דעם ליובצער, וואָס מען גייט אַראָפּברייינגען אַהער. אָט דער גזלן, דער ליובצער, קומט אַ פּנים מיר מקצר זיין די יאָרען. אַלע מיינע קינדער זיינען אַוועק צו אים, וואָס דאַרפסטו מער, אַז אַפילו סאכאראוויצעס מיזיניקעל קומט אויך אָן צו אים.

נעכע קוקט אויף איר בערען, און איר פּנים דריקט אויס טיפען מיטלייד, זי פּרובירט אים טרייסטען מיט דעם געוויינלאכען אידישען „גאָט וועט העלפען״, „גאָט וועט אונדז ניט פאַרלאָזען״, אָדער „גאָט שפּייזט דאָך אַ ווערימעל אונטער אַ שטיין״. אָבער בערע לאָזט זיך נישט טרייסטען. עפּעס אַ קלייניגקייט, עס איז דאָך שוין ערב יום־טוב, און דאָ האָט ער נאָך צומאָל נישט געמאַכט קיין אָנהויב. בערע ענדיגט עסען די וועטשערע, גיסט אָפּ מים־אַחרונים און בענשט מיט כוונה, מיט צוגעמאַכטע אויגען, אין יענע ערטער, וואו עס רעדט זיך וועגען פּרנסה. ער האָט געענדיגט דעם בענטשען, און ער נעמט זיך אָנטאָן דעם מאַנטעל און קלייבט זיך גיין ערגעץ, קרעכצענדיג און זאָגענדיג צו זיין נעכען:

— נו, דערלעבט יאָרען, אַז בערע זאָל אין סאָמע ערב יום־טוב זיין אָן אַ קנעלונג, און זאָל זיך דאַרפען שלעפּען שפּעט ביינאַכט צו שלמה חיימ׳ען, בעטען אים, ער זאָל זיך עפּעס אויסטאַרען פאַר מיר. אַוועק די צייטען, ווען ביי שלמה חיימ׳ען איז געווען אַ זכיה, אַז איך האָב אים געענטפערט גוט־יאָר אויף זיין גוט־מאָרגען.

בערע האָט שוין דערווייל פאַרשפּיליעט דעם מאַנטעל, גענומען דעם שטעקען, און אַ קוש טוענדיג די מזוזה גייט ער אַרויס פון הויז.

נעכע באַגלייט אים מיט ליבענדע און מיטפּילענדע אויגען, און דערזעענדיג, אַז איר בערע האָט פאַרגעסען אָנטאָן די קאַלאָשען לויפט זי אים נאָך אַ צושראָקענע און קערט אים אום ער זאָל זיי אָנטאָן, ווייל ביי שלמה חיים׳ען אויפ׳ן ניישטעדטעל איז נאָך טיפע בלאָטעס, און ער קען זיך נאָך דורכנעצען די פיס און זיך פאַרקילען. בערע טוט אָן די קאַלאָשען, בייזערענדיג זיך אויף זיין נעכען:

— דו נאַרישע אידענע, דו, קאַלאָשען גאָר אום ערב־פּסח. וואָס אַ אידענע קען איינפאַלען, קאַלאָשען גאָר אין אַזאַ וואַרעמען וועטער, וואָס ווייבער זיינען.

נעכע איז געבליבען אַליין. זי האָט צוגענומען פון טיש, האָט אויסגעוואַשען די געשיר, און זי האָט זיך ווידער גענומען פאַר דער זאַך. נעכע שטריקט, און זי טראַכט פון אירע פאַרגאַנגענע דרייסיג יאָר פאַרהייראַטען לעבען מיט איר בערען. זי דערמאָנט זיך, וואָס פאַר אַ כבוד עס איז דאָס דאַן געווען צו זיין די ווייב פון דעם ערשטען מלמד פון שטאָדט, ביי וועמען עס האָבען געלערענט די קינדער פון דער גאַנצער שוואַרצער משפּחה. ווי אַלע ווייבער פון געסעל פלעגען דאָס איר אָפּגעבען דעם ברייטען גוט־מאָרגען, און ווי אין יאַטקע פלעגט מען איר טראָגען דעם שיינעם חלק פלייש אַנטקעגען, און ווי ברוך, דער פישער, פלעגט איר דאָס באַגעגענען מיט אַ פריינדליכער און אונטערטעניגע מינע, און שטאַלצירענדיג, וואָס זי קויפט ביי אים און ניט ביי משה־פאַרך, פלעגט ער אַרויס־נעמען פון קויש דעם שענסטען העכט, און שפּיגלענדיג זיך מיט אים, און האַלטענדיג אים אַזוי, אַז אַלע ווייבער זאָלען אים זען, אַרויפלייגען אים אויפ׳ן וואָג. הייַנט, וואָס פאַר אַ כבוד מען פלעגט דאָס איר אָפּגעבען אין דער ווייבערשער שול. נאָך דער רביצין און נאָך די ווייבער פון דער שוואַרצער משפּחה, איז זי, נעכע, געווען די גרענד דאַמע. עפּעס אַ קליינינגקייט נעכע בערעס, ביי וועמען עס לערנען די קינדער פון דער סאַמע אַריסטאָקראַטיע פון דער וואויל־געלערענ־

טער און איבער גאַנץ ליטע באַוואוסטער שטעדטעל מ., זיין דער ערשטער מלמד אין מ. איז ניט פון די קליינע זאַכען, נאָך די רבנות איז דאָס דער גרעסטער כבוד.

פאַר אַ גאַנצען פערטעל יאָרהונדערט איז בערע געווען דער ערשטער מלמד פונעם שטעדטעל, און בערעס תנ״ך האָט געשמ׳ט איבער צענדליגע מיילען. צו זיין אויסטייטשען אַ פסוק, איז ניט געווען קיין גלייכען אין דער גאַנצער גובערניע, פון דעם שטאַנד־פונקט פון די מבינים, איז דאָס געווען אמת׳ע קונסט. אין דעם תנ״ך איז בערע געווען סופרים, אין זיינע שווערע און פארפּלאָנטערטע פסוקים, איז ער, בערע, געווען דער אויטאָריטעט, פאַר ווענען אפילו דער רב און דער ראש־ישיבה האָבען זיך געמוזט בייגען. ווען דער רב האָט שבת־הגדול געזאָגט זיין דרשה אין דער גרויסער און קאַלטער שול פון שטעדטעל, און עס פלעגט קומען צו אַ פּסוק פון תנ״ך, פלעגט דעם רבס אויסטייטש אַרויסרופען אַ שמייכעל ביי בערען און ביי זיינע צענדליגע געוועזענע תלמידים, וועלכע האָבען זיך געפונען דאָן אין שול; און עפּעס, אַזוי ווי דורך אַ כישוף, פלעגט אַלעמענס אויגען, אין יענער מינוט, זיין געווענדעט, נישט צום גרויסען און פון אַלעמען געאַכטען רב, נאָר צום פּלאַץ וואו בערע, דער מלמד, איז געשטאַנען.

אויף אַלץ קומט אָבער אַ צייט, און אויף בערעס גרויסקייט איז אויך געקומען די צייט. די פּעריאָדע פון דער השכלה איז אַריבער און מיט איר זיינען פאַרשוואונדען די פּאַטריאַטען פון דעם תנ״ך מיט׳ן ביאור, און עס זיינען בלויז געבליבען די פרומע, די אַלט־וועלטיגע, וועלכע ווילען, זייערע קינדער זאָלען נאָר לערנען גמרא, און די גאָר היינטיגע, ווען עס גייט ניט אָן, ניט די גמרא און ניט דער תנ״ך. זיי, די היינט־וועלטיגע, שיקען גאָר זייערע קינדער אין די שקאָלעס, וואו זיי לערנען גאָר גראַמאַטיקע, אַריפמעטיקע, מיט היסטאָריע, פון וועלכע בערע האָט קיין אַנונג נישט, און די איצטיגע קינדער פון דער שוואַרצער משפּחה גייען גאָר אין אוטשילישצע און ווילען פון בערען מיט זיין קונסט ניט וויסען. און דער פרומער קלאַס קוקט אויף בערען, ווי אויף אַ שטן מקטרג, ווען זיי האַלטען

פאַר דעם שולדיגען אין דעם, וואָס די שוואַרצע משפחה שיקט זייערע קינדער אין שקאָלע.

— מיר האָבען אימער געוואוסט, — זאָגען זיי, — אַז פון בערעס תנ״ך מיטן דקדוק וועט קיין גוטס נישט אַרויסקומען, און אַז דער ביאור וועט זיי פירן צום שמד.

און בערע איז געבליבען אויף דער עלטער אָן פאַרערער; די עטלעכע פאַמיליעס, וואָס האַלטען זיך נאָך אָן דעם תנ״ך, דענקען אָבער, אַז בערע איז שוין צו אַלט, און זיי האָבען אַראָפּגעבראַכט דעם ליובצער, אויף וועמען מען זאָגט, אַז ער איז נאָך גרעסער פאַר בערען, און מיט וואָס נעבע איז ניט איינשטימיג.

שוין דרייסיג יאָר, אַז זי, נעבע, הערט איר בערען לערנענדיג דעם תנ״ך מיט די קינדער, און זי ווייס, אַז קיינער וועט אַזאַ תנ״ך מיט די מ.—ער קינדער נישט קענען לערנען, און עפּעס אַ ליובצער יונגערמאַן, געוויס נישט.

אַ שדוך

אַז דוד, אַ באַלעבאַטישער בחור, אַ האַלבער לערנער און אַ האַלבער משכיל, און אַ גאַנצער גאָרנישט, איז געקומען פון סלוזשבע צו זיין טאַטען, אַן אָרעמער, פרומער, קליינשטעדטעלדיגער מלמד, האָט ער זיך ניט געהאַט צו וואָס צו נעמען; קיין בעל מלאכה איז ער נישט, אַ לערער דאַרף מען נישט אין שטעדטעל, און ער האָט דערצו קיין חשק אויך נישט; צוריק אין ישיבה גיין איז שוין צו שפעט, נישט אומזיסט שטייט אין פרק: „אויב דו וועסט איר פאַרלאָזען איין טאָג, וועט זי דיר פאַרלאָזען צוויי טעג", און ער איז שוין טאַקע זייער ווייט פון דער גמרא; אַרויסגיין אין מאַרק האַנדלען ווייס ער נישט ווי אַזוי, און זיצען ביים טאַטען און עסען, איז דער טאַטע אַ גרויסער אָרעמאַן, איז דער איינציגער אויסוועג, טאָן אַ שידוך מיט אַ תכלית.

נאָך אַ יאָר אַרומפאָרען און אָנקוקען כלות אין אַלע אַרומיגע שטעדטעלאַך, האָט ער חתונה געהאַט אין דער קליינער, בלאָטיגער, אָבער סוחרישער שטעדטעל נ., און איז אַריינגעפאַלען אין אַ שמאַלץ־גרוב. אויסער אַ ווייב, האָט ער אויך געקראָגען אין נדן, אַ גאַנצע קראָם אָנגעפאַקט מיט סחורה, אויפ'ן מיטען בלאָטיגען מאַרק אין נ., און אַ „שטאָט" איז מזרח וואַנט אין נ—ער בית־מדרש, וואָס זיין פאַרשטאָרבענער שווער האָט איבערגעלאָזען.

זיין שוויגער, אַ קלוגע און כיטרע אלמנה, האָט אַכטונג גע־געבען אַז דורך דער גאַנצער צייט, פון צווישען די תנאים און דער חתונה זאָל ער קוקען מער אויף דער קראָם, ווי אויף איר טאָכטער, וועלכע איז געווען אַ קליינע, שוואַרצע, מיאוסע מויד, און שוין ניט קיין יונגע.

דוד איז געווען אַזוי באַגייסטערט פון דער שמאַלץ גרוב, און

האָט אַזוי פיל געפּאַנטאַזירט וועגן זיין צוקונפטיגע ראָלע אַלס אָנ־געזעענער קרעמער אין נ., און אים איז אַזוי ענג געווען ביי זיין אָרעמען טאַטען, אַז ער האָט פאַרגעסען זיך צוקוקען צו זיין צוקונפ־טיגע ווייב, צו זיין אשת חיל, מיט וועמען ער דאַרף גיין צו דער חופה.

ערשט נאָך דער חתונה, אַז ער האָט זיך צוביסלאַכוויס דער־וואוסט אַז די קראָם סחורה איז ניט זיינע, ניט זיין ווייבס, און אויך ניט זיין שוויגערס, נאָר אַז אַלץ באַלאַנגט צו די וואַרשעווער סוחרים, וועלכע האָבען אויס רחמנות צו דער אלמנה איר געבאָרגט און איר געגעבען קרעדיט, האָט ער זיך צוגעקוקט און דערזען וואָס פאַר אַ יפה־פיה ער האָט געקראָגען, ווי קליין און מיאוס זי איז. ערשט דאַן, ווען אַלע טאָג האָבען אָנגעהויבען אַריינקומען אַלץ מער מענטשען מאָנען די גמילות חסדים, וואָס זיין שוויגער האָט אָנגעליען אויף חתונה הוצאות, האָט דוד באַטראַכט זיין ווייבעל, און ער האָט פאַר־שטאַנען אַז די שמאַלץ איז טאַקע אויסגערונען, אָבער די גרוב איז געבליבען.

ווען דוד האָט אָנגעהויבען טענה׳ן מיט זיין ווייבעל און מיט זיין שוויגער, היתכן? ווי נאַרט מען דאָס אָפּ אַ מענטשען אַזוי פיל? — האָט מען אים געענטפערט דעם באַוואוסטען פסוק פון „פּאַסליע חופי״. אין די וכוחים, פלעגט אים זיין קליינע ווייבעל באַפאַלען מיט אַ גאַנץ גרויסען פיסק, און ער האָט דערפילט דעם טעם פון בלויע ליפען, און זיינע אויערען האָבען דערהערט דעם קלאַנג פון דעם מאַרק זשאַרגאָן, און אַ צעטעל קללות, וואָס שטייט יאָ און וואָס שטייט ניט אין דער תוכחה.

אַ פיר יאָר צייט האָט זיך דוד אַזוי אַרומגעקריגט מיט זיין ווייב און שוויגער, פאַרוואָס מען האָט אים אָפּגענאַרט, און געגעבען אין נדן אַ קראָם מיט פרעמדע סחורה מיט גמילת חסדים צו צאָלען. דערווייל זיינען געקומען צוויי קינדערלאַך, אַ אינגעל מיט אַ מיידעל, און פרנסה איז געוואָרען ווינציקער און די חובות וואַקסען, און אין וואַרשע גיט מען שוין מער קיין וואַרע נישט, און די פּאַליצעס ווערען וואָס ווייטער פוסטער. און אַז דוד האָט דערזען אַז עס איז שלעכט,

האָט ער גענומען דעם לעצטען הונדערטער, וואָס מען האָט ווי עס איז צוזאַמענגעקלאַפּט אויף צו פאָרען נאָך סחורה און איז אַוועק קיין אַמעריקע.

אין אַמעריקע האָט זיך דער יאָלד דוד גענוג אָנגעפּלאָגט, ביז וואַנען ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט אויף אַן אייגענע סטאָר אין אַ קאַנטרי שטעדטעל, נישט ווייט פון שיקאַגאָ. ער האָט לאַנג געפּעדעלט און זיך גענוג אויסגעוואַלגערט און זיך אויסגעמוטשעט ביז וואַנען ער איז געוואָרען אַ קרעמער. ער האָט געקאַרגט און געשפּאָרט און געקליבען פּעני צו פּעני, און זיך ניט פאַרגונען דעם ביסען אין מויל, ביז וואַנען ער האָט אָפּגעשפּאָרט דעם נויטיגען קאַפּיטאַל צו עפענען אַ סטאָר פאַר זיך. דאָס האָט אים גענומען פינף יאָר. פאַר דער צייט האָט ער דער ווייב געשיקט וויניג געלד. זי האָט פון אים געקראָגען אַזוי פיל, וויפיל עס איז נויטיג געווען די נשמה צו דער־האַלטען, און עס איז איר אָנגעקומען מיט גרינעם גאַל, צו דערציען די צוויי קינדער און געבען זיי צו אַ מלמד און צו אַ לערער.

דוד׳ס ווייב, פריידעל, האָט אַנדערש ניט געדענקט, אַז ער האָט זיך דאָרטען אין אַמעריקע אָפּגעזוכט אַ דייטשקע און לעבט זיך ווי גאָט אין אָדעס. ניט אומזיסט שיקט ער אַזעלכע קורצע בריוו און אַזוי ווינציג געלד, אין דער צייט וואָס די אַנדערע „אַמעריקאַנער״ ווייבלאַך באָדען זיך ממש אין כל טוב. איר האַרץ איז צעפּוקעט געוואָרען קוקענדיג ווי די איבעריגע ווייבלעך לאָזען זיך וואוילגיין, מאַכען פאַר זיך און פאַר די קינדער די שענסטע בגדים, און עסען און טרינקען פון דאָס בעסטע, און זיי שיינען, זייערע פּנים׳ער שפּיג־לען פון גוטסקייט, און זי, פריידעל, גייט קרוע בלוע, דאַרף זיין אויסגערעכענט מיט דעם גראָשען און עס קלעקט איר קוים אויף דאָס סאַמע נויטיגסטע — אויב גאָט וועט איר נאָר לאָזען לעבען, און דוד וועט איר אַמאָל נעמען צו זיך, קיין אַמעריקע, וועט זי זיך מיט אים אָפּרעכענען. זי וועט אים שוין באַצאָלען פאַר די אַלע יאָרען וואָס זי האָט זיך אָנגעליטען. ער וועט שוין ביי איר אויסקרענקען דעם פעטען ביסען, עס וועט אים שוין אַרויסגיין באַקאָם די דייטשקעס. ווי דער־לעבט זי שוין אָבער די שעה, אַז ער זאָל שיקן נאָך איר מיט די

קינדער. אַז ער וועט שיקען נאָר איר, מיט דעם איז זי געווען זיכער. זי האָט געקענט איר דוד׳ן ער האָט צופיל ליב די קינדער, אַז ער זאָל זיי אַוועקוואַרפען, און ער איז אַ צו ערליכער מאַן צו טאָן אַזאַ זאַך, פּאַרט עפּעס אַ למדנ׳ס אַ זון. אין יעדען בריוו האָלט ער אין איין פרעגען אויף די קינדער, און זינט זיי האָבען אים, מיט זייערע אייגענע הענטלאַך אָנגעהויבען שרייבען גרוסען, שיקט ער צוויי רובל אַ וואָך מער. פאַר די דייטשקעס אָבער, וועט זי זיך מיט אים אָפּ־רעכענען, זאָל זי נאָר קומען קיין אַמעריקע, וועט זי אים שוין וויזען ווי צו פאַרגעסען אַן אַן אייגענע ווייב, ער וועט שוין ביי איר האָבען דייטשקעס.

דוד׳ן איז אָבער ניט געלעגען אין קאָפּ קיין דייטשקעס. ער ווייס אַז ער האָט חתונה געהאַט כדת משה, און אַז ער האָט אַ ווייב. אמת, אַ מיאוסע ווייב מיט אַ גרויסען פּיסק, אָבער זי איז זיין ווייב, די מוטער פון זיינע קינדער, וועמען ער האָט ליב ווי דעם לעבען, און וועמעס בילדער ער האָלט אין בוזעם קעשענע, און קען זיך אין זיי זאַט ניט אָנקוקען. ער שיקט איר ניט גענוג געלד וויל ער וויל אַ תכלית. ער ווייס אַז אייביג קען מען ניט פּעדלען, און זיין אַ נע ונד׳ניק; און ברענגען די ווייב מיט די קינדער און זיין אַ פּעדלער, דאָס וויל ער ניט. און אָט האָט ער שוין זיין אייגענעם געשעפט, און ער האָפט גאָר אין גיכען אַריבערנעמען זיין פאַמיליע אַהער, אַזוי גיך ווי ער וועט האָבען די נויטיגע פאַר דאָלאַר אויף די רייזע קאָסטען. ער וואָלט שוין וועלען דערלעבען די מינוט צו זען זיינע צוויי טייערע קינדערלאַך. געוויס זיינען זיי שוין גאַנץ היפּשע, זיי וועלען אים געוויס ניט דערקענען, אָבער ניין, ער האָט דאָך זיי ניט לאַנג געשיקט זיין פאָרטרעט און עס איז אַרויסגעקומען זייער ריכטיג, זיי וועלען אים יאָ דערקענען, ער זיי געוויס, כאָטש ער האָט זיי געלאָזען אַזעלכע עופה׳לאַך, ער קוקט דאָך אויף זייערע בילדער אפשר הונדערט מאָל אַ טאָג, און ער האָט נאָך די גאַנצע צייט וואָס ער איז אין אַמעריקע קיינמאָל זיך ניט געלייגט שלאָפען איידער ער האָט ניט געקושט זייערע בילדער. ער דערמאָנט זיך ווי איינמאָל זייענדיג אונטערוועגנס, האָט ער פאַרגעסען זייערע בילדער, און ער

האָט יענע נאַכט ניט געקענט איינשלאָפן, און ער האָט אויף מאָרגען זיך געמוזט אומקערען און נעמען זייערע בילדער, אַנדערש האָט ער זיך ניט געקענט באַרואיגען.

וועגען דער ווייב וויל דוד גאָר ניט טראַכטען, אַ אידענע איז אַ אידענע, זי וועט קומען אַהער, זי וועט אים געפינען אין אַן אייגענעם געשעפט, וועט זי זיין צופרידען, וועט זי ווערען מער מענש. מ׳וועט מאַכען אַ לעבען, וועט ניט זיין פאַרוואָס צו קריגען זיך. דוד האָפט אַז עס וועט אַלעס זיין אַללרייט. ווי דערלעבט מען שוין אָבער צו האָבען זיי דאָ און האָבען אַן אייגענע היים ווי אַלע מענשען. שוין צייט צו האָבען אַביסעלע נחת, אַזוי פיל יאָרען זיך אַנגעליטען, אויסגעדינט פּאַניען, זיך אַרומגעשלעפּט מיט׳ן פּאַק און מיט׳ן פערדעל, דאָ געטאָגט און דאָרטען גענעכטיגט.

דוד נעמט אַרויס דעם באַנק־בוך און קוקט זיך איין אין באַלאַנס, און זיינע אויגען הויבען אַן שיינען, אויף זיין פּנים צוגיסט זיך אַ ליכטיגער שמייכעל. יאָ, ער וועט נאָך מאָרגען גיין קויפען די שיפס־קאַרטען, און ער וועט אין באַנק לייען די איבעריגע געלט וואָס אים פעלט אויס. ער האָפט, אַז נאָך דעם ראש השנה וועט ער האָבען זיין ווייב מיט די קינדער.

אַז דוד האָט געקראָגען אַ בריוו פון זיין ווייב, אַז זי מיט די קינדער האָבען זיך געזעצט אויפ׳ן שיף, און אַז אין אַכט טעג וועלען זיי זיין אין ניו־יאָרקער האַפען, איז צו זיין פריידן גאָר קיין גרעניץ ניט געווען. ענדליך וועט ער דאָ האָבען זיינע קינדער לעבען זיך. ער וועט שוין ניט זיין עלענד, ער וועט האָבען אַ היים, ווי אַלע מענשען, אויס זיין נע ונד, אויס וואָרעמען זיך אַרום פרעמדע פייערען, אויס מיט׳ן באָרדער לעבען. ער וועט שוין האָבען אַן אייגענע היים, און וועט זיך קענען זעצען, שטיין און ליגען ווען און וואו אים וועט געפעלען. זיין לעבען וועט שוין ניט זיין אַזוי מאָנאָטאָנע און אַזוי וואָכעדיג. ער וועט האָבען זיינע קינדער, ער וועט האָבען וועמען צו ליבען און וועמען צו צערטלען. ער נעמט אַרויס זייערע בילדער און קוקט זיך ווידער אַמאָל איין אין זייערע ליכטיגע פּנימ׳ער, און אים ווערט אַזוי וואַרעם אויפ׳ן האַרצען, און אַ פריידענס טרער

באַווייזט זיך אין זיין אויג. ער איז גליקליך, אַט באַלד וועט ער זיי, זיינע טייערע, האָבען נעבען זיך און עס וועט זיך אָנהויבען גאָר אַנאַנדער לעבען. וועגען זיין ווייב, זיין פריידעל, האָט דוד גאָרניט געוואָלט אַ טראַכט טאָן. זיינע געדאַנקען זיינען אַזוי געווען פאַרנומען מיט זיינע קינדער, און זיין האַרץ איז אַזוי געווען אויסגעפילט מיט ליבע צו זיי, אַז פאַר זיין מיאוסע און קליינע פריידעל אין דאָרטען גאָר קיין פלאַץ ניט פאַרבליבען. און טאָמער איז זי דאָך אַרויפ־געשוואומען אויף זיינע געדאַנקען, האָט ער דאָס אַוועקגעמאַכט מיט׳ן האַנט. אַ אידענע איז אַ אידענע, וואָס איז דער אונטערשייד, אַביסעל אַ שענערע צי אַ ביסעל אַ מיאוס׳ערע, אַ גוטע און אַ געטרייע מאַמע צו די קינדער איז זי, אַן ערלעכע אידישע טאָכטער איז זי אויך, היינט וואָס נאָך דאַרף ער. זאָלען זיי שוין נאָר קומען, און עס וועט שוין אַלעס זיין גוט.

פריידעל אָבער, האָט ניט אויפגעהערט צו טראַכטען פון איר מאַן, איר דוד׳ן, די גאַנצע צייט וואָס ער איז אַוועק פון איר; און וואָס לענגער ער איז דאָרטען אין אַמעריקע געווען, אַלץ מער האָט איר קאָפּ געטראַכט און ספעקולירט, ווי אַזוי ער לעבט דאָרטען, וואָס ער טוט, און מיט וועמען ער פאַרברענגט. און אין איר האַרצען איז איר ליבע צו אים, צוזאַמען מיט איר אייפערזוכט אַלץ געוואַקסען, אַזוי אַז עס איז געווען שווער צו זאָגען וועלכער געפיל איז אין איר שטאַרקער. און פריידעל האָט געהאַט גענוג אורזאַך פאַרביידע געפילען. דוד איז אַ הויכער, אַ שלאַנקער, מיט אַ קאָפּ שוואַרצע געקרויזטע האָר, מיט שוואַרצע קלוגע אויגען, און ער איז אַ באַלזענער און האָט וואָס צו ריידען מיט מענשען און איבערהויפּט מיט פרויען. זי געדענקט נאָך ווי אַלע ווייבעלאַך פלעגען קוקען אויף אים און שמייכלען צו אים, און פלעגען נאָר זוכען צו פאַרטשעפּען זיך מיט אים און ציען זיין אויפמערקזאַמקייט. זי האָט פאַרשטאַנען זייערע שעלמישע שטיק און אַז זיי זיינען איר מקנא אַזאַ מאַן, און זי, פריידעל, פלעגט אָנקוועלען פאַר נחת. זי פלעגט אין אַזויגע מאָמענטען צורוקען זיך צו אים און ווערען צערטלאַך און אַרומנעמען אים, זאָלען זיי זען און זאָלען זיי צופּוקעט ווערען. זי נעמט אַרויס זיין בילד און זי קוקט

זיך אײַן אין אים, און איר דוכט זיך, אַז ער איז נאָך דאָרטען אין דער פרײַער מדינה, שענער געוואָרען, האָט זיך אָפּגעגאָלט די באָרד מיט די וואָנצען, האָט געקראָגען אַ געזונטען קאָרק, און קוקט אויס אינגער ווי ווען ער האָט איר פאַרלאָזען. זי איז איבערצייגט, אַז מיט אַזאַ אויסזען מוזען נאָך די ווײַבלעך מיט די מיידלעך דאָרטען קריכען און צושטײַן צו אים און הײנגען זיך אויף אים, נאָך מעהר ווי אין נ., און ער דער טרײפּניאַק, וואָס גלויבט ניט אין גאָט און זײַן געבאָט, מוז זיך געוויס לאָזען וואוילגײן, און זײַן גאַנצער ברײנגען איר קיין אַמעריקע איז נאָר צוליב די קינדער, און איר בלוט ווערט אויפגעקאָכט אין איר. זי פּילט אַז ווען זי האָט אים דאָ איצט, וואָלט זי אים זײַנע טרײפענע אויגען אויסגעריסען. זאָל זי נאָר קומען בשלום אין דער גאָלדענער לאַנד, און זי וועט זיך שוין מיט אים אָפּרעכענען, ער וועט שוין בײַ איר מער ניט לאָזען זיך וואוילגײן מיט שײנע ווײבלאַך. געהערט אַביסעל, האָט זיך געלאָזען אָפּגאָלען די באָרד מיט די וואָנצען און איז געוואָרען אַ בחור׳ל, כאָטש נעם און גיב אים אַ מויד, אַזאַ טרײפּניאַק, אַזאַ הפקר יונג. זאָל זי נאָר קומען בשלום און ער וועט שוין דאָרט זיך פאַרלאָזען וואָנצען, ער וועט שוין בײַ איר וויסען אַז ער איז אַ מאַן און אַ טאַטע, אויס דײטשקעס, אויס קוצעניו מוצעניו, האָסט חתונה געהאַט, האָסט אַ ווײב, טאָ קוק אויף איר און זײַ מיט איר, און האָב מיט קײנע פרעמדע ווײבלאַך קײן עסקים ניט.

און אָט איז ענדליך פריידעל מיט די קינדער שוין דאָ, און דוד קען זיך גאָר זאַט ניט אָנקוקען אויף זײַנע צווײ זיסע קינדערלאַך. זײ זײַנען אין דער ווירקליכקײט נאָך שענער און באַ׳חנ׳טער ווי אויף די בילדער. הײנט ווי קלוג און געראָטען זײ זײַנען, און ווי זײ זענען דאָס אַביסעל אויסגעוואַקסען פאַר דער צײט וואָס ער האָט זײ ניט געזען. דוד איז פאַרטאָן מיט זײַנע קינדער, מיט אײַנקויפען פאַר זײ קליידער מיט אַרײַנבריינגען זײ אין סקול, מיט פאַרברענגען מיט זײ נאָכ׳ן סקול, מיט העלפען זײ מאַכען די לעסאַנס און זען זײ זאָלען וואָס גיכער איבערנעמען די ענגלישע שפּראַך, און אויך מיט פאַרהערען זײ אין די אידישע למודים וואָס זײ האָבען זיך אויסגע־

לערענט ביי די מלמדים אין נ., און זען זיי זאָלען עס ניט פאַרגעסען, און מיט נאָך פילע קלייניגקייטען, וואָס אַ הייסען טאַטען קומט אויס צו טאָן פאַר זיינע קינדער. דוד איז אַזוי פאַרשמאַיעט מיט די קינדער אַז ער האָט זיך גאָר ריכטיג ניט איינגעקוקט און ניט באַטראַכט זיין פריידלען, ווי פאַרעלטערט זי איז געוואָרען אין דעם משך פון אַזאַ קורצע צייט, און ווי זי איז נאָך איצט מיאוסער ווי אַמאָל. אים איז די ווייב ווינציג אָנגעגאַנגען, קיין שיינע איז זי קיינמאָל ניט געווען, היינט וואָס איז אים דער אונטערשייד, אויב זי איז איצט נאָך אַביסעל מיאוסער געוואָרען; דער הויפט זאַך איז, וואָס ער האָט דאָ זיינע קינדער, און זיי זיינען געזונט, שיין און קלוג און ער ליבט זיי ווי דעם לעבען, און ער האָט אַ היים און ער דאַרף זיך ניט וואַלגערען אין דער פרעמד, זיין אַ באַרדער און קוקען יענעם אין די אויגען. ער איז איצט אַ באַלעבאָס פאַר זיך, פּאַרווינט פינף צימערען, און ער קען זיך פירען ווי אים געפעלט, און ער איז גליקליך. ער פילט, ווי נייע קרעפטען זיינען אים צוגעקומען, און אַז ער האָט געקראָגען גאָר אַ נייעם וועקסעל אויפן לעבען. ער נעמט זיך ענערגיש צו זיינע ביזנעס; די ווייב מיט די קינדער, גרינע ווי זיי זיינען, העלפען אים אונטער און עס גייט אַ גאַנג; זיין געשעפט וואַקסט, ער אַטענדעט איצט זיינע קאַסטימער פּינקטליכער ווי ווען עס איז פריער, און זיי זיינען צופרידען, און זיינע ביזנעס פאַרגרעסערט זיך, און ער איז גליקליך און צופרידען.

ניט אַזוי אָבער איז דער פאַל מיט פריידלען. אמת, אַז זי האָט געטראָפען דאָ ביי איר דוד׳ן אַן אייגענעם געשעפט מיט אַ גאַנצע באַלעבאַטישקייט, און עס פעלט איר קיין זאַך ניט, אָבער וואָס טויג איר דאָס אַלעס, אַז ער איז קאַלט צו איר, און ער קוקט זיך גאָר אויף איר ניט אום, אַז ער איז אימער פאַרנומען, אָדער מיט זיין ביזנעס, און אויב ניט מיט די ביזנעס איז מיט די קינדער. מיט איר, מיט זיין ווייב, האָט ער נאָך געהעריג קיין צוויי ווערטער ניט אויס־גערעדט, אָבער די קינדער און ווידער די קינדער, אָבער ביזנעס און ווידער ביזנעס, און זי, פריידעל עקזיסטירט גאָר ניט פאַר אים, אַזוי ווי אַ פרעמדע, עפּעס אַ דינסט, וואָלט זיך אומגעדרייט איבער׳ן הויז,

און דאָ איז ער געוואָרען אַזוי שייך, האָט זיך אַביסעל צובליט, איז געוואָרען אַ פאלנער מאַן; ער איז פיל שענער ווי אויף דער בילד וואָס ער האָט איר געשיקט; היינט ווי קלוג ער איז דאָס, אַלץ ווייס ער, און אַלץ פאַרשטייט ער, רעדט ענגליש ווי אַ וואַסער, אַ מענש זאָל זיך דאָס אויסלערנען אַ פרעמדע שפּראַך אין אַזאַ קורצע צייט. זי, פריידעל, וועט ניט קענען זייער שפּראַך ווען זי זאָל דאָ זיין דעם גאַנצען לעבען, אַז זי פאַרשטייט דאָך ניט אַ וואָרט וואָס זיי רעדען דאָרטען. פריידעל פילט ווי איר ליבע צו אים וואַקסט פון מינוט, אָבער נאָך גרעסער און שטאַרקער וואַקסט אין איר האַרצען די אייפערזוכט. מיט אַלעמען, מיט יעדע פרוי, האָט ער וואָס צו רעדען, און פאַר די שענערע האָט ער זאָגאר אַ ליבליכען שמייכעל, און פאַר איר, פאַר זיין ווייב, האָט ער קיין פריינטליכען וואָרט ניט, קיין פריינטליכע מינע ניט.

און דאָ אין אַמעריקע, נאָך מער ווי דאָרטען אין ג., לאָזען אים די ווייבלאַך ניט אָפּ, האַלטען אין איין לויפען אין סטאָר אַריין, ווען זיי דאַרפען עפּעס, און ווען זיי דאַרפען גאָרניט און האַלטען אין איין בינדען זיך צו אים, אין איין טשעפּען זיך מיט אים, און אין איין ציען זיין אויפמערקזאַמקייט און הערען ניט אויף צו שמייכלען צו אים, און צו פלוירטעווען מיט אים. פריידעל זעט דאָס אַלעס צו, און עס פלאַצט אין איר די גאַל. זי פילט, אַז זי וועט אָדער זיך אָדער אים אַ מיתה אָנטאָן.

פ ע נ י

ביז עני׳ס, דער אינגערער שוועסטערס חתונה, האָט פּעני זיך ווינציג געגומען צום האַרצען וואָס זי איז שוין אַט־אַט אַ בת שלושים. און פאַרוואָס זאָל זי זיך ערגערן? פּילע נייע באַקאַנטע מיט וועמען זי מיט דער אינגערער שוועסטער טרעפן זיך, נעמען גאָר איר אָן פאַר דער אינגערער, און דאָס מיינט דאָך אַז זיי נעמען איר אָן פאַר אַ גאַנץ יונגע, ווייל איר שוועסטער קוקט דאָך אויך ניט אויס אירע זיבען און צוואַנציג יאָר וואָס זי איז באמת אַלט. נאָך אַזאַ אינצידענט, איבערהויפּט נאָך, אַז דער וואָס האָט איר גענומען פאַר אינגער, איז אַ בחור, פילט זיך פּעני זייער געהויבען, און די עטליכע קנייטשען וואָס הויבען זיך לעצטענס אָן אויסצולייגען אויף איר שטערען, פאַרגייען אויף אַ היבשע ווילע און צוזאַמען מיט די קנייטשען, פאַרטאַיעט זיך ערגעץ וואו, דער באַוואוסטזיין, פון דעם אָנקומען אויף איר פון דעם דרייסיגטען יאָר. אין אַזעלכע טעג איז פּעני גאָר אַן אַנדערע. זי איז ניט קאַפּריזנע, ניט נערוועז, זי קרימט זיך ניט אויף דער מאַמען, זי האָט זאַגאַר געדולד מיט עני׳ן, מיט וועמען זי קריגט זיך געוויינטליך זייער אַ סך אַרום.

און פאַרוואָס צו קריגען זיך מיט עני׳ן איז דאָ. עני שטייגט איר אַריבער אין אַלע געביטען. זי איז פייאיגער פאַר איר אין דער אַרבעט און זי פאַרדינט אַ סך געלד, און צום אומגליק איז עני אַ גרויסער ספּאָרט. באַהאַלט ניט אירע פאַרדינסטען אין באַנק, נאָר זי האַלט זיך אין איין מאַכען טייערע קליידער, און זי רייסט אויף אַלעמענס אויגען. און שוין צוליב די מלבושים אַליין, מוזען די בחורים קוקען אויף עני׳ן און ניט אויף איר. און עס העלפט ניט וואָס זי טענה׳ט אַריין מיט איר, אַז זי זאָל ניט אויסגעבען די גאַנצע געלד אויף שמאַטעס, און זאָל בעסער שפּאָרען אַ דאָלאַר פאַר אַ

רעגענדיגען טאָג, און ברענגט איר פאַרשיידענעביישפּילען, ווי די גוטע בחורים קוקען זיך גאָר ניט איין צי די מיידעל איז שיין גע־קליידעט צי ניט. אויף עני׳ן מאַכען אירע רייד קיין ווירקונג. מיט דעם אינסטינקט פון דער פרוי פילט זי, אַז פעני מיינט ניט דאָס וואָס זי רעדט, נאָר אַז זי וויל איר צונעמען פון וועג, די בחורים זאָלען איר ניט דערזען, אָבער דאָס איז פאַר איר אוממעגליך נאָכצוגעבען. איר האַרץ ציט אַזוי, אָט צו דעם מין, אַז פון צוריק האַלטען זיך קען גאָר קיין רייד ניט זיין.

און איבערהויפּט פאַרשטייט זי ניט, פאַרוואָס פעני׳ן גייט דאָס אַזוי אין לעבען, זי זאָל זיך ניט וואַרפען די בחורים אין די אויגען. וואָס איז, זי מיט פעני׳ן זיינען די איינציגע מיידלעך אין שטאָדט? ווער איז איר שולדיג, אַז זי איז אַזאַ קריכערין, אַז עס נעמט איר אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך ביז וואַנען זי מאַכט באַקאַנטשאַפט מיט אַ בחור? און אַז זי איז אינגער פאַר פעני׳ן מיט צוויי יאָר, דאַרף זי זיך פאַרשפּאַרען אין הויז, ווי אַ מאַנאַשקע? אמת אַז פעני איז עלטער פאַר איר אין יאָרען, אָבער אין אַלע אַנדערע זאַכען פילט עני אַז זי איז די עלטערע. אַלץ פאַנגט עני אָן פריער, ערשט נאָכדעם טוט איר פעני׳ן נאָך. און אין אַלגעמיין איז זי, פעני, עפּעס אַ מאָדנע, אַ צוריקגעהאַלטענע, און עני האָט מורא, דאָס אויב זי זאָל דאַרפען וואַרטען ביז פעני וועט חתונה האָבען, וועלען זיי ביידע פאַרזיצען. אָט האָבען שוין אַלע אירע חבר׳טעס חתונה געהאַט, און זי דאַרף גאָר וואַרטען פאַר פעני׳ן.

פעני האָט זיך טאַקע געערגערט פון עני׳ס קליידען זיך און וואַרפען זיך די בחורים אין די אויגען, אָבער זי האָט זיך געטרייסט מיט דעם, וואָס זי זעט דאָך אויס אינגער פאַר עני׳ן. זי איז דאַרער פאַר יענער, שלאַנקער, און איר פּנים איז ניט אַזאַ ברייטער ווי עני׳ס, וואָס דאָס איז די הויפּט אורזאַך פאַרוואָס פילע נעמען עני׳ן אָן פאַר דער עלטערער. עס זיינען אויך געווען מאָמענטען וואָס זי האָט געפילט זייער יונג, און עס האָט זיך איר אויסגעדאַכט אַז זי גייט אויף צוריק, אַז זי ווערט גאָר אינגער אַנשטאָט עלטער.

אַזוי איז אַלץ געגאַנגען ביז וואַנען עני האָט חתונה געהאַט,

דעמאָלט האָט זיך אַלעס געענדערט. דער געדאַנק אַז איר ווערט באַלד דרייסיג יאָר, און זי וועט געהערען צו דעם קלאַס אַלטע מוידען, האָט זיך פאַרקליבען אין איר קאָפּ, און האָט זיך דאָרטען באַזעצט ווי אַ קלין, פון וועלכען זי קען זיך אויף איין מאָמענט ניט באַפרייען. און די שרעק פאַר דער צוקונפט, די מורא אַז זי וועט פאַרזיצען, האָט ווי אַ וואָרעם גענומען גריזשען איר האַרץ.

פעני האָט זיך גענומען צוקוקען צו די פאַרשיידענע פאַרעל־טערטע מיידלעך וועלכע זי האָט באַגעגענט אין שאָפּ און צווישען באַקאַנטע. זי איז געוואָרען מיט זיי אינטים און אויסגעהערט זייערע „סטאָריס" און אויסגעפונען ווי זיי פילען זיך, וואָס זיי טוען און ווי אַזוי זיי לעבען. זי האָט באַטראַכט ווי זיי קוקען אויס, און ווי די אַרומיגע קוקען אויף זיי. און פון אַלע אירע באַטראַכטונגען איז זי נאָך פעסטער איבערצייגט געוואָרען, אַז זי טאָר פאַר קיין פאַל ניט בלייבען קיין אַלטע מויד. זי מוז קריגען אַ חתן. און פעני האָט אָנגעהויבען טאָן פאַרשיידענע מיטלען צו דעם. ביז דאַן איז זי געווען קאָנסערוואַטיוו אין איר קליידונג, געגליכען טונקעלע שטילע קאָלירען, געמעסיגט אויפגעבייט. אַלץ אויף איר איז געווען נעט און איינפאַך. אָבער איצט האָט זי זיך גענומען אָנטאָן אין שרייענדיגע, אויגען אויפרייסענדע, קאָלירען, געבייט נאָך דער לעצטער מאָדע דעקאָלטע און די קליידלאך אַזוי קורץ ווי מעגליך. זי האָט זיך אָנגעהויבען לערנען טאַנצען, אַ זאַך וואָס איז איר פריער גאָרניט אָנגעגאַנגען. זי האָט זאָגאַר אָנגעהויבען ריידען ענגליש, אויך אַ זאַך וואָס זי האָט ביז דאַן ניט געוואָגט, כאָטש זי איז שוין געווען גאַנץ לאַנג אין לאַנד.

איר שוועסטער'ס חתונה האָט פעני'ן געטראָפען אומדערוואַרטעט. עפּעס אין אַ מיטען מיטוואָך האָט עני אים געבראַכט אין הויז אַריין, און פון דאַן אָן ביז דער חתונה, וואָס האָט אין גאַנצען געדויערט אַ פּאָר מאָנאַטען, איז זי געווען אַ פאַרפלאָמטע, אַ צוהיצטע, מיט אַ מאָדנעם ליכטיגען גלאַנציגען פייער אין אירע שוואַרצע ליידענ־שאַפטלעכע אויגען, מיט אַ גליקליכען שמייכעל איבערען גאַנצען ברייטלאַכען פנים, מיט אַ ביסעל מער צוציגענע נאָז פליגלען, און אַ היבש ביסעל מער צועפּענט אירע רויטע דיקליכע ליפּען. אַ

רינג האָט עני געקראָגען אַ גרויסען, אַ גלאַנציגען, אַן אָנזיכטיגען, וועמעס גלאַנץ האָט אויסגעפּילט אַלע פינף רומס. און ער האָט פאַר פעני'ן ניט איבערגעלאָזען קיין ליידיגען און פרייען ווינקעל. פאַר דער „סלאָער" פעני'ן איז דאָס געוועזן אַזוי פּלוצלונג, אַז זי האָט ניט געגלויבט אַז דאָס איז אויף אַן אמת, און ביז דעם טאָג פון דער חתונה האָט זיך איר אַלץ געדאַכט אַז עס וועט פון דעם גאָרניט אַרויס־קומען.

דערפאַר אָבער אַז עס איז געקומען די נאַכט פון דער חתונה, איז זי, דאַכט זיך, נאָך דער כלה, געווען די צופרידענסטע און די גליקליכסטע פון דער גאַנצער משפחה. איר פרויען אינסטינקט האָט איר גלייך אונטערגעזאָגט וואָס פאַר אַ שטעלונג צו נעמען און וואָס פאַר אַ פּנים פאַר דער וועלט צו ווייזען. קיינעם איז גאָר ניט איינ־געפאַלען אַז דאָס דרייט זיך אַרום דער כלה'ס אַן עלטערע שוועסטער. פעני האָט זיך אַזוי פאַרטיפט אין איר ראָליע, אַז זי האָט זיך כמעט אַליין געפּילט יענע נאַכט פאַר דער אינגערער, פאַר דער „קיד". זי האָט געשפּילט איר ראָליע אַזוי גוט, אַזוי נאַטירליך, ניט איבער־געשפּילט, אַז אַפילו דער מאַמעס האַרץ און אויגען, וועלכע האָבען איר ניט אָפּגעלאָזען דעם גאַנצען אָוונט, האָבען גאָרניט געקענט באַמערקען, און זי האָט זיך באַרוהיגט, זי האָט געדאַנקט גאָט וואָס אַלעס גייט כשורה.

די ערשטע צייט נאָך עני'ס חתונה, האָט זיך פעני אויסערליך געפּילט גאַנץ גוט. זי איז געבליבען אַליין אין בעד־רום און זי האָט, צום ערשטען מאָל אין לעבען, געהאַט פּלאַץ פאַר אירע זאַכען. פריער האָט עני פאַרנומען יעדען ווינקעל מיט אירע צאַללאָזע שמאַטעס און פעני האָט ניט געהאַט קיין פּלאַץ אַפילו פאַר אירע נויטיגסטע זאַכען. איר העט מיט די גלאָווס האָט זי צום מייסטען געפונען אויפ'ן דיל. קיין קריגען זיך האָט ניט געהאָלפען. די שטאַרקע עגאָאיסטישע עני האָט זיך אַפילו אויף איר ניט אומגעקוקט. זי האָט געמעגט צוזעצט ווערען רעדענדיג האָט זי איר ניט געענטפערט, און זי האָט זיך געטאָן איריגעס. איצט איז אַ פאַרגעניגען. עפּעס אַזאַ רחבות, פאַר זיך אַליין אַ גאַנצע שאַפע, זי האָט איר ניט פאַר

די אויגען, און פֿאַרשפּאַרט צופּוקעט ווערען פֿון איר אויף טריט און שריט.

אָבער אינערליך, טיף ערגעץ אין האַרצען און אין מוח, פֿילט פּעני אַז עפּעס שווערעס, מוראדיג, וואַקסט און אַנטוויקעלט זיך, עפּעס אַזעלכע געדאַנקען און געפֿילען פֿאַרקלייבען זיך דאָרטען, פֿון וועלכע זי האָט ביז דאַן קיין אַהנונג ניט געהאַט. און כאָטש פֿאַר דער וועלט איז זי, מיט איר נייעם סאָרט קליידען זיך און פריזור, געוואָרען אינגער, און אַלע קענען זיך גאָר ניט אָפּוואונדערען פֿון דער ענדערונג צום גוטען וואָס איז פֿאָרגעקומען אין איר, איז אָבער פּעני ביי זיך ניט גענאַרט, און זי פֿאַרגעסט איצט ניט אויף אַ מינוט אַז זי איז באַלד דרייסיג. און מאַכענדיג דעם אָנשטעל פֿון אַ יונגע, לאָזט זי זיך איצט אויסנעמען פֿון עלטערע בחורים, וואָס פֿריער, פֿאַר עני׳ס חתונה, וואָלט זי זיך אויף זיי אַפֿילו ניט אומ־געקוקט.

און לאַנג פֿאַר עני׳ס חתונה האָט מען פּעני׳ן גערעדט שידוכים און זי פֿלעגט ניט מאַכען קיין צימעס פֿון דעם וואָס פֿון די שידוכים האָט זיך גאָר ניט אויסגעלאָזט. צי זי האָט ניט געוואָלט צי אַפֿילו דער בחור האָט איר ניט געוואָלט, איז זי ביי זיך ניט אַראָפּגעפֿאַלען, זי זעט דאָך אַז מיט אירע פֿריינדינעס איז אויך די זעלבע געשיכטע און זי איז ניט קיין אויסנאַמע. איבערהויפּט איז זי גאָר אין גאַנצען ניט געווען גייציג חתונה צו האָבען. עפּעס נאָך יעדען מאָל וואָס אַ שידוך איז זיך צוגאַנגען, איז זי אַזוי ווי צופֿרידען געווען פֿון דעם. פּעני איז געווען פֿון די קאָנסערוואַטיווע נאַטורען, וואָס האָבען מורא פֿאַר ענדערונגען, פֿאַר עפּעס נייעס, ווייכען פֿון אַוואַנטיורעס. אַפֿילו צו מאַכען זיך אַ נייעם בגד האָט זיך פּעני ניט געאיילט, יעדע נייעס האָט איר געשראָקען, אַפֿילו דאַן ווען זי איז מיט דאָס אַלטע ניט געווען צופֿרידען, אָדער אַפֿילו זייער אומצופֿרידען. אָבער איצט אַז זי זעט זיך מיט אַ בחור און עס ווערט גאָר ניט, קאָסט עס איר אַ סך געזונט. איבערהויפּט ערגערט זי זיך ווען זי וויל ניט דעם בחור. זי האַלט זיך אין מאַכען פֿאַרווירפֿע, פֿאַרוואָס אַזאַ אַלטע מויד, ווי זי רופֿט זיך אַליין אָן, ביי זיך אין האַרצען, האָט נאָך אין זיך אַזאַ

חוצפּה און קלייבט נאָך: „און מיט וואָס בין איך דאָס בעסער פאַר ענירן? אָט האָט זי דאָך אויך געגומען אַן עלטערען און ווייט פון צו זיין אַ רייכער״. אָבער אַלע אַרגומענטען וואָס זי גיט זיך אַליין העלפען ניט, און ביי דעם נעקסטען שידוך חזר׳ט זיך ווידער איבער דאָס זעלביגע. זי אַנטזאָגט דעם בחור פאַר איינער אָדער אַ צווייטער אור־זאַכע, אָדער גלאַט אַזוי, ווייל ער האָט אויף איר געמאַכט אַ שרעק־ליכען איינדרוק, און זי ווייס ניט פאַרוואָס און פאַר ווען, און זי גייט אַרום אַ צערייצטע א צערודערטע.

אין דעם שאָפּ וואו פעני האָט געאַרבעט האָט דער באָס אַרויפ־גענומען אַ קאַטער, אַן עלטערער בחור מיט איינגעפאַלענע באַקען, מיט צוויי טיפע קנייטשען פון ביידע זייטען מויל, מיט שוין אַ היבשען פליכל, מיט צעשפּרייטע פיס, וועלכע האָבען זיך געענדיגט מיט אַ פּאָר גרויסע שיך מיט אַרטשעס. און אַז פעני האָט דערזען דעם „חפץ״ האָט זי שטאַרקט פאַרקרימט דעם נאָז, און האָט גראַ־טולירט דעם באָס מיט דער נייער „וואָזאנע״ וואָס ער האָט זיך איינגעשאַפּט. דאָך איז זי אין אַ פּאָר טעג אַרום צוגעגאַנגען צום קאַטינג טייבעל נאָכאַמאָל אָנקוקען די וואָזאנע. ביים צווייטען מאָל האָט זי באַמערקט אַז ער האָט שיינע, מילדע, גרויע אויגען, און אַז ער האָט זייער אַ מוזיקאַלישע שטימע.

דער וואָזאנע איז פעני יאָ געפעלען געוואָרען, און ער האָט איר איינגעלאַדען צו גיין מיט אים אין טעאַטער. פעני האָט אין יענעם מאָמענט, ווען ער האָט איר געמאַכט די איינלאַדונג, געקוקט אויפ׳ן פליך און אויף די טיפע גריבער אַרום זיין מויל, און זי איז אַ פאַר־ציטערטע געוואָרען פון דעם געדאַנק, צו גיין מיט אַזעלכען אין טעאַטער, וואו עס קענען איר טרעפען חבר׳טעס און לאַנדסלייט. אָבער באַלד האָט זיך איר בליק באַגעגענט מיט זיינע מילדע, בעטענדע גרויע אויגען, און אין איר ווייבערישען מיטפילענדען האַרץ האָט זיך אויפגעהויבען אַ כוואַליע פון רחמנות צי אָט דעם אויסגעמאַטער־טען אַלטען בחור, און אָנשטאָט דעם ניין, וואָס איז געהאַנגען אויף איר שפּיץ צונג, האָט זיך אַ יאָ אַראָפּגעגליטשט. די וואָזאנע איז געווען אין זיבעטען הימעל וואָס זי האָט זיין איינלאַדונג אָנגענומען, און

פעני׳ן איז געוואָרען לייכט און גרינג אויפ׳ן האַרצען פון דעם וואָס זי איז בכוח צו מאַכען גליקליך דעם אָרעמען יונג.

ווען זי איז אָבער געקומען אַהיים און דער איינדרוק פון דער וואזאנעס מילדע אויגען איז פאַרשוואונדען און האָט זיך אויסגעוועפּט, און פאַר אירע אויגען איז בלויז פאַרבליבען דער בילד פון זיין פּליך, מיט די קאַנאַלען אַרוםביידע זייטען מויל, מיט די פלאַכע צושפּרייטע פּיס, האָט איר אַ געפיל פון חרטה אַרומגעכאַפּט, און זי האָט גענומען טראַכטען פון אַ תירוץ, ווי פון דער איינלאַדונג אַרויסצודרייען זיך; אָבער דאָ האָט זיך אַריינגעמישט יענער געדאַנק, וואָס גיט איר לעצטענס קיין רוה ניט, און וועלכער פאָלגט איר נאָך אויף שריט און טריט, דער געדאַנק אַז עס ווערט איר באַלד דרייסיג יאָר, און זי וועט געהערען צום קלאַס אַלטע מוידען, און זי וועט איינגיכען אויס־קוקען ווי יענע דאַרטען, וואָס אַרבעט מיט איר אין שאָפּ, מיט די איינגעפאַלענע בריסט, מיט די אויסגעלאָשענע אויגען, מיט׳ן צוקרימטען מויל, פון וועמען אַלע ערלויבען זיך צו מאַכען חוזק. פעני האָט אַראָפּגעזונקען דעם קאָפּ און האָט מער קיין תירוצים ניט געזוכט. און צוזאַמען מיט אַ פּאָר זודיגע טרערען וועלכע האָבען לאַנגזאַם גערונען איבער די באַקען, און וועלכע האָבען דאָס באַוויינט דער אַמאָליגער פעני׳ן, מיט די שיינע האָפנונגען צו קריגען עפּעס רעכטס, האָט די איצטיגע פעני, מיט דער שטענדיגער מורא אין האַרצען צו פאַרזיצען, צו בלייבען אַן אַלטע מויד, איבער וועמען אַלע מעגען זיך וויצלען, באַשלאָסען, מיט דער וואזאנע יאָ אויסצוגיין.

גאַנץ אינדערפרי נאָך

מאַטילדאַ, אַ ווייבל אין די דרייסיגער, איז אין אַ געוויסען פרימאָרגען אויפגעשטאַנען היפש פריער ווי איר געוואוינהייט איז, צו טרעפען זיך מיט איר מאַן, וועלכער איז לעצטע נאַכט זייער שפעט געקומען אַהיים.

מאַטילדאַ אַרבעט זיך אָן דורכ'ן טאָג איבער געגוג, און זי דער־לעבט קוים די מינוט ווען זי לייגט איין שלאָפען אירע דריי קינדער־לאך, צוויי פון וועלכע גייען שוין אין סקול, און נאָכדעם ווי זי כאַפּט נאָך אַ קוק אין דער טעגליכער צייטונג, אַ לוקסוס וואָס זי קען ניט באַהויפטען אַ גאַנצען טאָג, גייט זי אין בעט אַריין אָן ערשעפּטע און אַ פאַרמאַטערטע.

דעם פאַריגען אָוונט האָט זי געוואָרט פאַר איר מאַן ביז צוועלף אַ זייגער, אָבער זי האָט געפילט אַז לענגער קען זי ניט זיצען, און אַ צוערגערטע וואָס זי קען אים ניט זען, איז זי געגאַנגען שלאָפען.

מיסטער גראָבמאַן, מאַטילדאַס מאַן, האָט יענעם פרימאָרגען זיך אָנגעשטרענגט ניט אויפצואוועקען זיין ווייבעל, מיט וועמען ער האָט זיך ניט געוואָלט באַגעגענען, און זיין קומען לעצטען נאַכט שפעט אַ היים, איז אויך געווען צוליב דעם, ער האָט זיך שטיל אָנגעטאָן, און פאַמעלאך, ווי אַ קאַץ, זיך אַרויסגעגליטשט פון שלאָף־צימער, און נאָך שטילער זיך איינגעוואַשען און איז אַריין אין קיך זיך מאַכען ברעקפעסט.

ער איז געשטאַנען און זיך געפּאָרעט ביים געז אויוון מאַכענדיג אַ קאַפּע קאַפּע, ווען מאַטילדאַ, אַ פאַרשלאָפענע, אין אַ מאָרגען־ראָק, ניט קיין פאַרקאַמטע, איז אַריין אין קיך.

מיסטער גראָבמאַן האָט גאַנץ גוט געוואוסט וואָרום זיין ווייבעל

איז אַזוי פרי אויפגעשטאַנען, און פאַרוואָס זי וויל אים זען. שוין מיט אַ צייט פריער האָט זי אים געזאָגט אַז אויף היינטיגע וואָך דאַרף זי האָבען עקסטראַ געלד, ווייל עס איז ערב יום טוב און מען דאַרף באַקליידען די קינדער. און ער האָט זיך אַלץ געמאַכט גע׳פּגרט, געזוכט אָפּצופּטר׳ן איר מיט אַלערליי תירוצים. מאַטילדאַ אָבער האָט ניט געוואָלט וויסען פון קיינע תירוצים, מילא פאַר זיך אַרט איר ניט, אָבער די קינדער, זיי מוז מען אָנטאָן ווי געהעריג איז, עס איז אַ שאַנדע פאַר די שכנים. זי האָט מיט אים איינגע׳טענה׳ט, און גע־פּרוואווט איבערציינגען, אין דער גערעכטיגקייט פון איר פאָדערונג, אָבער אָן ערפאָלג. מיסטער גראָבמאַן האָט געטענה׳ט, אַז ביזנעס איז שלעכט און מען מוז עס אָפּלייגען אויף שפּעטער.

דעם פרימאָרגען האָט אָבער מאַטילדאַ פעסט באַשלאָסען אַז זי מוז אויספירען, און ער מוז איר געבען, די עקסטראַ געלד, מעג זיך זיין וואָס ניט איז. איין קוק אויף זיין נאָך ניט אויסגעשלאָפענע ווייבעל, ווי זי איז געשטאַנען אין שוועל פון קיך, האָט אים איבער־ציינגט, אַז עס האָלט שמאָל, און אַז די היינטיגע אַטאַקע וועט זיין מיט אַרטילעריע. מאַטילדאַ האָט אים אָפּגעמאָסטען מיט אַן איראָנישען און אַרויסרופענדען בליק, און איז גלייך צוגעטראָטען צום שלאַכט:

— נו, מיסטער ביזנעסמאַן, ווען וועסטו מיר געבען די פאַר דאָלאַר אויף אויסצוקליידען די קינדער? עס איז דאָך שוין באַלד יום טוב, און דו מאַכסט זיך ניט וויסענדיג, דענקסט אַז דו וועסט זיך אַרויסדרייען, ביי דיר איז רעכט די קינדער זאָלען גיין אין צע־ריסענע שיך יום־טוב, און די שכנים זאָלען טייטלען מיט די פינגער אויף זיי?! דיר איז גוט, דו גייסט זיך אַוועק אין שאָפּ און פטור, אָבער מיר דערמאָנט ראָבערט הונדערט מאָל אַ טאָג, אַז ער האָט נאָך ניט קיין נייעם סוטעל, און זיינע חברים האָבען שוין, און הענריעטאַ מאַכט מיר דעם טויט, איך זאָל איר קויפען אַזאַ מאַנטעלע מיט אַזעלכע שיך ווי איר חבר׳טע ווייאָלאַ האָט מען געקויפט, און זיי צושניידען מיין האַרץ.

— אָבער וואו זאָל איך דיר נעמען געלט? ביזנעס איז שלעכט, אפשר ווילסטו, איך זאָל גיין גנב׳נען פון דיינעטוועגען?

מאַטילדאַ, אַן אויפגערעגטע פון דעם לעצטען וואָרט, ענטפערט אים שוין שטעכיג און מיט מער טעמפּעראַמענט:

— פון מיינטוועגען בעט איך ביי דיר גאָרניט, פון מיינטוועגען וואָלסטו זיך ניט געדאַרפט אויסדאַרען דעם קאָפּ. דו ווייסט גאַנץ גוט, גרויסער פאַרדינער מיינער, אַז איך קען מיין שטעטעל באַשטיין, און קען נאָך אויסהאַלטען אַזאַ שלים־מזל ווי דו אויך, ווי איך האָב עס געטאָן באַלד נאָך אונזער חתונה, און וואָס דו האָסט שוין, ווייזט אויס, פאַרגעסען. איך בעט אָבער די געלט פאַר די קינדער, פאַר דיינע קינדער, וועלכע דו האָסט אויף דער וועלט געבראַכט, און וועלכע דו מוזט באַזאָרגען. דיר האָט זיך דאָך געוואָלט קינדער, צוויי איז דאָך דיר ווינציג געווען. עס האָט דיר פאַרגלוסט אַ דריטען, און איצט טענהסטו אַז דו קענסט ניט גנב׳נען, וואָלסטו געהאַט אַ טראָפּען שכל, וואָלסטו אַזעלכע נאַרישע טענות ניט געברויכט. דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז מען דאַרף באַקליידען די קינדער און דו, זייער טאַטע, דאַרפסט זען קריגען די געלד. איך זאָג דיר צום לעצטען מאָל — האָט מאַטילדאַ צוגעלייגט מיט אַ בייזען, קאַלטען און שניידענדען קוק אויף איר מאַן, פון וואָס אים איז אַריבער אַ סקרוך איבער׳ן לייב — אַז דו מוזט מיר שאַפען די געלט נאָך היינט, אַז ניט — דאָ האָט ביי מאַטילדאַן געפּלאַצט דער איינגעהאַלטענער פאַרשטיקטער כעס, און זי האָט זיך וויבעריש צעוויינט און צוכליפּעט און האָט דורך די טרערען און דורכ׳ן שלוכצען צוגעלייגט — אַז ניט וועל איך זיך אַ מיתה אַנטאָן.

מיסטער גראָבמאַן האָט גאַנץ גוט געוואוסט פון ערפאַרונג, אַז זיין מאַטילדאַ וויינט, מוז ער איר פאַרלאַנג נאָכגעבען, אַז ניט, וועט שוין זיין אַז אַך און וויי צו אים. מאַטילדאַס וויינען איז ניט אויס שוואַכקייט און הילפלאָזיקייט, ווי ביי אנדערע וויבער, נאָר פאַרקערט, דאָס מיינט, אַז איר באַשלוס איז פעסט, און זי מוז דאָס איריגע אויס־פירען, מעג זיך זיין וואָס עס וויל. ער האָט שוין מער גאָר ניט גע־ענטפערט, ער האָט זיך אויף גיך אָנגעטאָן און איז אַוועק אָן אַ זיי געזונט, וואָס עס האָט געמיינט, אַז ער גיט זיך אונטער, ער איז באַזיגט.

מאַטילדאַ האָט אויסגעווישט די טרערען און איז אַוועק אויפ־וועקען די עלטערע צוויי וועלכע דאַרפען גיין אין סקול אַריין, זי איז שוין אָבער געווען אַ פאַרביטערטע און אַן אויפגערעגטע דעם גאַנצען פרימאָרגען. איר הענריעטאַ׳ן האָט זי שוין ניט אויפגעוועקט מיט אַ קוש אויף די ליפען ווי איר געוואוינהייט איז געווען, און פון ראָבערטע׳ן האָט זי פשוט אַראָפגעשלעפט די קאָלדרע, ווען ער איז אַזוי גיך ניט אויפגעשטאַנען. די קינדער האָבען באַלד דערשמעקט אַז די מאַמע איז בלוי, און זיי האָבען זיך שנעל, אָן טומעל, אָן פּיעשצען זיך, און אָן קריגערייען צווישען זיך, ווי זייער מאָדע איז אימער, אָנגעטאָן, געגעסען וואָס די מאַמע האָט געגעבען, און אַוועק אין סקול. מאַטילדאַ האָט זיך צוגעזעצט טרינקען איר קאָפּע קאַפּע און זי האָט זיך פאַרטראַכט פון איר יונגענד פון איר הייראַט און איר איצטיגען מאָנאָטאָנעם אַלטעגלאַכען לעבען, און זי האָט צום טויזענטסטען מאָל זיך געפרעגט, פאַרוואָס זי האָט מיט אים, מיט דעם שלים־מזל, חתונה געהאַט. פאַרוואָס האָט זי דאָס אים אויס־געקליבען פון די אַלע וואָס זיינען איר נאָכגעלאָפען און האָבען גע׳חלש׳ט נאָך איר, און וועלכע זיינען איצט דאָקטוירים, לאָיערס און סוקסעספולע ביזנעסלייט? און צו וואָסערע שוואַרץ יאָר האָט זי זיך אין אַלגעמיין געאיילט אַזוי יונג חתונה האָבען?... דאָס איז אַלץ געווען די שולד פון די טריפה׳נע בלוטען וועלכע האָבען געקאָכט און געזאָדען און האָבען געפאָדערט אַ מאַן... און ער, דער שלים־מזל, דער טעמפּער מח, וועלכער האָט קיין ברעקעל קירעוואַניע ניט אין זיין פאַרשטאָפּטען קאָפּ, און פון וועמען מ׳קען בשום אופן ניט מאַכען קיין ביזנעסמאַן, האָט אָבער שכל געהאַט ווי זי אַריינצוקריגען. און אָט טאַקע די זעלבע עקשנות זיינע, פון וואָס זי ווערט איצט צופוקעט און צוזעצט אויף שריט און טריט, איז דאָס געווען איינע פון זיינע מעלות וואָס האָבען איר געוואונען, דענקענדיג, אַז דאָס איז שטאַרקייט, מענערשקייט. יענע, די איבעריגע, ביי וועמען זי פלעגט אָן קיינע שוועריגקייטען אַלעס אויספירען, האָט זי געהאַלטען פאַר שוועכלינגע, פאַר שמאַטעס, צו וועמען זי וועט ניט קענען האָבען קיין רעספּעקט. און ווי זי האָט דאָס אים אַביסעל האַלט געהאַט.

געוועזן גרייט צו מאַכן אַ לעבן פאַר אים. און זיך טאַקע געמוטשעט און געניייט דרעסעס און געשפּאָרט געלט און ארייינגעשטופּט אים אין ביזנעס, דעם אידיאָט און ער האָט עס איינס און צוויי, גע׳פּטר׳ט, זיך ניט געלאָזן לערנען, זיך ניט געלאָזן ריידן, זיך איינגעשפּאַרט ווי אַ ביק אז ער פאַרשטייט און וויס בעסער פאַר אַלעמען. אָבער וואָס איז די פּעולה פון טראַכטען. מיט דריי קינדער אויף די הענט קען זי זיך אַ סך העלפן! זי מוז זיין איינגעלייגט.

מאַטילדאַ ווישט אָפּ די טרערען פון די באַקען, זי שטעלט זיך אויף און נעמט עפּעס טאָן, אַבי צו פאַרטרייבען די בייזע מחשבות וואָס שטופּען זיך אין קאָפּ אַריין.

פון דעם צווייטען צימער הערט זיך דער רוף פון דער בייבי, מאַמאַ! מאַמאַ! און פאַרגעסענדיג אָן אַלעס און אַלעמען לויפט זי אָן אָן אָטעם אין יענעם צימער.

צו אַלט און צו יונג

דער קלאַנג אין שרייערמאַנ׳ס שאַפּ, אַז מ׳גייט אַרויפנעמען שיקסעס, האָט זיך נאָך אָנגעפאַנגען מיט אַ טאָג פריער, ווען שרייערמאַן האָט אַריינגעקראָגן אַ גרויסן אָרדער פון אַ צוויי הונדערט און פופציק דרעסעס פון זייער אַ קאָמפּליצירטער צוויי־שטיק געקעסטעלטען טאַפּעטע סוטעל. שרייערמאַנ׳ס דרעס־שאַפּ האָט פאַר יאָרן געאַרבעט פאַר זייער אַ האַי־קלעס טיילאָר מייד דרעס הויז, און ביי אים האָבן אימער געאַרבעט מענער אָפּערייטערס, טאַקע די אמת׳ע גוטע באַלמלאָכעס, די יוניאָן לייט פון 1910, וועלכע קענען אַרויסבּרענגען דעם ריכטיגען באַטאָנהאָל, דעם פיינעם פּאַקעטעל און דעם געשמאַקען שפּיגעלדיגען קעלנערל. לעצטענס אָבער איז אין דער הויז געוואָרען אַלץ ווייניגער און ווייניגער אַרבעט, און אום צו ראַטעווען זיך פון אונטערגאַנג, האָט שרייערמאַן אַריינגענומען אַרבעט פון אַ ביליגערען הויז, רעגעלע דרעסעס, וואו די הויפּט ראָליע שפּילט ניט דער גוטער באַטאָנהאָל מיט דעם גוטען פּאַקעט, נאָר דער פאַסאָן, און די דאָזיגע דרעסעס זיינען קאָמפּליצירט, צעהאַקט און צעדרייט, און ביים אויפמאַכען אַזאַ גאַרמענט שפּילען ניט אַזאַ ראָליע די גוטע פינגער און גוטע שניידעריי, ווי אַ גוטע סמעקאַלקע, אַ גוט ביסעל מוח, שנעל אויפצוכאַפּען די צאַצקעוואַטע און פאַרדרייטע דרעסמאַכעריי, און פאַר דעם זיינען שרייערמאַנ׳ס 1910 אָפּערייטערס געווען אַ ביסעל צו אַלט און צו טעמפּ. און ווען שרייערמאַן האָט אַריינגעקראָגן דעם צופלאָכטענעם און צוקאַטעוועטען געקעסטעלטען טאַפּעטע סוטעל, האָט זיך אין שאַפּ צווישען זיינע פופציג־יאָריגע אָפּערייטערס אָנגעפאַנגען אַ לויפעניש און אַ טומלעניש און אַ רייסען פון די הענט דעם סעמפּעל איינער פון דעם צווייטען, און ווען דער טאָג איז אַריבער האָט דער

עולם נאָך אַלץ געהאַלטען אין מיטען נייען און פאַנאַנדערטרענען און קיין פאַרטיגער גאַרמענט האָט זיך אין שאַפּ אַלץ ניט געזען.

דער ערשטער צו דערזען די צוויי יונגע שיקסלאַך מיט די געפאַרבטע בעקלאַך, געפּודערטע נעזלאַך און געמאַניקירטע שפּי־ציגע שאַרף־רויטע נעגעל, שטייענדיג נעבען פּרעסערס־טייבעל און וואַרטענדיג, אַז דער שיפּינג־באָי זאָל זיי אויספּיקסען צוויי מאַשינען, איז געווען דער קורצער איציק, וועלכער איז געזעסען אין דעם סאַמע ווייטסטען ווינקעל פון שאַפּ און וואָס אַרויסגעזען האָט זיך פון אים בלויז אַ קאָפּ מיט שיטערע בלאָנדע הערלעך אַרום אַ נאָך ניט איינגעפונדעוועטען פּליכעל, מיט אַ פּאָר צו ברייטע שולטערען פאַר אַזאַ קורצען פאַרשוין. איציק האָט זיי דערזען ווען זיי זיינען אַרויס פון דרעסינג־רום און זיינען צוגעקומען צום פּרעסערס־טייבעל און האָבען זיך געגריסט מיט אים. איציק האָט אַביסעל איינגעבויגען דעם קאָפּ און האָט אַריבערגעקוקט צו זיי אַריבער די ברילען. און ווען דער שיפּינג־באָי האָט גענומען דעם ראָל סטרעפּס און איז צוגעקומען צו די צוויי ליידיגע מאַשינען זיי אויפצופּיקסען, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס זיינען דאָס די שיקסעס, און אַז דער אונגאַרישער גולאַש האָט דאָס זיי געבראַכט אַהער.

— משה, הויב אויף דעם ראש, וועסטו עפּעס זען, — האָט איציק אַרויסגעזייט פון צווישען די ציין צו זיין שכן פון זיין רעכ־טער האַנט.

משה איז אָבער געווען פאַרנומען מיט אַריינשטעפּען אַ דעלי־קאַטען פּאַינט אין דער לינקער פּאָלע פון דעם דזשעקעטעל, וועלכער דאַרף אָבער פּאַסען צו דעם פּאַינט אין דער רעכטער פּאָלע און מאַכען אַ פּאָר צו יענעם, און ער האָט זיך ניט אומגעקוקט. נאָר איציק האָט ניט אָפּגעלאָזען און האָט אים אַ טורקע געטאָן ביים עלענבויגען:

— משה, הויב אויף דעם ראש, זאָגט מען דיר, און טו אַ קוק, וועט דיר ליכטיג ווערען אין די עינים, און דער פּאַינט וועט זיך שוין דאַן גאָר אַליין אַרייננייען.

— לאָז אָפּ, זעסט דאָך אַז איך בין ביזי, — ענטפערט אים משה, אַביסעל מיט כעס.

ביי יענער צייט אָבער האָבען שוין די מערסטע אַפּערייטערס דערזען די מיידלאַך, און קורצע סאַרקאַסטישע באַמערקונגען האָבען זיך געטראָגען איבער די מאַשינען. דאַן האָט משה שוין אויפגע־הויבען דעם קאָפּ און זיך איינגעקוקט אין די שיקסעס.

— אַזוי גאָר, אַט יענע פּלאַכטען וועלען דאָס אויפנייען די דרעסעס! אַ קלאָג צו דיין קאָפּ, — האָט שוין משה, עטוואָס אויפ־געךעגט, געזאָגט צו איציק׳ן.

— האָב צייט, משה, וועסט זיך שפּעטער מער באַקלאָגען!

— ווי דענקסטו, דער לאַנגער וועט זיי טאַקע גלייך געבען אָט דעם משוגענעם סטייל?

— אייזעל וואָס דו ביסט, מ׳האָט דאָך זיי צוליב דעם סטייל אַראָפּגעבראַכט אַהער.

— און עפּעס גלויבט זיך מיר דאָך נישט, אַז אָט די צוויי געפּודערטע נעזלאַך וועלען דאָס טאַקע נייען.

דערווייליע האָט דער באַי צו־רעכט געמאַכט די מאַשינען, און די צוויי שיקסלאַך האָבען זיך אַוועקגעזעצט אויף די טשערס, אַרויס־גענומען פון די האַנט־בייטלען זייערע שערעלאַך, וועלכע זיינען גע־ווען אַ דריטעל די גרויס פון משה מיט איציקס. דער שוועך־וואָגיגער משה האָט זיך עטלאַכע מאָל איינגעקוקט אין זייערע שערעלאַך, און אים האָט זיך ניט געגלויבט אַז מיט אַזאַ מין אויך־מיר־שער קען מען נייען דרעסעס. אַזעלכע שערעלאַך זיינען גוט פאַר קליינערינס אָפּצושניידען אַ פאָדים, אָבער נייען דרעסעס מיט אַזאַ מין שערעלע, ווי איז דאָס מעגליך? די קלענערע פון די צוויי שיקסלאַך, וועלכע האָט אויסגעזען צו זיין קוים אַ יאָהר זיבעצען־אַכצען, האָט פאַר־נומען די מאַשין צו איציקס לינקער האַנט.

— גיב אַכטונג, איציק, איר שערעלע קען נאָך אַראָפּפאַלען און דיר איבערשניידען דעם גרינעם פאָדים וואָס שלעפּט זיך פון דיינע הויזען, — האָט זיך משה געוויצעלט.

— משה, דו זעסט: זיי טוען דאָך גאָר אָן ברילען! ביידע אין ברילען, אין זייערע יאָהרען האָב איך געקענט נייען פאַר דער לבנה אָן ברילען.

נאָכדעם ווי זיי האָבען אויסגעווישט און אָנגעטאָן די ברילען, האָבען די שיקסלאַך גענומען שטיקלאַך שטאָף און האָבען אַזוי, געלאַסען אויסגעניית און אויספּרובירט די מאַשינען און איינגעשטעלט אַלעס אין אָרדענונג און זיי אַרומגעווישט. דערוויילע האָט זיי שרייער־מאַן געבראַכט צו איין דרעס יעדערער און האָט נעבען זיי אויפגעהאַנגען דעם סעמפּעל. די עלטערע האָט עס גענומען אין די הענט אַריין, האָט עס גאַנץ געמיטלאַך באַטראַכט און אַרומגעקוקט, און מיט אַ שמייכעל, וועלכער האָט אויסגעדריקט: מיר האָבען שוין אַזעלכעס געזען, האָט זי עס איבערגעגעבען צו דער אינגערער און זיך גענומען נייען. די קלענערע האָט עס אויך פּאַמעלאַך און געלאַסען באַטראַכט, און האָט עס, מיט זייער אַן ערנסטען געזיכט, אויפגעהאַנגען צוריק אויפן וואַנט, זיך צוריקגעזעצט אויפ׳ן טשער, און אין אַ געלאַסענעם רוהיגען איטאַליעניש עפּעס געזאָגט דער חבר׳טע, און מיט דער זעלבער ערנסטער מינע אָנגעהויבען נייען.

משה און איציק האָבען אַלע וויילע געוואָרפען אויגען צו זעהן ווי די שיקסלאַך אַרבעטען, און אַלץ געוואַרט, אַז אָט באַלד וועלען זיי וועלען קומען צו די שווערע ערטער וועלען זיי בלייבען שטיין און מוזען אָנקומען צו זיי, פרעגען ווי אַזוי עס ווערט געמאַכט. זיי האָבען אָבער אומזיסט געוואַרט. ווען זיי האָבען אַ וויילע שפּעטער געכאַפּט נאָך אַ מאָל אַ קוק, האָבען זיי געזעהן, ווי זיי זעצען אַרויף די פּראָנט שפּיצען, וואָס דאָס איז די שווערסטע אַרבעט אין דזשעקעט, מיט איין שטאָך און עס גייט אַריין אַזוי לייכט און גלאַט אַז עס איז אַ מחיה צו קוקען.

— משה, האָסט געזעהן ווי זי האָט געגעבען אַ זעץ אַריין די פּאָינטס? זי האָט זיכער געשפּאָרט אַ צען מינוט צייט מיט איר מעטאָדע, און עס איז שעהנער און בעסער ווי אונזערע. און די באַטנהאָלס אין די פּאָלעס האָבען זיי געמאַכט פון איין שטיק. און דו, משה פערד, מאַכסט באַטענהאָלס פון צוויי שטיק, און צילעוועסט זיך איינצושטעלעןביידע זייטען גלייך, דערווייל פּאָלט ביי דיר אַרויס דער פאָדים פון דער לעכעל פון נאָדעל, און ווערסט נערוועז ביים אַריינציהען עס און וואָרפסט אַראָפּ די שער, ווערסטו נאָך מע־

נערוועז און האָקסט איין דעם באַטענהאָל צו טיף, ווערט שוין דער באַטענהאָל אַ ביסעל לענגער, מוזסטו שוין פיקסען די איבעריגע, זיי זאָלען אויך זיין די זעלבע לענג, און דערווײַלע האָסטו שוין פאַר־לאָרען אַ פערטעל שטונדע.

— ווי קען מען דאָס אַזעלכע פּאַינטס אַרויפזעצען מיט איין שטאָך? — וואונדערט זיך משה, — עס מוז דאָך זיך אויסציהען.

אָבער איך זעה דאָך, אַז ביי איר איז עס ניט אויסגעצויגען, — ענטפערט אים איציק, — די פּאַינטס זיינען גלאַט ווי אַ גלאָז, ווי אונטערגעפּרעסט. משה, לאָמיר גיין אין מושב זקנים אַריין, און לאָמיר לאָזען די דרעסעס פאַר זיי!

— ער׳ט גיין אין מושב זקנים אַריין! נו, און דו מיינסט אַז מען לאָזט דיר שוין אַריין אַהין? ווערסט זיך נאָך גענוג אָנמוטשען מיט די שניידעריי ביז דו וועסט קענען אַריין אַהין!

עס קוקט אויס, משה, אַז אין מושב זקנים וועט מען אונז ניט אַריינלאָזען, ווייל מיר זיינען נאָך צו יונג, אָבער פון שאַפּ וועט מען אונז אַרויסוואַרפען, ווייל מיר זיינען שוין צו אַלט.

אַ באַלעבאָס פאַר זיך

זיסעל איז אַ שניידער פאַר די לעצטע עטלאכע און דרייסיג יאָר. מ׳קען ניט זאָגען, אַז זיסעל איז צופרידען מיט די שניידעריי, דאָס ניט. זיסעל איז אימער מקנא מענשען, וואָס מאַכען אַ לעבען ניט פון דער נאָדעל מיט׳ן טימבעל, ער איז זאָגאָר מקנא די אפערייטאָרס פון זיין שאָפּ, וואָס דאַרפען ניט זיצען איינגעבויגען און דרייען און שטופען די נאָדעל אַ גאַנצען טאָג, און האָבען אַ מאַשין, וואָס טוט דאָס פאַר זיי. נאָר דערמיט האָט זיך שוין זיסעל ווי עס איז איינגעלעבט, און אים חלומ׳ט זיך גאָר ניט אַז ער וועט ווען עס איז קענען אַוועקוואַרפען די נאָדעל. ווי זאָגט עפּעס דער פסוק, איינמאָל אַ שניידער, אַלע מאָל אַ שניידער; וואָס זיסעל חלומ׳ט אָבער יאָ, איז צו ווערען אַ שטיקעל באַלעבאָס פאַר זיך, האָבען אַ שטיקעלע סטאָרקע, און ניט אָנזען אַ גאַנצען טאָג קיין פאָרמאַן, ניט האָבען איבער זיך קיין אָנטרייבער, קיינער זאָל אים ניט שטיין איבער׳ן קאָרק, און ניט הערען דעם באַוואוסטען און פאַרפלוכטען „האַרי־אַפּ״. זעט איר, פון אַזאַ גן־עדן האָט זיסעל קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו טראַכטען און צו טרוימען. און צו דעם האָט זיסעל אימער, זינט ער האָט נאָר גענומען די נאָדעל אין האַנט, געשטרעבט און געגאַרט. ער האָט דאָס אָבער נאָך ביז איצט ניט דערגרייכט.

זייער פיל צרות איז זיסעל אויסגעשטאַנען, ביז וואַנען ער האָט זיך אויסגעלערענט ריכטיג די מלאכה. אין יענע צייטען, ווען ער איז געווען אַ לערען־אינגעל, איז יעדער איינער געווען באַלעבאָס איבער אים, ער האָט אַלעמען געמוזט פאָלגען, און יעדער גערזעלען האָט געהאַט דאָס רעכט אויסצופאַטשען איהם. וועה רעדט שוין פון זיין מייסטער מיט זיין שלעכטע און בייזע ווייב, זייערע הענט האָט ער כמעט אַלע טאָג געפילט אויף זיין לייב און ער האָט געמוזט

נאָכקומען און פאָלגען זייער יעדען קאַפּריז און זייערע אַלע שגעונות.

זיסעל האָט זיך אויסגעלערענט די מלאכה, איז געוואָרען אַ גרויסער בחור, און האָט שוין אַ סך ווינציגער געפילט די בייטש פון אַן אויבערהאַר איבער זיך, זיין מייסטער האָט שוין גערדאַרפט זיסלען מעהר, ווי זיסעל אים. ער איז שוין געווען דער גוטער בעל־מלאכה, וועמען יעדער באַלעבאָס האָט געוואָלט האָבען, און זיסעל האָט זיך אָנגעהויבען פילען כמעט ווי אַ מענש. אָבער דאָ האָט זיך אונטער־גערוקט דער פּריזיוו, און מען האָט דעם יונגען און געזונטען זיסעל אָפּגעגעבען פאַר אַ סאָלדאַט.

און עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבען אַ סדרה פון פאָלגען, פון זיין געהאָרכזאַם און אונטערטעניג א ו נ ט ע ר יעדען חזיר, אָנהויבענדיג פון דעם פאַרדאָרבענעם און אַנטיסעמיטישען ראָטנעם קאָמאַנדיר, ביז צום האַלב־גראַמאָטענעם און ווילדען באָסיאַק פון די רוסישע סטעפּעס, וועלכער איז געווען זיין „דיידושקע” און וועלכע האָט ניט געזשאַלעוועט אַריינפּאָרען אין מאָרדע זיינע תלמידים פאַר דער קלענסטער קלייניגקייט. פיר לאַנגע יאָהר האָט דאָס גע־נומען, ביז וואַנען זיסעל איז באַפרייט געוואָרען פון פאָניעס הענט, און איז ווידער אַמאָל געוואָרען אַ פרייער מענש.

און אונזער זיסעל איז ווידער אין זיין שטעדטעל. האָט געטאָן אַ לייטישען שידוך, גענומען אַ פּאָר הונדערט קערבלאַך נדן, און ער האָט זיך שוין פאַרנומען צו פירען אַליין אַ „טיש”. אָבער דאָ האָט זיך אונטערגערוקט אַ קינפּעט, און זיין ווייבעל איז קאַם מיט׳ן לעבען אַרויס. עס איז איר אָבער פאַרבליבען אַ פאַרצויגענע כראָנישע קראַנק־הייט, און זיסעל האָט געמוזט אויפגעבען דעם געדאַנק פון פירען אַ מאַסטערסקאַיאַ און האַלטען לער־יונגען, ער איז פאַרבליבען אַרבעטען ביי יענעם. אַז די פאַמיליע איז גרעסער געוואָרען און פון די פאַרדינסטען האָט מען ניט געקאָנט מאַכען אַ לעבען, ווייל די חלה האָט ניט געסטאַיעט אויף המוציא, האָט זיסעל איינגעפּאַקט דעם טלית און תפילין און איז אַוועק נאָך אַמעריקע.

דאָ האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ סדרה פון אויסגרינען זיך, אין

אויסלערנען זיך די מלאכה פון שניידעריי אַלאַ קאַלאָמבוס. און מען דאַרף ווידער פאָלגען אַ באָס, מען מוז אויסשטיין די קאַפּריזען פון די שקלאַפּישע און היפּאָקריטישע פּאַרלייטע און מען דאַרף מורא האָבען פאַר יעדען כלב אין שאָפּ, וואָס האָט נאָר אַ גרויסען מויל און קען בילען און לעקען די האַנט פון באָס.

זיסעל האָט זיך געווג אָנגעפּלאָגט און זיך אויסגעגרינט, האָט אַריבערגעבראַכט זיין פאַמיליע, און איז געוואָרען ביזי מיט מאַכען אַ לעבען, האָט געאַרבעט שווער אויפ׳ן דזשאָב, און פלעגט זיך פאַרמוטשען צום טויט נאָכלויפען אויסזוכען און קריגען די דזשאָבס. און זיסעל האָט זיך גאָר אין גאַנצען פאַרגעסען אָן זיין חלום, זיין אַ באַלעבאָס פאַר זיך, ער איז געווען צו פאַרהאָרעוועט און פאַר׳דאגה׳ט גאָר צו דענקען מעהר פון דעם.

אָבער עס זיינען אונטערגעוואַקסען זיסעלס קינדער, און זיי אַרבעטען און פאַרדינען און צאָלען אין הויז, בלויז די מיזינקעלע גייט נאָך אין סקול, און זיסעל האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט געעפענט די אויגען און גענומען זיך אַרומקוקען, און ער האָט דערזען, ווי דער פאָרמאַן שטייט נאָך אימער איבער זיין קאַרק, און ער האָט דערהערט זיין בייזען „האַרי אָפּ״. און זיסעל האָט דערציילט זיין אידענע אַז דער שאָפּ זיצט אים שוין אין די ביינער און אַז ער קען דעם פאָרמאַן מער ניט דולדען, און אַז ער האָט בדעה צו עפענען אַ סטאָרקע פאַר זיך, און זיין אַלטיטשקע האָט אים אויסגעהערט, האָט אים פאַרשטאַנען און האָט אים ערמוטיגט.

איצט קענט איר זיסלען טרעפען אין זיין שניידער סטאָר, נייען, פּרעסען און פאַרריכטען די אַלטע מלבושים, וואָס זיינע קאָסטימערס ברענגען צו אים. און ער וועט אייך באַגעגענען מיט אַ גליקליכען און צופרידענעם שמייכעל וואָס ענדליך האָט ער דערלעבט זיין אַ באַלעבאָס פאַר זיך.

אין טריין מיט אַ קאָרפּאָריישאָניק

אין אַ געוויסען פרי מאָרגען, אין מאָנאַט מאַי, ווען אין שאַפּ איז ניט געווען גענוג אַרבעט, בין איך אויפגעשטאַנען שפּעט, און ווען איך בין אַרויף אויפ׳ן סטיישאַן, האָב איך דאָרטען געטראָפען אַ באַקאַנטען אָפּערייטער. ווִיסענדיג אַז ער אַרבעט אין איינעם פון די בעסטע שעפּער, וואו עס איז דאָ אַרבעט כמעט אַ גאַנץ יאָהר, בין איך געווען איבעראַשט צו טרעפען אים אויך, אַזוי שפּעט גיין צו דער אַרבעט. איך באַגריס אים, און צווישען אונז ענטוויקעלט זיך פאָלגענדער געשפּרעך:

ער: וואָס הערט זיך עפּעס ביי אייך? ביזי?

איך: איר זעהט דאָך ווי ביזי עס איז, אַז מ׳גייט צען אַזייגער צו דער אַרבעט, נאָר אָט עס שלעפּט זיך צו ביסלאַך אַרבעט, גענוג אויף צו האַלטען די נשמה. נו, און וואָס איז מיט אייך, ווי קומט איר אַזוי שפּעט דאָ? אין אייער שאַפּ איז אויך סלעק?

ער: איך אַרבעט שוין ניט מער דאָרטען.

איך, איבעראַשט, און מיט באַדויערונג: — אַזוי, איר האָט פאַרלאָרען אייער פּלאַץ, ווי קומט עס?

ער, טרויעריג: — איך האָב עס ניט פאַרלאָרען, איך בין אַליין אַוועק.

איך, נאָך אַ קורצע פּויזע, אין וועלכע איך באַטראַכט אים און זעה, אַז ער איז ווייט פון צו זיין גוט אָפּ, אויף דעם זאָגען עדות זיינע זייער אָפּגעטראָגענע מלבושים: — אַזוי, איר האָט אַליין פאַר־לאָזען אַזאַ גוטע פּלאַץ? מסתמא עפּעס זאָנדעבאַרעס האָט פּאַסירט.

ער: עס האָט זיך מיר פאַרגלוסט צו גייען אין ביזנעס, מ׳זעהט אַלע געהען, בין איך אויך געגאַנגען.

איך: מעג איך וויסען אין וואָסערע ביזנעס איר האָט פּרובירט אייער מזל?

ער, נאָך אַ קורצע פּויזע, און שענקענדיג מיר אַ קוק פול מיט חשד: — טאָקע אין די שניידעריי, געווען אַ פּאַרטנער אין אַ „קאָרפּאָ־ריישאָנקע״, אָפּגעפּראַפּאַדאיעט אַ סיזאָן, געהאָרעוועט ווי אַ גוי, אויס־געגעסען זיך דאָס האַרץ מיט די לונגען, פאַרלאָרען די אָפּגעשפּאָרטע פּאָר גראָשען, און איצט זוכט מען אַ דזשאָב. אַזאַ פּלאַץ ווי איך האָב געהאָט וועל איך שוין ניט קריגען. וואָס האַלט איר, אַ „מאָרגען זשורנאַל״?

ער נעמט ביי מיר אַרויס, אָן צערעמאָניעס, די צייטונג פון האַנט און הויבט אָן בלעטערען און זוכען די אַנאָנסען.

איך: איר וועט דאָרטען גאָרניט געפינען, עס איז איצט אַ מורא־דיגע סלעק אין טרייד.

ער, מיט אַ בייזען קוק אויף מיר: — אַז ניט ווייס איך ניט, אַז עס איז סלעק? איך זוך אַ דזשאָב ביי עטוואָס אַנדערש, אין אַ סטאָר, אָדער אַלס אַגענט, עניטינג וואָס עס וועט זיך מאַכען. — איך הער אים אויס און קוק אויף אים מיט ערשטוינונג, איך באַ־וואונדער זיין מוט, זיין קוראַזש און זיין נערוו, ווי אַ מאַן, נאָכדעם ווי ער איז געווען אַ שניידער ביז פערציג, נעמט זיך דאָס אונטער צו טאָן עניטינג. ער ענדיגט דורכקוקען די אַדוועטייזמענט און ער נעמט לייענען די נייעס, קענטיג אַז וועגען צוריקגעבען מיר דעם פּייפּער קלערט ער גאָר ניט. מיר פאַרען דערוויילע אָפּ עטליכע סטיי־שאָנס אין דער סאָבוויי, און ניט האָבענדיג וואָס צו לעזען, פיל איך זיך ניט באַקוועם. איך וואָג אָבער ניט צו מאָנען מיין פּייפּער, איך קלער זיך, אַ איד אָן אַ דזשאָב, אַ מרה נפש, זאָל ער לעזען און פאַרגעסען די צרות. ער ענדיגט לעזען אַ שטיקעל נייעס און ער ווענדעט זיך צו מיר.

נו, און ביי אייך איז דאַ אַביסעל אַרבעט?

איך, פילענדיג זיך אַביסעל שולדיג, וואָרום ביי אונז איז טאָקע דאַ צו ביסלעך אַרבעט, אין דער צייט וואָס אָט גייט אַ איד אַרום אין סטריט: — יעס, עס איז דאַ אַ פּאָר שטיקלאַך מלאכה, אָבער מען

פאַרדינט זייער ווינציג, מ׳שטיינס געזאָגט, מ׳מאַכט וואַסער אויף קאַשע.

ער קוקט מיר אָן מיט מיסטרויען, און זאָגט:

נו, מאַכט איר ניט קיין זעכציג דאָלאַר, מאַכט איר דרייסיג, אַלץ בעסער ווי גאָר ניט. אָט דרעה איך מיך אַרום פון נאָך פסח און האָב ניט פאַרדינט אַ צעבראָכענעם שילינג.

ביי דעם וואָרט שילינג, דערמאָן איך זיך אָן מיינע פּאָר סענט אין פּאַקעט, איך דערמאָן זיך, אַז ביי מיר ליגט טאַקע עטלאָכע און צוואַנציג דאָלאַר, און דאָ זיצט אַ מאַן, און מעגליך, אַז ער האָט ניט אַפילו קיין גאַנצען דאָלאַר ביי זיך, ער הויבט אָן צו לייענען אַ צווייטע שטיקעל נייעס, און ער קימערט זיך ניט וועגען מיר, קענטיג אַז פון עטיקעטע האַלט ער ניט. ענדענדיג לייענען, צייגט ער מיר אָן מיט׳ן פינגער אויף אַ געוויסען פּלאַץ אין צייטונג און זאָגט:

אָט פאַרען זיי אויף די קאָנווענשאָנס, וואָס פעלט זיי, זיי דאַרפען עפּעס דאגה׳ן וועגען אַ דזשאָב, וויסען דען פון סלעק און די איבעריקע אַנשיקענישען!

ער זאָגט עס מיט אַ בייזען טאָן, און וואַרפט אויף מיר שטרענגע בליקען, פּונקט ווי איך וואָלט געווען איינער פון די דעלעגאַטען. איך ווייס אַליין ניט פאַרוואָס, אָבער איך פיל זיך, אונטער זיין שטרענגען קוק, אַביסעל שולדיג. און איך פּרוביר, אמת, מיט אַ שוואַכע שטימע און אַ ביסעלע נידערגעשלאָגען, צו פאַרטיידיגען אונזער קאָנווענשאָן און אונזערע דעלעגאַטען, און איך וויל אים איבערצייגען אין דער נויטווענדיגקייט און נוצליכקייט פון אונזערע קאָנווענשאָנס, אָבער ער האָקט מיר איבער אין מיטען די רייד, גיט אַ מאַך מיט׳ן האַנט, באַגלייט עס מיט אַ קוק וואָס דריקט אויס ביטול, און זאָגט:

מיסטער, האָקט ניט קיין טשייניק, דערציילט אימעצען אַנדערש די אַלע באָבע מעשות, דאָס קען מען אַזעלכע מלמדים ווי איר אַלעס איינריידען, ניט מיר.

איך עפען דעם מויל און וויל אים עפּעס ענטפערן, אָבער דאָ רופט אויס דער קאָנדוקטער מיין סטיישאָן, און איך מוז מיין קאַרפּאַ־ריישאַניק פאַרלאָזען.

יוניטי

מאַריס, אַ קלאָוקס אָפּערייטער, אַן „אַלטע האַנט״, האָט געהערט, אַז ערגעץ אין די בלויע בערג, אין פּענסילווייניאַ, האָבען די וויסט מאַכערינס אַ יוניטי הויז, וועלכע איז גאָר עפּעס פלאַי־פּלאַים. מאַריס איז געוואָרען נייגעריג, און ער האָט באַשלאָסען אַהינצו אַרויספאָרען און אָנקוקען עס מיט זיינע אייגענע אויגען, זעהן דעם אַרבייטערס יוניטי.

שוין פינף און צוואַנציג יאָהר, אַז מאַריס גאַרט און האָפט צו זעהן יוניטי ביי די אַרבעטער, און ער האָט דאָס נאָך דערוויילע ניט געזעהן, און דאָ זאָגט מען אים, אַז ערגעץ אין פאָרעסט היל פּאַרק, האָט דער אַרבעטער יאָ אַ יוניטי. ער מוז דאָס פאָרען זעהן, דאָס מוז געוויס זיין וואונדערלאַך. עפּעס איז דאָרטען מסתמא אַ נס געשען.

מיט יאָרען צוריק, ווען מאַריס איז אַהערצו אַריבערגעקומען, האָט ער געטראָפען די אידישע אַרבעטער צעטיילט אין דריי פיינטליכע מחנות: אין דעליאָניסטען, פּראָווערטסיסטען און אַנאַרכיסטען. מ׳האָט זיך געריסען פאַר די טשופּרינעס, מ׳האָט געשליידערט שטיינער איינער אין דעם אַנדערען, וואָס איינער האָט געזאָגט טאָג האָט דער צווייטער געזאָגט נאַכט. און די יוניאָנס, וואָס מען האָט דאַן אויפ־געבויט, זיינען איבערנאַכט איינגעפאַלען ווי קאָרטען שטיבלאַך. יעדער איינער, פון יענעם טרייענגעל, האָט ניט אַנדערש געוואָלט אַז די יוניאָן זאָל באַלאַנגען צו אים, צו זיין קלייזעל, און אויב ניט, דאַרף ער אין גאַנצען ניט קיין יוניאָן, ווי יענע אידענע וואָס האָט געהייסען שלמה המלך דעם קינד צושניידען, און עס זאָל זיין ניט מיר ניט דיר.

אין 1910 איז אַ נס געשען, און עס איז דאָך געוואָרען אַ יוניאָן, אַן אמת׳ע יוניאָן, און מאַריס האָט געמיינט, אַז ענדליך וועט זיין ביי

אונז יוניטי. אַ ווילע האָט עס טאַקע אַזוי אויסגעזען. באַלד אָבער איז געקומען די באַרימטע הורוויטש־אַפּער און די יוניאָן איז שיער ניט אונטערגעגאַנגען. נאָכדעם האָט זיך אונטערגערוקט אַ סדרה רעוואָלוציעס מיט רעאָרגאַניזיישאָנס, שפּאַלטונגען אין דעם סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם, אַלץ זאַכען וואָס האָבען דעם אַרבעטער געוויס קיין גוטס ניט געטאָן. און צולעצט — דער באָלשעוויזעם מיט זיינע פאַנאַטישע אָנהענגער, און מיט זיינע פאַרביסענע געגנער, וועלבע מאַכען אָן אַ חורבן אין דעם אַרבעטערס רייען. אין סך הכל, זעהט מאָריס, איז קיין יוניטי קיינמאָל ניט געווען. די אַרבעטער האָבען זיך מער געריסען און געקריגט צווישען זיך, ווי מיט דעם אַלגעמיינעם שונא, און טאַקע דערפאַר זענען די רעזולטאַטען אַזעלכע מאָגערע, אויסגעצערטע, ניטאָ אויף וואָס צו קוקען. און דאָ, אין מיטען דעם ברודער קריג, הערט מאָריס, אַז עס איז דאָ אַ יוניטי. מאָריס האָט זיך אָנגעטאָן אַ כח, איינגעפּאַקט זיין פּעקעל, און האָט־אַ־אידאַ אין דער יוניטי הויז.

מאָריס איז אָנגעקומען אין דער יוניטי אין אַ שיינעם פאַרנאַכט, ווען אויף דער יוניטי אימעניע רוהט די שכינה אַליין און זי זעהט אויס ווי דער גן עדן התחתון. יעדע בוימעלע און יעדע בלימעלע האָט אַלע זיבען חנ׳ען. אין אַזאַ פאַרנאַכט, מיט אַזאַ פּראַכטפולען זון־אונטער־גאַנג איז דאָס אַ פּלאַץ וואָס פּאַסט פאַר די געטער אַליין. מאָריס קוקט און גלויבט ניט זיינען אויגען. איז טאַקע אָט די וואונדער־אימעניע, אָט די „ראַשקאָשנע דאַטשע״, דער רעזולטאַט פון דער יוניטי פון בלויז אַ פּאָר טויזענט מיידלאַך? וואָס וואָלט שוין גע־קענט אויפטאָן אַ יוניטי פון אַ מיליאָן? פון צען מיליאָן? און פון נאָך מער?

ווען מאָריס איז אַריין אין דעם ריזיגען דייניגג רום פון דער יוניטי הויז, האָט ער שוין אַלעמען געטראָפען אויסגעזעצט ביי די סערווירטע טישען, עסענדיג מיט דעם באַוואוסטען יוניטי אַפּעטיט. ער איז געווען סורפּרייזט פון דער סיסטעם און פון דער עפישענסי פון דער מענעדזשמענט, ווי אַלעס גייט דאָרט ווי גע־שמירט, ווי אַלעס אַרבעט מיט דער פּינקטלעכקייט פון אַ זייגער.

וואָס לענגער מאָריס האָט פּאָרוויילט אין דער יוניטי הויז, אַלץ מער איז געשטיגען זיין אַכטונג פאַר דער מענעדזשמענט. אין יעדען ווינקעלע פון דעם גרויסען רעזאָרט האָט זיך געלאָזט פילען סיס־טעם און אָרדער. מאָריס האָט פילע מאָל געטראַכט אַז עס וואָלט ניט געשאַדט צו ברענגען אַהער זיין באַלעבאָס, זאָל ער דאָ נעמען אַ קורס אין עפישענסי, אין סיסטעם, אפשר וואָלט ער דאַן געטאָן בעסערע ביזנעס און ער וואָלט אויפגעהערט צו וויינען איבער זיין קאָפּ אויף דעם וואָס ער מאַכט ניט קיין געלט.

אין קלייניגקייט האָט אויף מאָריס'ן געמאַכט גאָר אַ באַ־זונדער אָנגענעמען איינדרוק: איבער'ן גאַנצען הויף פון דער יוניטי וואַקסען בלומען, און דער עולם גייט און שפּאַצירט פאַרביי און לאָזט עס צורוה. מאָריס דערמאָנט זיך ווי אונזערע אידעלאַך פלעגען זיך אַמאָל אויפפירען אין די פּאַרקס, און וואָס פאַר אַ בזיון דאָס איז געווען, און ער זעהט אין דעם איצטיגען באַנעמען זיך פון אונ־זעריגע אין דער יוניטי אַ גרויסען, גאָר אַ גרויסען פּראָגרעס.

יענע נאַכט, ווען מאָריס האָט זיך געלייגט שלאָפען, האָט אים גענומען עגבערען אַ געדאַנק, וועלכער האָט אים ניט אָפּגעלאָזען ביז זיין אָוועקפאָרען: אויב די אַרבעטער האָבען שוין דערגרייכט צו אַזאַ שטופע און צו אַזאַ פיהיגקייט פון פאַרוואַלטונג, טאָ פאַר־וואָס זאָל מען ניט מאַכען אַ טראָט ווייטער און פּרובירען פאַר־וואַלטען נאָך עפּעס, און נאָך עפּעס? אָט, צום ביישפּיל, גייען אַרום די פופציג טויזענט קלאָוק־מאַכער דינער טיים און לאָזען איבער אַ לומפּיגע פינף און צוואַנציג טויזענט דאָלער אין די רעסטאָראַנטען אין דעם אַרבעטער דיסטריקט, טאָ וואָרום קאָנען דאָס די אַרבע־טער ניט האָבען אין יענעם געגענט כאָטש אַ טוצען יוניטי רעס־טאָראַנטען, וואו זיי וואָלטען געווים געקראָגען אַזעלכע טייערע מאכלים, ווי די מיט וועלכע מען קאָרמעט זיי אין די גוי'אישע קאַפעטעריעס? אָבער מאַלע וואָס מ'וואָלט געקענט האָבען ווען עס וואָלט נאָר געווען יוניטי.

עס איז פרימאָרגען, נאָך ברעקפעסט, אין דער יוניטי הויז. דער עולם איז רחבות'דיג אויסגעזעצט אויף די ראָקערס. די זון

שיינט, דער ריח פון דעם יוניטי טייך און פון דעם סאָסנעוועץ וועלדעל מישען זיך צוזאַמען און דרינגען אַריין דורך דער נאָז אין די לונגען אַריין. די פויגלען שעמען זיך ניט און שרעקען זיך ניט פאַר די יוניטי געסט, און זיי קומען צופליען אין זייערע נעסטען, וואָס זיי האָבען זיך געמאַכט, טאַקע דאָ, אויפ׳ן פאַרטש, אין דער הויך, אונטער׳ן דאַך, און אויף די בוימער אין הויף. זיי צוויטשען און פישצען אין פאַרשיידענע טענער און אויף זייער אייגענאַרטיגען אופן. די יונגוואַרג איז אויפגעלעבט. דאָרטען האָט זיך אַ בחור צוגעזעצט ביים ברעג פון אַ מיידעלס „ראָקער״, און דאָ האָט אַ כוואַטסקע מיידעל געטאָן דאָס זעלבע אויפ׳ן בחור׳ס שטול. מען רעדט, מען שפאַסט, מען לאַכט, און מען שטיפט. ווער מיר דרעסעס, וואָס מיר קלאָוקס, חברה איז ווייט אין עולם האצילות. וואָלט אונזערער אַ באָס אריינגעפאַלען אַהער, וואָלט ער אונז גאָר ניט דערקענט, גאָר ניט די זעלבע מענשען. מאָריס זיצט אָן אַ זייט, באַטראַכט דאָס און קלערט, ווי שיין, ווי געטליך די מענשען זיינען ווען זיי פילען זיך כאָטש אַ ביסעלע גליקליך און צופרידען. און די איינציגע זאַך, יוניטי, וואָס וואָלט זיי געקענט גליקלאַך מאַכען, איז דאָך אַזוי לייכט, און דאָך אַזוי שווער צו קריגען.

גדליה

גדליה, אַן אַפּערייטער ביי סקוירטס, איז ניט פון די געהויבענע בעל־מלאכות. איבערהויפּט קומט גדליה׳ן אָן זייער שווער אַ נייער סטייל. אַז ער גיט אַ קוק אויף אַ שווערע שטיק אַרבעט, הויבט אים אָן שווינדלען אין די אויגען, און אַז ער קריגט אַזאַ סקוירט צו מאַכען, קוקט ער אויפ׳ן סעמפּעל און ווייס ניט פון וועלכען זייט עס אָנצו־פאַנגען נייען. דערצו האָט ער גלאַט גראָבע פינגער, און אַ באָטענ־האָל אָדער אַ פּייפּינג, אַז עס גייט אַרויס פון זיינע הענט, איז אויף זיי אַ רחמנות, אַ קוק צו טאָן. עפּעס איז עס אַזוי צודרייט, צושלעפּט און צעצויגען, און איין זייט קוקט קרום אויף דער צווייטער, און דערפאַר קריגט טאַקע גדליה אַזוי אָפט די סעק, און ער דאַרף אַלע עטלאַכע וואָכען נייע דזשאַבס. און וואָלט גדליה כאָטש געקענט די קונץ פון אונטערחנפענען זיך צו אַ באָס, שמייכלען צו אַ פאָרמאַן, וואָלט נאָך מיט אים געווען אַ האַלבע צרה. אָבער דאָס קען ער אויך ניט. גדליה האָט זייער אַן אידעלע נאַטור, איז זייער נאַאיוו, כמעט אַ תמים, און ער הויבט גאָר ניט אָן צו פאַרשטיין ווי זיך צו חנפענען, ווי זיך צו לעקען.

עס איז געווען גדליה׳ס אומגליק, וואָס ער איז אַריינגעפאַלען צו אַזאַ קאָמפּליצירטער מלאכה ווי קלאָוקס, וואו עס זענען דאָ מער סטיילס, ווי מאָסקיטאָס אין אַ ניו־דזשוירזיער זומפּ. און זיי בייטען זיך אָפטער ווי דער וועטער אין ניו יאָרק. וואָלט גדליה געאַרבעט ביי אַן איינפאַכער און פליינער מלאכה, וואו עס איז ניטאָ קיין סטיילס און קיין סעזאָנס, וואָלט ער געוויס געמאַכט אַן אָנשטענדיגען לעבען, ווייל ער איז אַ שווערער אַרבעטער, אַן אמת׳ער האָרעפּאַשניק, אַ איד מיט אַ ווייב און דריי קינדערלאַך, וועלכער דאַרף און מוז מאַכען

אַ לעבען. איז דאָך אָבער גדליה געבליבען ביי די צרה׳דיגע קלאָוקס מיט די צו קורצע ביזי סעזאָנס און די צו לאַנגע סלעק.

און גדליה קען קיין לעבען ניט מאַכען. און ביי גדליה׳ן אין הויז איז חושך. רק עס פעלט. דאָ פעלט אַ פּאָר שיך פאַר׳ן קינד, און דאָ פעלט אויף רענט; דאָ פעלט צוויי דאָלאַר צו רופען אַ דאָקטער, און דאָ פעלט אַ פּאָר דאָלאַר צו באַצאָלען דעם ביל אין דער סאָסייעטי. און עס פעלט שלום־בית. גדליה׳ס ווייב איז אימער בייז, צורייצט און נערוועז. גדליה׳ס קינדער זיינען בלאַס, קרענקלאַך און ניט ערצויגען. גדליה אַליין איז פאַר׳חושכ׳ט אָן מוט און נידערגעשלאָגען. און גדליה מיט דער ווייב און קינדער זענען פאַרסמ׳ט פון דעם גיפט, מיט וועלכען דער דלות־שלאַנג האָט זיי פאַרגיפטעט, און מ׳קריגט זיך אַרום איבער דער קלענסטער קלייניגקייט, מ׳רייסט זיך אַרום איבער אַ נעכטיגען טאָג, איבער וואָס מען דאַרף און וואָס מען דאַרף ניט.

איז אין די גוטע צייטען האָט נאָך גדליה ווי עס איז געמאַכט אַ לעבען — אַ געמאַטערטען, אַ געמוטשעטען לעבען, אָבער דאָך אַ לעבען. אָבער אַט האָט זיך געענדיגט די פּראָספּעריטי, און די באָסעס האָבען, ווי די שפּיר־הינט, דערשמעקט די „נאָרמאַלסי״, און עס איז געקומען צו אַ סטרייק, און גדליה איז מיט מזל אַ סטרייקער.

גדליה׳ן ווערט די וועלט נאָך טונקעלער, אויפ׳ן האַרצן נאָך שווערער, און אין קאָפּ קריכען מיאוסע רעיונות... גדליה׳ס ווייב ווערט נאָך בייזער, צערייצטער און נערוועזער, פון דאָס אייביגע לויפען באָרגען און אויסקלערען תירוצים פאַר׳ן לענדלאָרד, גראָסערימאַן און בוטשער. גדליה׳ס קינדער ווערען נאָך בלאַסער, לויפען אַרום אָפּגעריסענע און צעלאָזענע, ווייל טאַטע־מאַמע ליגט ניט אין זינען אויף זיי אויפצופּאַסען.

עס איז ניט באַוואוסט ווי אַזוי, מיט וועלכע נסים, גדליה מיט זיין ווייב האָבען דורכגעמאַכט דעם סטרייק. אמת, גדליה מיט זיין פאַמיליע זיינען אַרויס פון אים צובראָכענע שאָרבענס, קוים וואָס די אָרעמע טריבע נשמות האַלטען זיך אין זייערע פאַרמוטשעטע, פאַר־הונגערטע קערפּערס.

עס האָט זיך אָבער אַזוי געמאַכט, אַז אין גדליה׳ס שאָפּ איז נאָכ׳ן סטרייק ניט געווען קיין אַרבעט, און דער שלים־מזל׳דיגער גדליה איז אַרומגעגאַנגען אָן אַרבעט אויך נאָכ׳ן סטרייק. און אַז ער האָט שוין געקראָגען אַ דזשאַבעל, און ער האָט געכאַפּט עטלאַכע וואָכען אַרבעט, און געבראַכט די וויב די פּאָר „פּיידעס״, האָט מען ניט געוואוסט וואָס פריער צו טאָן מיט דעם געלט, אַז שולדיג איז מען די גאַנצע וועלט, און מען איז הייל נאַקעט און באָרוועס.

די פּאָר ביזי וואָכען זיינען שנעל פאָראיבער, און אָט איז ווידער סלעק — דער „געזעצלעכער״ סלעק, ווען אַלע סטאָפּען, ווען אין די בעסטע שעפּער איז ניטאָ און דאַרף ניט זיין קיין אַרבעט, און גדליה סטאָפּט גלייך מיט אַלעמען; ער איז ניט קיין אויסנאַמע — אָ, ניין, ניט אין סלעק־סעזאָן.

גדליה׳ס וויב זוכט ווידער אַ תירוץ פאַר׳ן לענדלאָרד, ווען ער קומט נאָך רענט. דער גראָסערי מאַן באָרגט מער ניט און קיין קרובים ביי וועמען צו לייען איז מער ניטאָ. און די כוחות דאָס אַלעס ווייטער צו שלעפּען גייען אויס. און עס פּאַסירט דאָס אונפאַרמיידליכע. גדליה׳ס וויב ברעכט צוזאַמען, זי לייגט זיך אין בעט אַריין. דער דאָקטער רופט אַרויס אַן אַמבולאַנס און מען נעמט איר צו אין האָספּיטאַל.

די קינדער האָבען משפּחה צוגענומען. איינע — זיינע אַ שוועס־טער, אַ צווייטע — אירע אַ שוועסטער, אַ דריטע — זיינע אַ טאַנטע.

איצט גייט גדליה אַרום אין גאַס און דאַרף ניט מער קיין „פּיידע״ — זיין פאַמיליע איז באַזאָרגט.

די טויטע האַנט

יענע לאַנג־יאָרן דרעסעס, ביי וועלכער איך האָב דעמאָלט געאַרבעט, איז געווען וואָס מען רופט, ספּאָרטוועיר. דאָס איז אַ דרעס אין וועלכער עס זיינען פאַראַן אַ סך קנאָפּלעכער, קעשענעס, פאַלדען און נאָך אַנדערע פאַרדרייעענישען, וואָס מוזען אַלע זיין געצייכענט מיט זייף־קרייד. איך האָב שוין געהאַט אָפּגעאַרבעט אין יענעם שאַפּ אַ פּאָר יאָהר, און דורך דער גאַנצער צייט האָט דער באָס, איינער פון די שותּפים, אימער געטאָן דאָס צייכענען. אָבער פּלוצלונג האָבען מיר אַריינגעקראָגען אַ גאַנץ היבשען אָרדער פון אַ סטייל וואָס האָט געהאַט זייער אַ סך צו צייכענען, און די פירמע האָט אַרויפגענומען אַן עלטערען מענשען צו טאָן די אַרבעט.

איך זאָג אַן עלטערער מענש, אין דער אמת'ן אָבער איז ער געווען אַ פאַרעלטערטער, פאַר דער צייט אַלט געוואָרען. עס איז אַ גאַנץ היבשער אונטערשייד צווישען אַן אַלטען און פאַרעלטערטען מענש. אַן אַלטער מענש איז דורכאויס אַלט, אַלעס אין אים איז אַלט, די פּלייצע איינגעבויגען, די אויגען אָן אַ גלאַנץ, קנייטשען איבער'ן פּנים און שטערען, די הויט פון די הענט איז בלאַס און צעקאָרטשעט, און דער גאַנג אַ שוואַכער, אַ ניט זיכערער. אַ פאַרעלטערטער אָבער, קען זיין מיט נאָך גאָר אַ יונגער פּלייצע, אָבער מיט אַ זייער צע־קנייטשטען פּנים, אָדער מיט עפּעס אַ פּאָר דער צייט ווייס געוואָרענע קאָפּ האָר, אָדער מיט אַ מויל מאָדנע צעפּאַלענע און צוקאַליעטשעטע ציינער און מיט מאָדנע גריבער בייביידע זייטען מויל, אָדער בלויז זיין גאַנג איז עפּעס אַ שלעפּעדיגער, אַ יאוש'דיגער און דער בליק אַ האָפענונגסלאָזער, אַ פאַרלוירענער.

באַלד פון אָנפאַנג האָט דער צייכענער (מאַרקער) געצויגען מיין

אויפמערקזאַמקייט אויף זיך. ערשטענס, אַ נייע „האַנט״; צווייטענס, ווייל דער שאַפּ האָט ביז דאַן קיין צייכענער ניט געהאַט; דריטענס, בין איך געווען טשיקאַווע צו זען, ווי דער קאַפּריזנער באָס וועט אויסקומען מיט אַ „האַנט״, וואָס ביז אים האָט ער אַליין געטאָן זיין אַרבעט. נאָכהער האָב איך באַמערקט אַז ער איז עפּעס זייער שטיל, צוריקגעהאַלטען, אַ געצוואונגענע צוריקגעהאַלטענקייט און איך האָב אָנגעהויבען טראַכטען פון אים.

און גראַדע האָב איך דורכאויס געאַרבעט אויף דעם סטייל, וואָס ער האָט געצייכענט, און איך האָב באַמערקט דעם אונטערשייד צווישען זיין צייכענען און דעם באָס. זיינע איז געווען מער קענטיג, בעסער אויסגעאַרבעט, און די צייכענס האָבען זיך לענגער געהאַלטען, זענען ניט אָפּגעקראָכען איבער נאַכט ווי פון דעם באָס. יעדעס מאָל ווען איך האָב גענומען מאַכען די קנאָפּלעכער אָדער אַרויפשטעפּען די קעשענעס און קוקען אויף די קרייד צייכענס, האָב איך געטראַכט פון אים, פון דעם פאַר דער צייט פאַרעלטערטען, פאַרשטילטען צייכענער. ער איז מיר געשטאַנען פאַר די אויגען.

ער האָט אינגאַנצען געאַרבעט אַ צוויי וואָכען צייט, און ווען איך בין יענעם מאָנטאָג אינדערפרי אַריינגעקומען אין שאַפּ אַ פאַרשפּעטיק־טער, האָב איך דעם צייכענער ניט געטראָפען. מיטאָג צייט האָב איך זיך דערוואוסט אַז ער איז שבת ביינאַכט געשטאָרבען פון אַ שוואַכער האַרץ און זונטאָג איז געווען די לוויה. אויסער דעם באָס מיט אַ פּאָר אַרבעטער, האָט אים אין שאַפּ קיינער ניט געקענט, און ווען מ׳האָט גערעדט פון זיין פּלוצלונגען טויט, האָבען די פּאָר באַקאַנטע זיינע אָפּגעפּטר׳ט די זאַך מיט דעם געוויינליכען סקאַרבאַווען זיפץ, און די איבעריגע האָבען זיך באַנוגענט מיט אַ טרויעריגע לוויה מינע און אַ שאָקעל מיט׳ן קאָפּ, און דער אינצידענט איז געווען געענדיגט.

מיר אָבער איז די זאַך פון זינען ניט אַרויס. אָט האָט אַ מענש ערשט מיט צוויי טעג פריער געאַרבעט, געווען מיט מיר אין איין שאַפּ, געשטאַנען און געאַרבעט בלויז אַ צוויי שפּאַן פון מיר, מיר צוגעטראָגען אַ באַנדעל פריש געצייכענטע דרעסעס און מיר געגעבען עס אין האַנט אַריין, און אָט ליגט ער שוין אין דער ערד. אַ זיפץ, אַ

טרער, אַ טרויעריגע מינע און ער איז אָפּגעווישט, פאַרגעסען, אַזוי ווי קיינמאָל גאָר דאָ ניט געווען. מאָרגען וועט דאָס פּאַסירען מיט משה'ן, מיט לייזער'ן, מיט מיר, און מיט די איבעריגע. און דער גאַנצער שאַפּ אַרום מיר זיינען דאָך בלויז לעבעדיגע מתים... אַ שוידער, אַ סקרוך איז מיר אַריבער איבער'ן לייב פון אַזאַ טראַכטען.

איך האָב זיך געזעצט אַרבעטען נאָך דינער, אָבער דער מת שטייט מיר פאַר די אויגען. איר פּרוביר טראַכטען פון עפּעס אַנדערש, אָבער איך קען ניט, איך טראַכט נאָר פון אים, איך פּרוביר פאַרפירען אַ שמועס מיט מיינע שכנים אָבער עס גייט ניט, מיין צונג איז ווי געליימט, און איך טראַכט ווידער פון אים. און אַט נעם איך זיך צו אַ נייעם באַנדעל. איך הויב אָן מאַכען די קנאָפּלעכער און הויב אָן קוקען אויף די קרייד־צייכענס און עס דוכט זיך מיר אַז איך זע דעם טויטענ'ס האַנט איבער די צייכענס און אַז איך שטעפּ דאָס איבער זיינע הענט. איך נעם איינהאָקען די קנאָפּלעכער, אָבער עס גיט מיר אַ שוידער, מיר דוכט זיך אַז איך שנייד דאָס דעם טויטענס האַנט, און עס גיסט מיר אָפּ אַ קאַלטער שוויס...

איך האָב זיך אויפגעהויבען און בין אַוועק אין גאַס. גענומען אַ זייער לאַנגען שפּאַציר, געגאַנגען ביינאַכט אין אַ מואווי, און אויף מאָרגען דורך עפּעס אַ גלאַטען תירוץ איז מיר געלונגען פּטור צו ווערען פון יענעם לאַט אַרבעט און קריגען אַן אַנדער סטייל, וואָס האָט ניט קיין קרייד צייכענס. און אַזוי האָב איך זיך באַפרייט פון דעם טויטענ'ס האַנט, הגם זיין געשטאַלט איז מיר געווען פאַר די אויגען אַ לאַנגע צייט.

אַ רפואה שלמה

ער איז אַרויפגעקומען אַרבייטען אין אונזער שאַפּ אַ פּאָר וואָכען איידער עס האָט זיך אָנגעפאַנגען די איצטיגע מלחמה צווישען די רעכטע און לינקע. ער איז געווען אַ קענטיגער און ער האָט געצויגען אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט מיט זיין שטעכיגען בליק פון זיינע מאָדנע שפּיציגע אויגען, וועלכע האָבען איבערגעשראָקען, אָבער אין וועלכע מען האָט זיך ווידער און אָבער געמוזט איינקוקען; מיט זיינע קרומע אָקסלען, איבער וועלכע מען האָט ניט געקענט באַשליסען צי איינער איז צו נידעריג צי דער אַנדערער איז צו הויך; מיט זיינע זייער אויסגעבויגענע פיס, וועלכע האָבען געמאַכט דעם איינדרוק ווי ער האָט זיי אימישנע אַזוי אויסגעבויגען אימיצען דורך זיי דורכלאָזען, און אויך מיט זיינע אויסערגעוויינליך לאַנגע הענט, וועלכע זיינען אים נאָכגעהאַנגען ווי פרעמדע צוגעטשעפּעטע, און ווי מ'וואָלט זיי אויפגעהאַנגען ניט ריכטיג, פון די זייטען, ווי ביי אַלע מענשען, נאָר עפּעס אויסגעבויגען צום הינטען צו, און אין זיין מאַנטעל, מיט די צו לאַנגע אַרבעל, (עפּעס ווי דער שניידער וואָלט אים מיט א כיון געוואָלט מיאוסער מאַכען) פון וועלכע עס האָט זיך קוים אַרויסגעזען די שפּיצען פון זיינע פינגער, האָט ער אויסגעקוקט מער טשוטשעלאָ ווי לעבעדיגע באַשעפעניש.

נאָך די ערשטע וואָך האָבען שוין אַלע געוואוסט, אַז ער איז אַ חלוש, און דאָס איז פאַרבליבען די הויפּט פיטשור אַרום אים. אין רעסטאָראַנט, צו דינער, האָט ער אַ סך גערעדט פון די מאכלים, וואָס ער טאָר ניט עסען, ווייל ער איז אַ חלוש. און דאָך האָט ער אַריינגעגעסען אַזוי פיל וויפיל די געזונטע, און מאַנכעס מאָל נאָך אַביסעל מער. דער שאַפּ האָט זיך זעהר שנעל דערוואוסט, אַז ער האָט געהאַט ניומאָניע מיט אינפלוענציע און ער האָט דורכגעמאַכט

אַן אָפּעראַציע אויף אַפּענדיסייטיס און אַז ער איז זעהר אַ פיינער מאַן און אַ הייסער יוניאַן מאַן. אַט די אַלע זאַכען איז, דאַכט זיך, ניט געווען אויף אים צו באַמערקען, און קיין אינטימען פריינד, וועלכער זאָל דאָס דערציילען, האָט ער ניט געהאַט. און דאָך האָבען דאָס אַלע אין שאַפּ זיך באַלד דערוואוסט, און ער איז געוואָרען אין שאַפּ אַ חשובע פּערזאָן, אַן אַנגעזעהענער און איבערהויפּט אַזעלכער אויף וועמען מען דאַרף רחמנות האָבען און מיט וועמען מען דאַרף סימפּאַ־טיזירען.

ער פלעגט אַ פּאָר מאָל דורך דער וואָך אַריינקומען שפּעטער און אַמאָל אַוועקגיין פריער, און דאָס האָט געהייסען, אַז ער איז אַ שוואַכער, אַ קריינקלאַכער, און דער טשערמאַן פלעגט אים דערפאַר צוזען מיט אַ בעסערען באַנדעל אַרבעט, מיט וואָס אַלע אַפּערייטאָרס אין שאַפּ זיינען געווען איינשטימיג.

ווען עס איז געקומען צו דער איצטיגער שפּאַלטונג און צו דער רעגיסטראַציע, און דער שאַפּ האָט געהאַט זיין ערשטען מיטינג מיט דעם רעכטען ביזנעס אַגענט, האָט ער קיין מיינונג ניט אַרויסגעזאָגט און מ׳האָט גאָרניט געוואוסט אַז ער איז אַ לינקער. צו יענער צייט זיינען געווען געגען רעגיסטרירען זיך אַ פּאָר אַרבעטער, וועלכע זיינען איצט פאַרקאָכטע רעכטע, אָבער פון אים, מיט די שפּיציגע אויגעלאַך, האָט מען גאָרניט געהערט, קענטיג אַז ער האָט געוואָלט זיין אַ קלוגעטשקער און שטיין הינטער די פּאָר לינקע באַלמלאָכעס און לאָזען זיי אויסקעמפען זיין לינקען קאַמף.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און כמעט דער גאַנצער שאַפּ, ווער פריער און ווער שפּעטער, האָט זיך רעגיסטרירט מיט דעם אינטער־ניישאָנאַל. אַ פּאָר, וועלכע מען האָט חושד געווען אַז זיי זיינען ניט רעגיסטרירט און מען האָט זיי געוואָלט נעמען אויפ׳ן צימבעל, האָבען אָבער באַלד געצייגט כשר׳ע אינטערניישאָנאַל ביכלאַך, וועלכע זיי האָבען אַרויסגענומען נאָך פריער פאַר אונז, און מיר זיינען געבליבען מיט אַ נאָז. ניט רעגיסטרירט איז געבליבען ער אַליין. און דאַן האָט ער אָנגעפאַנגען זיין צווייענדיגע ראָלע, פון אַ לינקען און פון אַ נעבאַך.

יעדען פרימאָרגען איז ער געקומען אַן אָנגעפּויזטער מיט די שמעקעדיגע פּאַרפיומטע און צוגעפּאַרבטע „פרייהייט״ סענסאַציעס און ער פלעגט צו זיי צומישען זיין אייגענעם גאַל און גיפט און זיי אונז גלייך אין פּנים אַריין, ווי אַ שלאַנג אריינשיפּען. דער יונג וואָלט געוויס געקראָגען אונטערגעפּאַרבט זיינע שפּיציגע אויגעלעך, איז ער דאָך אָבער אַ חלוש, אַ מענש וואָס האָט דורכגעמאַכט ניומאָניע, אינפלוענציע מיט אַפּענדיסייטיס, און ווער וועט דאָס וואגען הויבען אַ האַנט אויף אַזעלכען.

וואָס אַ טאָג ווייטער איז ער אַלץ געוואָרען פרעכער און ער פלעגט העזה׳דיג קיבעצען און פּאַרטשעפּען יעדען אין שאָפּ, און מיר האָבען באַשלאָסען אַז ער מוז זיך רעגיסטרירען. אָבער אַזוי שנעל ווי ער פלעגט דערשמעקען אַז מען נעמט זיך צו אים, פלעגט ער זיך באַהאַלטען אונטער דעם פּאַרטוך פון זיין זאָגענאַנטער חלוש׳קייט. איינמאָל, ווען דער ביזנעס אַגענט איז צו אים צוגעשטאַנען אַז ענטוועדער אָדער, האָט ער געמאַכט אַ רחמנות פּנים, אַז ער שטייט קוים אויף די פיס, און אַז נאָך פּסח מוז ער סאַי ווי סאַי פּאַרלאָזען דעם שאָפּ, ווייל ער איז קראַנק. און ווירקליך, דער מאַן פלעגט טאַקע איין טאָג קומען און איין טאָג ניט, וואָס עס האָט באַוויזען אַז ער איז טאַקע קראַנק. אַזוי האָט דער שפּיל אָנגעהאַלטען היפּשע עטלאַכע וואָכען.

אונזער טשערמאַן אָבער האָט געטענה׳ט, אַז רעגיסטרירען זיך קאָסט ניט קיין אוצרות און כאָטש ער איז קראַנק, מוז ער זיך רעגיסטרירען, אַז ניט וועט ער ניט קריגען קיין אַרבעט. און אין אַ געוויסען נאָכמיטאָג האָט ער זיין סטראַשונאַק דורכגעפּירט, און דער מיט די שפּיציגע אויגעלאַך איז געבליבען זיצען אויף זיין טשער אָן אַרבייט. קיין זעהר איינגענעמע געשעהעניש איז דאָס פּאַר אונז ניט געווען. זיצט אַן אָפּערייטאָר אין ווינקעל, פּאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס און קוקט שטאַר און פּאַרביסען אויף אַלעמען, און אַלע כאַפּען הינטערוויילע אַ קוק אויף אים און פילען זיך ווי שולדיגע, ווי פּאַר־ברעכער, כאָטש זיי דענקען אַז יענער דאַרטען איז אומגערעכט מיט זיין וועלען גיין איינער געגען אַלע.

די איינציגע דרייפערין אונזערע, כאָטש אַ רעגיסטרירטע, אָבער אין האַרצען אַ לינקע, לויפט צו אים צו אַלע ווילע און טענה'ט מיט אים און בעט זיך ביי אים ער זאָל זיך גיין רעגיסטרירען און ניט מאַכען קיין טראָבעל. עס איז אַ שאַפּ וואו מען מאַכט אַ לעבען, און וואו וועט ער איצט גיין אין אַזאַ שלעכטען סיזאָן. זי, די ממזרת, מיינט אַזוי ניט זיין טובה, ווי זי האָט מורא פאַר איר אייגענער פעל, ווייל טאָמער גייט ער אין דער לינקער יוניאָן און זיי רופען אַ סטרייק, וועט זי, וועלכע לויפט אַ גאַנץ זומער אין דעם קעמפּ ניטגעדייגעט, מוזען אַרונטערגיין, און זי וועט זיין אויף געהאַקטע צרות. האָט זי טאַקע, די משומדת, געאַרבעט מעשים יענעם נאָכמיטאָג, ביז זי האָט אים איבערגערעדט, און פאַרנאַכט האָט דער מיט די שפּיציגע אויגעלאַך זיך געלאָזט שמד'ען און ער האָט אַרויסגענומען אַ ביכעל כדת וכדין.

און, וואונדער איבער וואונדער, שוין אויף מאָרגען איז ער געקומען גאַנץ אין דער פרי אין שאַפּ, און ער האָט געמאַכט אַ טאָג אַרבייט אַזש אַ רויך איז געגאַנגען. וואו מיר קראַנקהייט, וואו מיר שוואַכקייט, די רעגיסטראַציע האָט עס אַלץ ווי מיט אַ האַנט צוגענומען. און אַזוי איז גאָט צו דאַנקען ביז אויף היינטיגען טאָג. דער מאַן מאַכט אַ טאָג אַרבייט ווי אַ געזונטער גוי, און פאַלט אַרויס פון דער אַרבייט פריער פאַר אַלעמען, און אַפילו דער שנעלער דזשייקעלע מוז זיך אויך אַביסעל אונטערגאַרטלען אום ניט צו פאַרלירען זיין טשעמפּיאָנשיפּ.

ברוך

אַ גאַליגער, אַ ביטערע ציבעלע איז ברוך געווען. און עס איז גאָר קיין וואונדער ניט, ווייל אויפגעהאָדעוועט האָט ער זיך ביי אַ טאַטען אַן אביון, אַ מחוסר לחם. אַ קאַליקער שניידער, וועלכער וואָלט אויסגעגאַנגען פון הונגער ווען ניט די וועכענטלאַכע „קצבה" וואָס שטעדטעל האָט אַריינגעשיקט. אַ קלוגער און אַ שטאָלצער איינגעל איז ברוך געווען, און ער האָט פאַרשטאַנען פון וואַנען דאָס ברויט אין הויז האָט זיך פלוצלונג באַוויזען. נאָך אַ פאָר טעג אונטערהונגערען, און ער האָט טיף אין האַרצען געהאַסט די שטעדטעל מיט איר קצבה. און אַזוי ווי ער האָט זיך נאָר געשטעלט אויף די פיס, און ער האָט געקענט מאַכען אַ גוטען מאַנטעל, איז ער אַנטלאָפען פון זיין שטעדטעל, וואו ער האָט געגעסען קצבה ברויט און די שאַנד האָט אים געברענט דאָס פנים.

און ברוך האָט עפּעס ווי אַ שטומען נדר געטאָן אַז זיין טאַטע מאַמע זאָלען מער קיין קצבה ברויט ניט עסען. און ער האָט זיי פון דאַן אָן רעגעלמעסיג און פינקטליך געשטיצט און זיי האָבען מער צו פרעמדע ניט געדאַרפט אָנקומען. און ברוך האָט געמעגט האָבען די ערגסטע צייטען, האָט דאָס אים ניט אָפּגעהאַלטען פון שיקען זיין שטיצע צו זיינע עלטערען.

אין אַמעריקע, איז פון דעם איינגעל ברוך געוואָרען אַ קלאָוקס אָפּערייטאָר, אַ פאַרביסענער און פאַר'עקשנ'טער יוניאָן מאַן, וועלכער האָט ניט אין שאַפּ און ניט ביי זיין יוניאָן מיטינג נאָכגעגעבען פון זיינע רעכטע אַפילו אַ קוצו־של־יוד. אין יעדעס מאָל ווען איך פלעג באַמערקען זיין פאַרביטערטע און גאַליגע האַנדלונג צום באָס און צום פאָרמאַן אין שאַפּ, און זיין גיפטיגען אַרונטערייסען און רייבען אַ מאָרדע די בעאַמטע אין דער יוניאָן, האָב איך זיך דערמאָנט אַן

די קצבה ברויט וואָס ער האָט אַלס אינגעל געגעסען, וואָס האָט איינגעפלאַנצט אַזאַ פאַרביסענע שנאה צו די רייכע און שטאַרקע וואָס גיבען די קצבה.

ברוך איז אימער געווען, אָדער דער שאַפּ טשערמאַן, אָדער דער הויפּט פּרייז קאָמיטעמאַן און דאָ, ביים מאַכען די פּרייזען האָט ער אויסגענוצט זיין אינסטינקטיווע שנאה צום באָס, צום בורזשוי, און ער האָט געקעמפּט פאַר פּרייזען מיט נעגעל און ציין. דאָס צעטלען פּרייזען פלעגט ער פאַרשלעפּען, קעמפענדיג, אַזוי לאַנג, אַז די אַרבעטער פלעגען דערווייליע פאַרלירען אַ פּאָר וואָכען פון דעם אָנפאַנג סעזאָן, וואָס זיי האָבען שוין ניט געקענט מער אָניאָגען; און אייניגע אין שאַפּ האָבען דאָס טאַקע ניט געגליכען. ער אָבער, מיט זיין שטאַרקער כאַראַקטער, פלעגט האַלטען אַלעמען אין מורא און זיי האָבען ניט געוואגט צו עפענען אַ מויל.

צום ענדע סעזאָן ווען דער באָס האָט געוואָלט מאַכען לינען, און מ׳האָט געדאַרפט אַ ביסעל אַרונטערקומען מיט די פּרייזען, האָט מען דאָס אָבער מיט אים, מיט ברוך׳ן, ניט געקענט אויספירען. ער פלעגט זיך אָנהויבען דינגען און אַרומרייסען מיט׳ן באָס, ביז וואַנען דער קורצער סעזאָן פון די ליבען פלעגט אַריבערפליען, און עס איז שוין געווען נאָכ׳ן סעזאָן. און אַזוי אַרום, פלעגט די אַרבעטער ווידער פעלען עטלאַכע וואָכען אַרבייט, און עס איז געווען „יצא שכרו בהפסדו״, די פאַר פעניס וואָס ער פלעגט אַרויסרייסען מיט זיין אויסדינגען גוטע פּרייזען, פלעגט ער דערפאַר פאַרלירען דאָלאַרס, מיט דעם וואָס ער פלעגט מאַכען אַ קורצען סעזאָן.

אין דער יוניאָן, ביי די מיטינגען, איז ער געווען באַקאַנט אַלס אַ ביטערער געגנער, אַ מאָרדע רייבער, פון די בעאַמטע פון די לידערס. פאַר קיינעם פון די ביזנעס אַגענטען, האָט ער קיינמאָל ניט געהאַט קיין גוט וואָרט. און אַזוי שנעל ווי איינער איז אַריין אין אַמט, האָט ער שוין אויף מאָרגען ניט געטויגט. דערפאַר האָט ער געהאַט גרויס בייפאַל ביי די מאַסען, און מ׳האָט אים געהאַלטען פאַר דעם גוטען יוניאָן מאַן. די אינטעליגענטערע אָבער, האָבען געזען אַז ער איז, ערשטענס זייער ווייט פון בילדונג, און צווייטענס,

האָבען זיי דערשפּירט זיין עקשנות, זיין ביטערקייט, זיין אייביגען „פייטינג ספּיריט" צי מ'דאַרף צי מ'דאַרף ניט, און זיי האָבען פון אים ניט געהאַלטען, און ער איז קיינמאָל צו קיין אַמט ניט ערווילט געוואָרען. ער פלעגט אימער זיין פון די ערשטע ארייננצושפּרינגען אין די „רעבעלירענדע מאָוומענטס" אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, ווי די הורוויטש אַפּערע, און ווען לאָקאַל איינס האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעריסען פון דער דזש. באָארד.

אַזוי האָט זיין פאַרביסענע און פאַרביטערטע נשמה אַרומגע־בלאָנדזשעט אין דער יוניאָן. אָבער זיין אמת'ן תיקון האָט ער געפונען ווען עס איז ערשינען די „פרייהייט". און זי האָט אָנגעהויבען גיסען אויף אַלץ און אַלעמען גאַנצע פּאַמוניצעס מיט שמוץ. דער „פרייהייטס" רייבען אַ מאָרדע איז אים געווען זייער צום האַרצען, „אָט אַזוי דאַרף מען פון זיי שניידען פּאַסען", האָט ער געטענה'ט פאַר אַלעמען אין שאָפּ.

און ער האָט געטראָגען פינפערלאַך און צענערלאַך פאַר דער „פרייהייט" מיט אַ ברייטער האַנט. און ער איז געוואָרען ביי די כאַווערים און כאַווערטעס אַ „פּערסאָנא גראַטא", אַן אדם גדול, און עס האָט זיך געשאָטען אויף אים פון אַלע זייטען „כאַווער ברוך" און „כאַווער ברוך". דער כבוד האָט אים נאָך מער צוגעבונדען צו זיי, און ער איז געוואָרען אַן אָנגעזעהענער מעמבער אין אַלע זייערע אונטערנעמונגען. ער האָט גענומען צימערען אין זייער קאָאָפּעראַ־טיוועך הויז, ער האָט ארויסגענומען פון באַנק זיין פאַרמעגען און ער האָט ביי זיי איינגעקויפט גאָלד באָנדס.

דערווײַלע האָבען די כאַווירים אַרויסגערופען דעם זעקס און צוואַנציג וואָכיגען קלאָוקמאַכער סטרייק. און ברוך איז געבליבען אָן אַ גראָשען אין קעשענע. און ווען ער איז געקומען נאָך זיינע גאָלד באָנדס האָט ער אַפילו קיין בלעך פאַר דעם ניט געקראָגען. און אויף זיין טענה „איך דאַרף שיקען אַ פּאָר דאָלאַר מיין אַלטער מאַמע", האָבען זיי אים געהייסען וואַרטען, ווען זיי וועלען אָט באַלד ענדיגען דעם סטרייק און זיי וועלען אים אַרויפשיקען אויף'ן בעסטען דזשאָב.

אַ מידער, אַן ענטוישטער, איז ברוך שפּעט ביינאַכט געקומען אַהיים, אין זיינע צוויי צימערען, אין דער קאָמוניסטישער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניע. און אַלס אַ פאַרבייסען, האָט ער געפונען אַ נאָטיץ פון דער מענעדזשמענט, אַז מ׳האָט אים געררייזט די רענט פיר דאָלאַר אַ מאָנאַט און ער זאָל צוטראָגען נאָך הונדערט דאָלאַר פאַר די רומס.

צווישען די סטרייקער אין וועבסטער האָל, האָט איר אויך געקענט טרעפען ברוך׳ן, אַ פינסטערער, אַ פאַרביטערטער, קייענדיג אַ געזאַלצענעם בייגעל, און וואַרטענדיג אַז זיינע קאָמוניסטען וועלען אַמאָל דאָך פאַרענדיגען זייער וואונדערלאַך קלוג געפירטען קלאָוקס סטרייק.

דעם באָס אַ מתנה

ראָזע, אַ שוואַרצאויגיגע, שוואַרצהאָריגע דרעסמאַכערין, איז אויפֿ־געשטאַנען יענעם פרימאָרגען מיט אַ שווערען געמיט. די נאַכט האָט זי שלעכט געשלאָפֿען. קוים פלעגט זי איינשלאָפֿען, פלעגען זיך איר חלומ׳ען עפּעס אַזוינע משוגע׳נע, צעפּלאָנטערטע, שווערע חלומות, פון וועלכע זי פלעגט זיך אויפכאַפּען אַ צעשראָקענע און אַ צע־שרויפטע.

נעכטען האָט זי געהאַט אַן איבעררייד מיט איר מיסעס, ווען זי איז שולדיג פאַר צוויי מאָנאַטען דירה־געלד. דאָס האָט אירע נערוועז קיין גוטס ניט געטאָן, און דער סאָרט עסען וואָס זי עסט, זינט זי האָט ניט אויף קיין ריכטיגען מאָלצייט, האָט, אַפּנים, אַ סך בייגעטראָגען צו די שווערע חלומות אירע.

ראָזע האָט זיך איינגעוואַשען מיט קאַלטען וואַסער, אָפּגעטרייסעלט פון זיך די שפּורען פון דעם לעצטען חלום, אין וועלכען עפּעס אַ שווערוואָגיגער באָס האָט איר געהאַלטען ביים האַלז און איר גע־שטיקט מיט זיינע בערישע לאַפּעס. זי האָט זיך דערמאָנט אָן איר נעכטיגען באַשלוס, אַז היינט מוז זי געפינען אַ דזשאָב, ווייל ס׳איז איצטער דער ברען פון סעזאָן, אָדער ס׳האָט, לכל הפּחות, אַזוי געדאַרפט זיין, איז אויב ניט איצט, וועט זיין שלעכט, זייער שלעכט...

ראָזע האָט אַרויסגענומען פון איר האַנט־בייטל איר אַדרעסען־ביכעלע און אָנגעהויבען נישטערען, טאָמער האָט זיך דאָרט פאַר־וואַלגערט עפּעס אַן אַדרעס פון אַ באַקאַנטען, ביי וועמען זי האָט נאָך קיין דזשאָב ניט געבעטען. זי מישט זייטעל נאָך זייטעל. האָט זי אָבער אומעטום שוין געמאָנט אַ דזשאָב פיל מאָל, נאָר אָן רעזול־טאַטען. נאָר דאָ כאַפּט זי זיך: אויפ׳ן ברעג פון אַ געדיכט־פאַרשריבען

זייטעל עפּעס אַן אַדרעס פון אַן איטאַליענישער מיידעל, מערי, מיט וועמען זי האָט אַמאָל געאַרבעט, און מען האָט זיך צעשיידט גוטע פריינט. אַז זי האָט באַטראַכט דעם אַדרעס, האָט זיך ווי אַ שטראַל פון האָפענונג באַוויזן פאַר איר: זיי, די איטאַליענער, אַרבעטען דאָך היינטיגע צייטען אין די בעסטע פּלעצער.

ראָזע האָט זיך אויף גיך אָנגעטאָן און אַרונטערגעפאָרען דאָרן טאָון טרעפען איר אַמאָליגע שאַפּ־חבר׳טע, מערי, אפשר וועט זי איר אַרויפנעמען צו זיך אין שאַפּ צו דער אַרבעט. מערי האָט באַגעגענט ראָזע׳ן זייער פריינטליך, איר געפרעגט וואָס זי מאַכט, און פאַרוואָס מ׳האָט זי אַזוי לאַנג ניט געזען. ראָזע האָט מערי׳ן, אין איילעניש, דערקלערט איר לאַגע, ווי זי מאַטערט זיך שוין אַכט חדשים אָן אַ דזשאָב, און אַז אויב זי קריגט היינט ניט קיין דזשאָב, איז כאָטש נעם הייננ זיך אַדער טרינק זיך. מערי האָט ראָזע׳ן דערציילט וועגען איר מזל: זי האָט גראָד אַ גוטען שאַפּ, אַ גוטע לאַין אַרבעט. מען פאַרדינט גוט, און זי, מערי, איז גראָד די טשערליידי. פאַראַן ליידיגע מאַשינען, אָבער איר באָס, מיסטער אייזיק בערנשטיין וועט קיין אידיש מיידעל ניט אַרויפנעמען צו דער אַרבעט. עפּעס האָט ער אַמאָל געכאַפּט אַן אָפּשניט פון אַ אידישקע, אַ „רויטע״, איז פון דאַן אָן וויל ער קיין אידישע מיידלאַך ניט האָבען אין שאַפּ.

מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, אַ דערשלאָגענע, האָט ראָזע געהערט איר פריינדין. זי האָט געזען, ווי איר האָפענונג, צו קענען אַרויפגיין אַרבעטען צו מערי׳ן אין שאַפּ, ווערט צערונען. אָבער דאָ האָט מערי איר געגעבען אַ כאַפּ מיט ביידע הענט פאַר אירע אַקסלען, געגעבען איר אַ טרייסעל. זי, מערי, איז געפאַלען אויף אַ פּלאַן, ווי אַרויפצונעמען איר אין שאַפּ:

— „געדענקסט ווי אַלע אין שאַפּ פלעגען דיך רופען „אידישע איטאַליענערקע״? נו, וועסט זיין אַן איטאַליענערקע, ניט קיין אידישע. קיינער אין שאַפּ, אויסער מיר, קען דאָך דיך ניט. וועט דער באָס ניט וויסען. וועט זיין אַלרייט״.

די פריינדינעס האָבען זיך שיער ניט צעטאַנצט אין גאַס פאַר שמחה. מ׳האָט זיך צעקושט, און ס׳איז געבליבען, אַז ראָזע קומט

אַרויף נאָכ'ן מאָלצייט אַרבעטען. און אום צו מאַכען די זאַך נאָך זיכערער, איז מען אַריין אין „וואָרווערטס", מ'האָט געקויפט אַ צלם — ראָזע זאָל עס אָנטאָן, ווען זי וועט אַרויפגיין אַרבעטען.

ראָזע האָט דעם דזשאָב געקראָגען און זי האָט עס גוט געמאַכט. אָבער עס האָט איר געקאָסט אַ סך געזונט, זי האָט געפילט ווי דאָס צלמ'ל ברענט איר לייב. ביז דאַן האָט ראָזע קיינמאָל אַפילו ניט אַ טראַכט געטאָן וועגען דעם ענין רעליגיע. עפּעס איז דאָס ביי איר געווען אַ ענין, וואָס געהער זיך אָן צו מענער, און צו פרויען, סיידען, ווען זיי האָבען חתונה. אין אַלגעמיין איז ראָזע געווען זייער ווייט פון אידישקייט. ניט געוואוסט „מיט וואָס מען עסט דאָס", אָבער דער צען-סענטיגער צלם האָט איר געגעבען אַ שטויס, איר דערמאָנט, אַז זי איז אַ אידישע טאָכטער, פון אידישע טאַטע-מאַמע, וועלכע וואָלטען געריסען קריעה, ווען זיי זעהן זי מיט דעם צלם אויפ'ן האַלז.

אין פאַרלויף פון דער וואָך פון דעם „טראַיל"-פּעריאָד האָט זיך ביי ראָזע'ן אין האַרצען אָנגעקליבען אַ ביטערער האַס צו איר באָס, דער מיסטער בערנשטיין, דעם „משומד", וואָס צווינגט אידישע קינדער צו טראָגען צלמים אויפ'ן האַלז. און זי האָט אַ גאַנצע וואָך געטראַכט ווי אַזוי צו נעמען נקמה אָן אים, נאָכדעם ווי זי וועט בלייבען פעסט ביים דזשאָב, און זי וועט ניט מורא האָבען פאַר „די סעק".

מיסטער בערנשטיינ'ען איז ראָזע'ס אַרבעט שטאַרק געפעלען געוואָרען: „דאָס ניי שיקסל האָט גאָלדענע פינגער", האָט ער גע־טראַכט, יעדעס מאָל ווען ער האָט אָנגעפּאַסט אירע אַ דרעס אויפ'ן פיגור. אמת, איר פּנים איז אים געווען פאַרדעכטיג, עפּעס קוקט זי אויס צופיל אידיש. איז ער פאַרבייגעגאַנגען איר מאַשין נאָכאַמאָל זיך איינקוקען אין איר, אָבער דער גלאַנציגער צלם אויף איר ברוסט האָט פאַרטריבען פון אים יעדען צווייפעל, איז ער אַ באַרואיגטער אַריין צו זיך אין אָפיס.

**
*

יענעם פאַרנאַכט האָט מיסטער בערנשטיין דערלאַנגט ראָזע׳ן איר ערשטען לוין־קאָנווערט. ניט זעענדיג אויף איר דעם צלם, איז ער ווי נשתומם געוואָרען. ער האָט געהאַט געעפענט דעם מויל איר צו זאָגען עפּעס וועגען דעם, אָבער ראָזע האָט אים פאַרכאַפּט דעם וועג, און, שטופּנדיג אים דעם צלם אין האַנט אַריין, האָט זי געזאָגט צו אים אין אַ שאַרפען אידיש:

— „ביז איצט, מיסטער לעבן, האָב איך עס געמוזט טראָגען. פון היינט אָן און ווייטער קענט איר עס טראָגען געזונטערהייט״.

מאַרדזשי

מאַרדזשי, אַ יונגע איטאַליענישע דרעסמאַכערין, מיט אַ פּנים פון אַ מאַדאָנע, אַריינקומענדיג מאָנטאָג אין דער פרי צו דער אַרבעט זאָגט קיינעם ניט קיין גוט מאָרגען, און נעמט זיך גלייך צו דער אַרבעט. אויף איר פּנים איז אויסגעשפּרייט אַ רעליגיעזע ערנסטקייט, ווי זי וואָלט אָקאָרשט אַרויס פון קלויסטער. דער גאָלדענער צלם אויף איר דינעם איידעלען האַלז, איז איבערגעלייגט איבער איר אַרבעטס קלייד, און דיין גאָלדענער גלאַנץ שיינט איבער׳ן גאַנצען שאַפּ. זי קוקט זיך אויף קיינעם ניט אום, ניט אַפילו אויף אירע סאַמע נאָענטסטע שכנים, און אויב אימיצער רעדט עפּעס צו איר, ענט־פערט זי מיט אַ בורטשע פון עפּעס אַ האַלבען, אָדער אַ פּאָר האַלבע ווערטער.

זי קוקט אויס ווי זי איז נאָך אין אַן אַנדערער וועלט. אין אַ וועלט פון קלויסטער, צלמים, ברענענדע וואַקסענע ליכט, היפּ־נאָטישע אָרגעל מוזיק, און זיסע ריטמישע טענער פון כאָר געזאַנג. ווען איר שכן, דער קליינער עקשנות׳דיגער איציק, שטייט צו איר צו און צווינגט איר אויפצוהויבען דעם קאָפּ און אַ קוק טאָן אויף אים, גיט זי זיך אַ צאַפּעל, ווי זי וואָלט דערזען אַ ניט גלויביגען אין איר טשוירטש אין סאַמע מיטען דאַווענען.

דעם גאַנצען טאָג מאָנטאָג איז זי נאָך פול מיט דעם גייסט פון קלויסטער, מיט די געדאַנקען פון די פילע תפילות, מיט וועלכע זי האָט זיך אָנגעדאַווענט אום זונטאָג, און מיט אַן ערנסטען רעלי־גיעזען האַס צו אַלע ניט גלויביגע, און איבערהויפּט צו אידען, וועלכע האָבען דאָך איר גאָט געקרייציגט.

מאָנטאָג קען אַ איד ביי איר אַפילו אַ שטיקעל באַינדינג ניט קריגען. זי האָט זיי פיינט, זיי זיינען אַפּיקורסים, קאָמוניסטען.

איר פרומע רעליגיעזע האַרץ דערלאָזט איר ניט צו טאָן זיי טובות.

דינסטאָג אין דער פרי, גייענדיג צו איר מאַשין, זאָגט מאַרדזשי גוט מאָרגען צו איר פריינדין קעטרין, און שענקט שוין אויך אַ בליק צו אירע פּאָר אידישע שכנים. דער גאָלדענער צלם אויף איר האַלז זעט זיך ניט, ער איז אונטער איר אַרבעטס קלייד, עס זעט זיך בלויז דאָס גאָלדענע קייטעלע, אויף וועלכען דער צלם הענגט. אָבער אַרום איר איז נאָך אַלץ אַן אייז קאַלטע אַטמאָספערע, נאָר שוין ניט יענע האַרטע, פיינטליכע, קלויסטער אַטמאָספערע.

מיטוואָך אין דער פרי גיט מאַרדזשי אָפּ אַ גוט מאָרגען די פינישערס, וועמענס טישעל איז באַלד ביים אַריינגאַנג. קעטרינען גיט זי אָפּ גאָר אַ ברייטען גוט מאָרגען, און אַפילו איציק'ן זאָגט זי אַן אָפּגעהאַקטען, ניט קיין פולען, גוט מאָרגען. דער צלם אויף איר האַלז פּעלט שוין אין גאַנצן, און די טעמפּעראַטור אַרום איר איז כמעט נאָרמאַל. מיטוואָך, הויבט זי פיל מאָל אויף דעם קאָפּ ביי דער אַרבעט, און באַטראַכט דעם שאָפּ און שטעלט אַפילו אָפּ, אויף אַ ווײַלע, איר בליק אויפן באָס, וועמען זי האָט מאָנטאָג ניט געקענט אָנקוקען.

דאָנערשטאָג, אַז מאַרדזשי קומט אַריין אין שאָפּ און איך באַטראַכט זי, דוכט זיך מיר, אַז די דריי טעג האָבען פון איר געמאַכט גאָר אַן אַנדער מענש. אויף איר פּנים איז מער ניטאָ די מאָנטאָגדיגע רעלי־גיעזע שטרענגקייט, און ניט די דינסטאָגדיגע קאַלטקייט און שטייפקייט. זי האַנדעלט ווי אַ נאָרמאַלער מענש. זי רעדט און שפּאַסט מיט די מיידלאַך, און ענטפערט אויף פראַגען מיט פולע און קלאָרע ווערטער. צו איציק'ן האָט זי היינט געהאַט גענוג געדולד צו ענטפערען אים, און אַפילו צו צייגען אים, ווי מען מאַכט אַ קאָמפּליצירטען און משוגע'־נעם פראַנטעל. און פאַרנאַכט, פאַרלאָזענדיג דעם שאָפּ, האָט זי אים געזאָגט, גוטע נאַכט, פון וואָס איציק איז געבליבען אין גאַנצען אַ פריטשמעליעטער.

פרייטאָג, איז מאַרדזשי אַ גאַנצען טאָג „סופּוירב” אַ באַ'חנ'טע, זיסע מיידעל. און איך קען פון איר די אויגען ניט אַרונטערנעמען,

און ווען זי דערפילט מיין בליק אויף איר, הויבט זי אויף דעם קאָפּ און ענטפערט מיר מיט אַ שמייכעל, אין וועלכען עס איז פאַראַן אַ היפשער פּראָצענט גוטסקייט. זי איז גאָר אַן אַנדער מאַרדזשי, אַ טראַנספאָרמירטע, אַ מענשליכע. און איך ווינש נאָר, אַז דאָס זאָל אָנהאַלטען, אַז זי זאָל זונטאָג מער אין טשוירטש ניט גיין און דער גלח דאַרטען זאָל זי מער ניט קאַליע מאַכען און דערלאַנגען מיר ווידעראַמאָל אַ בייזע, אַ האַרטע, אַ מאָנטאָגדיגע מאַרדזשי.

אַ באַלעבאַטישע טאָכטער

פון די הונדערט און פופציג געסט אין דעם האָטעל נאַוואַרע, לייקוואוד, איז זי געווען די קענטיגסטע. גראָבע און קורצע ווייבער און ווייבלעך זיינען, דוכט זיך, געווען אַ סך, אָבער עפּעס האָט זיך געדוכט, אַז זי, מיסעס פּינטשיק, איז די קירצסטע, און אַז זי גייט ניט אויף צוויי פיס, נאָך אויף צוויי קורצע, קרומלעכע קלעצלאָך, — אַז אָט באַלד וועט זיך איר שווערער געזעס אַראָפּרוקען פון אָט די צוויי קלעצלעך און בלייבן ליגן אויפ'ן דיל. דעם קאָפּ האָט זי געהאַלטן פאַרריסען, שטאָלץ, גאווה'דיג. אָבער, גלייכצייטיג, האָבען אַלע דערשפּירט, אַז דאָס איז פּוסטער שטאָלץ, אָנשטעל. אַזוי פאַרדרייסט דעם קאָפּ אַ פּוסטער זאַנג, אַ ניט פרוכטבאַרער בוים.

זי האָט געוואָלט איבערשטייגען אַלעמען אין האָטעל מיט איר האַלבען טוץ קליידער, וואָס איר בעני, אַ קלאָוקמאַכער, האָט איר געמאַכט, פּרויען־קליידער, אין וועלכע ער האָט אַריינגעלייגט זיין גאַנצען אָפּערייטאָרישען טאַלאַנט. איז אָבער געווען דער חסרון, וואָס די סטיילס זיינען קאָפּירט געוואָרען פון יונג־מיידעלשע דרעסעס, און איר, דער פופציג־יעריגער, הונדערט פופציג פונטיגער, קורצער אידענע, האָבען זיי געמאַכט, זי זאָל אויסזען מיאוס'ער. די יוגענטלעכע סטיילס האָבען נאָך מער אונטערשטראָכען אירע יאָרען, איר לייביגע, שווערע פיגור.

געקומען איז זי אין לייקוואוד זיך צו דערהאָלען פון אַ פאַר־קילונג. אַזאַ „קאָלד" קריגט זי אַלע ווינטער פונקט אַרום קריסט־מעס־צייט.

די מיסעס פּינטשיק האָט זיך אויסגעהאָדעוועט אַ בת יחידה ביי באַלעבאַטישע עלטערען, אונטער דער השגחה פון אַ צו גוטע מאַמע.

דער פאַטער אירער פלעגט אַ גאַנצע וואָך אין דערהיים ניט זיין. אָבער פונקט צו אַכצען יאָר, ווען זי האָט געהאַלטען אין סאַמע מיטען גראַמאַטיקע און גע׳שמ׳ט פאַר דער שענסטער מיידעל אין שטעטעל (געזאָלט קריגען דעם שענסטען און רייכסטען בחור) — איז איר מאַמע געשטאָרבען. אין אַ פאַר מאָנאַטען אַרום האָט דער טאַטע אירער געבראַכט אַהיים אַ יונגע געזונטע שטיף־מאַמע מיט צוויי קליינע קינדער. דער צעבאַלעוועטער שטאָלצער בת יחידה איז געוואָרען צו ענג ביים טאַטען אין הויז, איז זי אַוועק קיין אַמעריקע.

אין אַמעריקע אָבער האָט זי געמוזט גיין אַרבעטען. דער צעבאַלעוועטער שטאָלצער בת יחידה איז די אַרבעט געפאַלען שווער. ניט איר קערפּער, און ניט איר גייסט, זיינען געווען צוגעגרייט פאַר אַרבעט. דעריבער, אַז איר באָס — אַ שטיקעל קאָנטראַקטאָר — אַן אָנפאַנגער, האָט איר פאָרגעשלאָגען חתונה האָבען מיט אים, האָט זי איינגעשטימט. אָבער ניט מיט׳ן גאַנצען האַרצען האָט זי עס געטאָן. ערשטענס, האָט זי תמיד געטרוימט פון אַ שיינעם בחור, און דער מיסטער פינטשיק — אַ קורצער, אַ בייכיגער אַ ביסעל, מיט אַ גאַנץ היבשען פליך — איז געווען ווייט פון צו זיין אַ שיינער. צווייטענס, איז ער דאָך אַ באַלמעלאָכע, און איר האָט זיך קיינמאָל ניט גע׳חלומ׳ט צו חתונה האָבען מיט אַן אַרבעטער. זי האָט אַלעמאָל געטרוימט פון אַ געשטודירטען, אַ רייכען סוחר.

אַ שטיקעל צייט נאָך דער חתונה האָט זיך דער מיסטער פינטשיק געמאָאַטערט מיט זיין קאָנטראַקטאָריי, אָבער ער האָט דאָס געמוזט אָפּלאָזען און גיין אַרבעטען ביי יענעם. און כאָטש „פּעיידעס״ האָט ער איצט געבראַכט ניט קיין קלענערע ווי פריער, האָט זיך די מיסעס פינטשיק פאַרט געפילט זייער געטראָפען פון דעם. צו האָבען אַ מאַן אַ „פלעינעם אָפּערייטאָר״ דאָס איז שוין געווען צופיל פאַר דער ליטווישער, באַלעבאַטישער, גראַמאַטיקע־געלערנטע בת יחידה. אַוועק־גיין פון מאַן, זיך גט׳ן מיט אים האָט זי ניט געוואַגט. עס איז געווען גענוג, זי זאָל זיך דערמאָנען אָן אירע ערשטע מאָנאַטען אין שאַפּ, ווי זי האָט דאָרטען געליטען, אַז זי זאָל דעם געדאַנק גלייך פאַר־וואַרפען. איז זי געבליבען וואוינען מיט פינטשיק׳ען. אָבער זי האָט,

צו דער זעלבער צייט, אָנגעפּאַנגען שטיל, לאַנגזאַם, און זייער פאַר־זיכטיג, מ׳זאָל עס ניט באַמערקען, צו זוכען און נישטערען עפּעס אַ באַשערטען איר׳ס אַ גלייכען.

פון דאַן אָן זיינען פאַרלאָפען אַ שיין ביסעל יאָרען. פון דער קליינער חנ׳עוודיגער, שוואַרץ־אויגיקער יונגער ווייבעל איז געוואָרען אַ קורצע, ווי אַ פעסל אויסגעפּילטע, פופציג־יאָריגע אידענע, מיט אַ גוידער, מיט אַ צעקנייטשטען פּנים, מיט קורצע גראָבע פיס, מיט איינגעפאַלענע „ארטשעס״.

אָבער דעם קאָפּ האַלט זי הויך. זי האַלט זיך נאָך איצט פאַר אַ שיינע און זי פּראָוועט שטיק, ווי זי וואָלט געווען אַ יונג ווייבעל. עפּעס זעט זי גאָר ניט און ווייסט ניט, ווי זי קוקט אויס אַצינדערט. זי זעט זיך נאָר, ווי זי איז געווען דאַן, ווען זי האָט חתונה געהאַט מיט בעני׳ן. איבערען גאַנצען הויז זיינען ביי איר אויסגעשטעלט אירע בילדער פון דאַן, ווען זי איז געווען יונג, און זי האַלט אין איין שפּיגלען זיך אין זיי. אַפילו קיין לייקוואוד ברייגגט זי מיט אירע „פּיקטשעס״, זי האַלט אין איין ווייזען זיי אַלעמען.

און דער באַהאַלטענער, טיף באַגראָבענער וואונטש, אַז זי וועט נאָך געפינען אַמאָל איר באַשערטען, האָט איר נאָך אויף איין מינוט ניט פאַרלאָזען. דערפאַר קריגט זי דאָס איר „קאָלד״ אַרום קריסטמעס, ווען אין לייקוואוד איז די סאַמע ביזי, ווען אַלע ניו־יאָרקער ביזנעס־לייט געפינען זיך דאָרטען; ווען מ׳זעט דאָרטען די „סאַמע סמעטענע״ פון ניו־יאָרק — אַלץ מיט דער האָפענונג, אַז טאָמער וועט מען זי דערזען — מ׳וועט זי פאַרט צונעמען פון דעם אָפּערייטער, כאָטש אַפילו איצט, כאָטש איין יאָר פאַר׳ן טויט...

גאָט שיקט צו די רפואה
פאַר דער מכה

די וועלט זאָגט, אַז גאָט שיקט צו די רפואה פאַר דער מכה. איז דאָס טאַקע ריכטיג. איך האָב עס אַליין אויסגעפּונען ביים אָנפאַנג פון דעם לעצטען סעזאָן. דאָס איז געווען שוין איין מאָל אַן אָנפאַנג. אַז איך פאַרשטיי גאַרנישט, וואו האָט ער, דער דעזיינער אונזערער, גע־נומען אַזעלכע משוגע׳נע סטיילס, און וואָרום האָט אים דער דזשאָבער געלאָזט מאַכען אַזעלכע פאַרדרעהעכישען. עס איז געווען איין סטייל ערגער פאַר דעם צווייטען. פון די עטליכע און דרייסיג סטיילס איז ניט געווען קיין איינער ביי וועלכען מ׳האָט געקענט אָפּכאַפּען דעם אָטעם. איינס אין איינס — שטיינער. ביים נייען זיי איז געווען ווי צו גיין איבער אַ שמאָלער קלאָדקע אַן פאַרענטשעס איבער אַ טיפען און רוישיגען טייכעל. דו האָסט געמוזט זיין פאַרזיכטיג מיט יעדען שטעפּעל, מיט יעדער טיילכעל און מיט יעדען זוים. עס האָט אַלעס געמוזט זיין אויפ׳ן האָר, אַז ניט האָט דאָס ניט געהאָט קיין שום פּנים. מ׳האָט אין זיי גאָר ניט געקענט פאַרטאַטשעווען, ווייל אַלץ האָט זיך אַרויסגעזען און געקראָכען דיר אין פּנים אַריין.

איך האָב אָפּגעסלעקט אַ פינף־זעקס וואָכען בעפאָר דעם אָנפאַנג און איך בין שוין געווען אַנטוואוינט פון דער אַרבייט. שניידעריי איז דאָך, להבדיל, ווי די תורה: אם תעזבה יום, יומיים תעזבך — פאַר־לאָזט איר איין טאָג, פאַרלאָזט זי דיך צוויי טעג. און דאָ איז נאָך דער ערשטער גאַרמענט פון די סאַמע שווערסטע, מיט אַזעלכע פיר שווערע קעשענעס, מיט טאָפּעלטע פּעטלאָך אַריבער יעדער קעשענע

און דער אויבערשטער פעטעל קלענער פאַר דעם אונטערשטען מיט פונקט אַ פערטעל אינטש אַרום און אַרום, און די פעטלאַך זיינען אויסגעשייפּט מיט פיינע שפּיצען ביי די ברעגען, איז ווי גוט און ריכטיג דו נייסט דאָס אויס, איז אָדער די בייסטערין אָדער דער אונטערפרעסער פירט דיר דאָס איבער און צודרייט דאָס אַזוי, אַז אַנשטאָט דעם פערטעל אינטש, וואָס דער אונטערשטער פעטעל דאַרף זיך אַרויסזען, זעט ער זיך אַרויס אין איין פלאַץ דריי־אַכטעל און אין אַ צווייטען — איין־אַכטעל אינטש, און דו מוזט ווידער אַמאָל עס צופיקסען און צושטשאָבען.

און דערצו האָט נאָך דער מלבוש געהאַט דינינקע זעכצענטעל אינטש דיק קאָרד קנאָפּ־לעכער. דאָס איז אַזאַ מין קנאָפּ־לאָך צו וועלכען דו מוזט האָבען זעהר פיינע פינגער (יענע לאַנגע, דינע און בויגיגע פינגער, וועלכע אונזערע שיקסלאַך האָבען). דער פלאַץ צווישען איין זייט און דעם צווייטען,ביים אויסנייהען אַזאַ קנאָפּ־לאָך טאָר מער ניט זיין ווי איין אַכטעל אינטש, און ביי די ברעגען מוזטו אייגפּיקען אַ פיינעם איידעלען ווינקעלע און עס זאָל דיר בלייבען אַ פיצעלע וואַרע צו פאַרדעקען דאָס ווינקעלע נאָך דעם ווי דו האָסט דעם קנאָפּ־לאָך אויסגעקערט. עס איז אַ מלאכה, וואָס די האַנט מוז זיין שטאַרק, די פינגער איידעל, דאָס אויג שאַרף, די מאַשין און די שערעלע פערפעקט, און די ליכט ביי דער מאַשין קלאָר, אַז ניט — קען מען עס ניט אַרויסברענגען.

איך בין געזעסען יענעם פרימאָרגען און געמאַכט די קנאָפּ־לעכער. מיין גאַנצער איך, מיינע אַלע חושים זיינען געווען פאַר־שלונגען פון דעם פיצינקען צאַצקעוואַטען אָבער פאַרדאַמטען קנאָפּ־לאָך. איך האָב זיך אין יענעם מאָמענט גאָר פאַרגעסען, אַז שוין דרייסיג יאָר, אַז איך מאַך אַ לעבען פון אָט דער משוגענער דאַמסקער שניידעריי. און ווען דער שיינער געשלעכט באַשליסט מאָרגען אַנצוטאָן אָוועראָלס, וועל איך מוזען אָנקומען צו רעליף. איך האָב זיך אָן דעם פאַרגעסען און איך האָב געברענט מיט צאָרן אויף דעם ווייבערשען מין וואָס מוז דאָס טראָגען קליידער דוקא מיט אַזעלכע קנאָפּ־לעכער.

איז אָט אין יענעם מאָמענט, ווען איך בין געווען אין סאַמע רציחה גרייט צו צופּליקען אויף פּיצלאַך דעם פּראָנטעל פון דער ווייסטעלע און עוקר מן השורש זיין דעם גאַנצען ווייבערשען מין, איז זי אויסגעוואַקסען נעבען דער ליידיגער מאַשין צו מיין רעכטער האַנט.

זי איז געשטאַנען און געוואַרט, אַז דער באָס זאָל איר צורעכט מאַכען די מאַשין, און ווען איך האָב אויף איר אַ קוק געטאָן, האָט זי מיר געענטפערט מיט אַ ווייכען בליק פון אירע ברוינע אויגען און מיט אַ האַלבען שמייכעל אַרום אַ האַלב צועפענטען מיילכעל מיט זאַפטיגע צוגעפּאַרבטע ליפּען. זי איז געווען דורכאויס אַ ברוינע, די האָר, די אויגען, די דרעסקע, די שיך און די זאָקען. און פון דער ענגער דרעסקעלע האָט זיך געשטופּט אַן עטוואָס פעטלאַכער, קיילאַכ־דיגער, מיטעלוואוקסיגער קערפּער, וועלכער האָט דערמאָנט אַ קיילאַכ־דיגען פּערל. (און מאָדנע, איר נאָמען אין טאַקע פּערל). עס איז ניט געווען די קיילאַכדיגקייט פון אַ פּאָס צי אַ קירבעס, ניט אַפילו די שיינע קיילאַכדיגקייט פון אַן עפּעל, עס איז געווען דורכאויס די חנ׳עוודיגע רונדיגקייט פון דעם צאַרטען פּערל.

אין אַ ווײַלע אַרום, ווען איך בין געווען ביזי מיט די קנאָפּ־לעכער און בין געווען פאַרצאַרענט פון דעם וואָס איינער פון זיי האָט זיך איינגעג׳עקשנ׳ט און קומט אַרויס צוקרימט, האָט זיך מיין נייע שכנה, שוין זיצענדיג און נייהענדיג, געווענדט צו מיר, צי איך קען איר אויסבאַרגען אַ קאַרדינג פּיסעל. איר שטימע איז געווען אַזוי ווייך ווי אירע אויגען און אַזוי ליבליך ווי איר שמייכעל. אַלעס אין איר האָט האַרמאָנירט, איר גאַנצער ווערזען איז געווען אַ ווייבליך־מוטערליך סימפּאָניע פון גוטסקייט און ליבליכקייט. איך האָב דערפילט אַן אומוועקסלונג אין מיר, ווי אַ פאַרשוויצטער, פאַרמאַ־טערטער וואַנדערער, ווען ער דערגרייכט דעם קילען שאָטען פון דעם בוים, ווי אַ דורשטיגער נאָכ׳ן אָנטרינקען זיך מיט פרישען קאַלטען וואַסער. איך האָב איר געגעבען דאָס פּיסעל. און דער איינגעג׳עקשנ׳טער קנאָפּ־לאָך האָט נאָכגעגעבען און זיך געלאָזט אויסגלייכען.

פון דאַן אָן איז ביי מיר די מלאכה אַוועק אַ גאַנג. קעגען דעם

מנשה צינקין

גיפט פון די קנאָפּ־לעכער מיט די פּעטלאך פון די קעשענעס, האָב איך געהאַט אַ רפואה אין פּערל׳ס אַ שמייכעל, איר׳ס אַ מילדען קוק אויף מיר, אָדער אירע אַ פּאָר פריינטלאכע ווערטער צו מיר מיט איר ווייכער ליבליכער שטימע.

מיין הוט מיט די זיבען שפיצען

זאָגט צו מיר מיין פלימעניצע:

„פע, אַנקעל, וואָס פאַר אַ הוט טראָגט איר דאָס? עפּעס איז זי דאָך מיט זיבען שפּיצען. וואָס, איר פאַרמאָגט שוין ניט צו קויפען זיך אַ נייע הוט?

און מיין שוואָגער לייגט צו:

„איך האָב דיר דאָס אויך געוואָלט זאָגען, אָבער איך האָב ניט געהאַט די העזה. אָבער אַז זי, דער עזות־פּנים, האָט דיר דאָס שוין געזאָגט, טו זאָג איך דיר טאַקע נאָכאַמאָל, אַז דו דאַרפסט אַ נייע הוט".

איך ווייס אָבער בעסער. ווי זאָגט דאָרטען דער פסוק: „לב יודע מרת נפשו" — איך ווייס, אַז אַ נייע הוט וועט דאָ גאָרניט העלפען, און אַז איך וועל אייך דערציילען די גאַנצע געשיכטע, וועט איר, דיינק איך, צוגעבען אַז מיין מורא איז ניט אומזיסט.

די געשיכטע, ווי אַזוי עס קומט צו מיין הוט די זיבען שפּיצען, פאַנגט זיך אָן מיט אַ היפשער צייט פריער, מיט דעם אונטערשרייבען פון דעם יעצטיגען אַגרימענט אין דער דרעס אינדוסטריע, אין וועלכען עס געפינט זיך דער פונקט פון סעטלען פרייזען פאַר שטיק־אַרבייט אויף׳ן דזשאָבערס „פּרעמיסעס".

שוין דאַן, ביים אַריינשטעלען דעם נייעם און זייער וויכטיגען פונקט אין אַגרימענט, איז פאַר׳חתמ׳עט געוואָרען דער שיקזאַל פון מיין הוט, אַז זי וועט האָבען די זיבען שפּיצען, און מיין פלימעניצע וועט מיר נעמען דעם לעבער יעדעס מאָל וואָס איך וועל באַזוכען מיין שוועסטער.

ווי איר ווייסט, גייען דאָך די טשערלייטע פון אַלע שעפער צום

דזשאָבער סעטלען פּרייזען, ווערען טאַקע די פּרייזען אָפּגעסעטעלט אויף דעם דזשאָבערס „פּרעמיסעס”, אָבער נייען נייט מען די דרעסעס ביי די קאָנטראַקטאָרס, און פון דעם דזשאָבער ביז דעם קאָנטראַקטאָר איז אַ מהלך פון שיינע עטליכע בלאָק, דאַרף מען דאָך ברענגען די וואַרע מיט דעם סעמפּעל פון דזשאָבער צום קאָנטראַקטאָר, פלעגט דערוויילע אויפ׳ן וועג צוקומען אַ פּאָר סימס אין דער סקוירטל, נאָך אַ פּאָר קנאָפּלעכער אין דער ווייסטעלע, אַ פּאָר לופּעלאָך אין די קאָפּס, אָדער גאָר אַ האַלבען דאָזען טאָקעלאָך ערגעץ־וואו אין באַ־האַלטענע פּלעצער. און ביז וואַנען דער טשערמאַן פלעגט עס דערזען אָדער דערוויסען זיך, האָט מען שוין אויפגעמאַכט דעם לאָט, האָט מען שוין געמוזט אַריינברענגען אַן אָפיציעלע קלאַגע, האָט דאָס געמיינט פּלענטי טראָבעל פאַר אַלעמען.

איז מען געקומען צו דער אידעע אַז ווען אַ סטייל ווערט אָפּ־געסעטלט זאָל געמאַכט ווערען אַ פולע באַשרייבונג פון דעם סטייל מיט אַלעס מיט אַנאַנדער, און מען זאָל עס האָבען שוואַרץ אויף ווייס, אַזוי אַז אויפ׳ן וועג פון דזשאָבער צום קאָנטראַקטאָר זאָל אויף דעם גאַרמענט ניט אָנוואַקסען פאַר אַ קוואָדער אָדער אַ האַלבער דאָלאַר אַרבייט, און מ׳זאָל ניט דאַרפען פאַרברענגען דעם אַזוי אויך קורצען סעזאָן, אין לויפען מאַכען קאָמפּליינטס און אַטענדען זיי.

איז האָט דער טשערמאַן די באַשרייבונגען פון אַלע סטיילס מיט אַלע דעטאַלען. און אַזוי ווי אונזער קאָנטראַקטאָר אַרבייט פאַר צוויי דזשאָבערס, און די דזשאָבערס האַלטען גוטע פּראָדוקטיווע דעזיינערס, מאַכען זיי אַ סך סטיילס, און אונזער טשערמאַן האָט גאַנצע בערג מיט באַשרייבונגען, האָט ער צוגענומען אַ קעסטעל, אין וועלכען די אָפּערייטאָרס האַלטען די מלאכה, אויף צו האַלטען זיין לייברערי. איז אָבער אונזער באָס געווען שטאַרק ביזי און ער האָט באַזעצט אַלע מאַשינען, איז די קעסטעל אין וועלכער דער טשערמאַן האָט געהאַלטען זיין אַרכיוו אַוועק צו אַ נייעם אָפּערייטאָר. האָט דער טשערמאַן פאַרנומען דעם אונטען פון דעם טישעל, אויף וועלכען עס ליגען די באַנדלאָך, גרייט צו צוטיילען עס צו די אָפּערייטאָרס. האָט אָבער דער באָס אַרייַנגעקראָגען אַ גרויסען אָרדער, און דער אונטען פון

דעם טישעל האָט געמוזט אָפּגעליידיגט ווערען פאַר דער גערעטעניש פון די פילע באַנדלאַך. האָט דאָך אונזער טשערמאַן אַ אידישען קאָפּ אויף זיך, איז אים איינגעפאַלען אַז ער קען זיך דאָך באַנוצען מיט דער פּאָליצע, וואו די אָפּערייטאָרס האַלטען זייערע היט. ער וועט אויסלייגען זיין לייבּרערי איבער׳ן פּאָליצע, און פון אויבען וועט מען לייגען די היט, און עס וועט זיין ווי אין דער רוסישער באַסניע: „אי וואָלק סיט, אי קאָזאַ צעלאַ״ (אי דער וואָלף איז זאַט אי די ציג איז גאַנץ).

איז דאָך אָבער באַוואוסט, אַז פון טעאָריע ביז פּראַקטיק איז אַ ווייטער מהלך, און אַזוי איז טאַקע מיט דעם איינפאַל פון אונזער טשערמאַן. אין דער טעאָריע דאַרפען די פילע פעקלאַך פּאַפּירען ליגען פון אונטען און די היט פון אויבען, אין דער פּראַקטיק אָבער איז אויף די פּאָליצע אַ מישמאַש. היט ליגען אויף די פעקלאַך און פעקלאַך ליגען אויף היט און מאַכען פון זיי אַ חורבן. און אָט אין מיטען דרינען ווערט עפּעס אַ סכסוך וועגען אַ סטייל, און דער טשערמאַן לויפט אין איילעניש אין מיטען דער אַרבייט זוכען די באַשרייבונג פון יענעם סטייל, נו דאַן איז שוין אַז אָך און וויי צו די היט. פעקלאַך פּאַפּירען פליען אויף די היט, היט פליען אויפ׳ן דיל, און פיס טרעטען אויף היט.

און אָט אַזוי איז דאָס געקומען, אַז מיין אָרימע הוט האָט געקראָגען זיבען שפּיצען, און איך קוק אויס אין איר ווי אַ קאָמע־דיאַנט, ווי עפּעס אַ קלאָון אין אַ צירק. עס איז ניט מיין שולד, און ניט דעם קרעמערס, און אַפילו ניט די פילע רעגענס וואָס מיר האָבען אַ גאַנץ ווינטער געהאַט. עס איז דורכאויס די שולד פון דעם יעצטיגען אַגרימענט, מיט דעם פּונקט פון סעטלען פּרייזען אויפ׳ן דזשאָבּערס פּרעמיסעס. אַ נייע הוט וועט דאַ גאָרניט העלפען. מען מוז צושרייבען אַ פּונקט אין דעם אַגרימענט, אַז דעם טשערמאַן זאָל געגעבען ווערען אַן אַלמער, אַ קאַסטען, אָדער אַמווייניגסטען אַן עקסטראַ טישעל אויף האַלטען זיין גאַנץ היפּשע לייבּרערי מיט די פּאַפּירען וואָס זאַמלען זיך ביי אים אָן.

אַן עקסקורשאָן

ווען איך האָב יענעם הייסן, שטיקענדיגען נאָכמיטאָג, געטראָפען די צוויי פאַרשוויצטע, צוקאָכטע ברידער אין דער זיבעטער עווניו, און זיי האָבען מיר אָנגעבאָטען אַ טיקעט צום מאָרגענדיגען, שבת ביינאַכטיגען עקסקוירשאָן, אויפ׳ן האַדסאָן, מיט אַ שאָו, מיט מוזיק, האָב איך, זייענדיג אויך אַ צושוויצטער און אַ צושרויפטער, דעם טיקעט גלייך צוגעכאַפּט ביי זיי.

קוקענדיג אויף די ווערטער „מונלייט עקסקוירשאָן אויפן האַדסאָן" איז מיר שוין געוואָרען אַ ביסעל קילער. מונלייט מיינט דאָך לבנה, שטערען, בלויער הימעל; האַדסאָן מיינט דאָך וואַסער, דערפרישענדער ווינטעל, און דער קראוד וועט זיין אַ היימישער, אַן אייגענער, און אין מיין פאַנטאַזיע האָט זיך שוין געמאָלען אַן אָנגענעמער ראָמאַנ־טישער אָוונט אויף אַ שיף, אויפן וואַסער, מיט אינטערעסאַנטע ברידער און שוועסטער אַרום מיר, אינטערעסאַנטע געשפּרעכען, אונטערהאַלטונג, מוזיק...

אויפ׳ן טיקעט איז געשטאַנען, אַז אַכט אַזייגער גייט די שיף און די פאַרשוויצטע ברידער האָבען מיר געוואָרענט, איך זאָל זיין זיבען אַזייגער אין בעטערי פּאַרק, אום צו קענען אין צייט אַרויף אויף דער שיף.

די היץ יענעם שבת איז געווען אַ שרעקלאַכע. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ניו־יאָרק איז אונטערגעצונדען און ברענט פון אַלע זייטען, און אַז איך וועל באַלד דערשטיקט ווערען אין מיין קליינעם צימער מיט דעם איינציגען ניט־צו־גרויסען האַלב אָפענעם פענס־טער.

באַהאַלטען זיך פון די היץ איז ניט געווען וואו. אין פּאַרק האָט זיך געדוכט איז ערגער ווי אין הויז, און אַז איך בין געקומען צוריק

אין הויז, האָב איך געפילט ערגער ווי אין פּאַרק. מיין אויבערשטער האַלבער קערפּער איז געווען דורכאויס נאַס, און די העמד האָט זיך געקלעפּט צום לייב. מיין האַלז און נאַקען זיינען געווען אַזוי צו־פּאַרעט, אַז איך האָב מורא געהאַט די הויט זאָל מיר ניט אַראָפּקריכען. איך האָב גענומען אַ שפּריץ־באָד, אַ וואַנע, זיך געריבען מיט נאַסע, קאַלטע האַנטיכער, אָבער דאָס האָט געהאָלפען בלויז פּאַר אַ קליינע ווײַלע, באַלד אָבער איז שוין ווידער געווען די זעלביגע היץ.

צום בעטערי פּאַרק בין איך אָנגעקומען זיבען אַזייגער. די שיף איז נאָך ניט געווען און קיינע באַקאַנטע האָבען זיך ניט געזען. איבער'ן פּאַרק איז געהאַנגען אַ היץ, ווי עס וואָלט געברענט איבער אים אַ גרויסער קאָלאָסאַלער פּאַראַשוט. איבער'ן גראָז זיינען געווען אויסגעלייגט אַ סך מענשען, מענער און פרויען, אומבאַוועגליך, פאַר־שלאָפט, פאַר'חלשט, און דער פּלאַץ האָט אויסגעקוקט ווי אַ בית־עולם מיט נאָך ניט קיין באַגראָבענע מתים.

אין אַ ווײַלע אַרום איז אָנגעקומען שוועסטער א. זי איז אָנגעקומען פון אַנאַנדער עק פּאַרק, וואו עס איז געשטאַנען אַ גאַנץ היפּשע שיף, אויף וועלכער עס האָבען געהאַלטען אין אַרויפגיין אַ סך פּאַסאַזשירען, אָבער דאָס איז ניט געווען אונזער שיף און ניט אונזערע מענשען. דער פּאָליסמאַן דאָרטען האָט איר געזאָגט אַז אונזער שיף וועט זיך פאַראַנקערען אָט דאָ, וואו מיר שטייען יעצט. אָבער זי גלויבט ניט דעם פּאָליסמאַן, און זי גייט אַ קוק טאָן דאָרטען, אין יענעם עק, וואו עס איז נאָר וואָס אָנגעקומען אַ שיף, אָבער יענע שיף איז אויך ניט אונזערע. שוועסטער א. איז אומרואיג, איר פּנים איז רויט ווי צונטער, און זי ווישט דעם שווייס מיט איר פּיצעל ווייבערשער נאָז־טיכעל, וועלכע קוקט אויס אין איר האַנט ווי אַ נאַסע שטיקעל פּאַפּיראָס פּאַפּיר.

זי כאַפּט אַ קוק אויף איר האַנט־זייגערל, און זי וואונדערט זיך פאַרוואָס מ'זעט נאָך קיינעם ניט. איבערהויפּט איז זי אומרואיג פאַרוואָס זי זעט ניט שוועסטער ב., וועלכע האָט איר טיקעט. מיר פּילען זיך שרעקלאַך דורשטיג, און מיר גייען צו צום איינציגען סטענד און מיר קויפען צוויי פינף סענטיגע פלעשלאַך וואַסער, וועלכע

מיר טרינקען אויס און נאָך וועלכע מיר פּילען אַ ווידער־טעם אין מויל און עפּעס אַ שווערקייט אין בויך, אָבער דער דאָרשט איז ניט געשטילט, נאָר נאָך מער צורייצט.

אַרום האַלב נאָך זיבען איז אָנגעקומען אונזער שיף, און מ׳האָט אָנגעהויבען זען באַקאַנטע. אָט זע איך ברודער ג. ער האָט זיך זייער געענדערט פאַר דער צייט (אַרום אַ יאָר) וואָס איך האָב אים ניט געזען. ער איז אימער געווען אַן אויסגעפּילטער, מיט אַ געזונטען ראָזעווען פּנים, מיט עטוואָס אַ בייכעל, און יעצט איז ער אַזוי מאָגער, אָפּגעבליאַקירט, קיין סימן פון קיין בויך, שוין אַ ביסעל איינגעבויגען און דער עלטער זעט זיך שוין גאַנץ גוט אָן אויף אים.

אָבער אָט זאָגט מיר העלאָ דער געוועזענער ברודער ד. וועמען איך האָב ניט געזען אַ פּאָר יאָר, און וועלכער איז שוין עטלאַכע יאָר אין ביזנעס, איז אָבער דאָך פאַרבליבען אַ הייסער פריינד פון דער יוניאָן. איך בין סורפּרייזט פון זיין גוטען אויסזען און ווי ער האָט זיך דאָס אַ ביסעל פאַפּראַוועט, ווי ער איז גאָר העכער און ברייטער געוואָרען, און אין די אויגען אַזאַ לעבעדיגער, לוסטיגער בליק, און איז געקליידעט ווי אַ ספּאָרט, אין ווייסע הויזען, ווייסע שיך און אַ זיידענע ספּאָרט־העמדעל. גאָרניט דער זעלבער ברודער, מיט וועמען איך האָב מיט צוואַנציג יאָר צוריק געאַרבעט ביי ביליגע פלושענע מאַנטלען. דאַכט זיך אַז דער מענטש איז גאָר אינגער געוואָרען.

און אָט זאָג איך העלאָ שוועסטער ה., איך האָב איר שוין אויך ניט געזען אַ היפּשע צייט, זינט זי האָט געקראַגען איר סטעדען וואָכען דזשאָב, וועלכער האָט אַרויפגעלייגט אויף איר פּנים היפּשע עטלאַכע יאָר. אַפּנים, אַז אַ סטעדי וואכען דזשאָב, איז ניט אַזאַ ברכה, פאַר אַ פלייסיגער שנעלער דערסמאַכערין.

און אָט איז שוועסטער ז., די געלאַסענע, רואיגע און קריטי־קירענדע יוניאָניסטקע. אַרום איר איז די אַטמאָספּערע מיט אַ פּאָר גראַד נידעריגער ווי ערגעץ וואו. און דו ביסט זיכער צו הערען פון איר אַ שאַפּ געשיכטע, אָנגעפּיקעוועט מיט עוולות פון דער יוניע, פון שאַפּ טשערמאַן, און פון די ברידער און שוועסטער. דו קענסט

ניט אַרגומענטירען מיט שוועסטער ז., וועלכע איז די גוטסקייט אַליין, און וועלכע זעט די אַלע עוולות בלויז דערפאַר, ווייל זי איז אַ צו פרומע יוניאָניסטקע. זי איז פאַר פולע הונדערט פּראָצענט יוניאָן קאָנדישאָנס, וואָס דאָס איז אוממעגליך.

אונזער שיף האָט זיך דערווייל פאַראַנקערט, און האָט זיך אָנגעהויבען אויסליידיגען פון אירע בייטאָגיקע פּאַסאַזשירען, און אין דעם צווייטען זייט האָבען זיך אויסגעשטעלט אונזערע מונלייט עקסקוירשאָניסטען. איך בין געווען סורפּרייזט צו זען אַזאַ מאַסע מענטשען. דאַכט זיך מיט אַ ווײַלע פריער איז קיינער ניט געווען. אונזער קליינע גרופּקע, פילענדיג זייער הייס, האָבען זיך ניט געוואָלט קוועטשען אין דעם מיט שטריק אָפּגעצאַמטען פּלאַץ פאַר די אַרויפשטייגענדע, און מיר האָבען געוואַרט אויף צום לעצט.

מיר האָבען לאַנג געדאַרפט וואַרטען. וואָס אַ מינוט איז צו־געקומען אַלץ נאָך און נאָך מענטשען, און ווען מיר זיינען ענדליך אַרויף, איז שוין ניט נאָר פאַר אַ גאַנצער גרופּע מער קיין פּלאַץ ניט געווען, עס איז שוין כמעט קיין איינצעלנע זיץ פלעצער ניט געווען.

עס האָט אויסגעקוקט אַז אונזער גאַנצע ביסעל אָרימקייט האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דער שיפעל.

נאָך לאַנגען זוכען בין איך געווען איבעראַשט צו דערזען אַ ליידיגען סיט, אָבער אַזוי ווי איך האָב זיך נאָך אַנידערגעזעצט, האָב איך אויסגעפונען פאַרוואָס קיינער האָט עס ניט פאַרנומען. דאָרטען איז געווען אַ זייער שמאָלער דורכגאַנג, און איך האָב באַלד געקראָגען אַ זעץ אין זייט פון אַ אומלויפענדען מענטשען, און טאַקע באַלד נאָך דעם אַ טראַסק אין פּלייצע. איך האָב געמוזט פאַרלאָזען יענעם סיט און גיין זוכען דאָס אוממעגליכע — אַ סיט אָן בוכצעס און סטוסאקעס.

עקסקוירשאָן, פאַרטייטשט דער דיקשאָנערי: „אַ קורצע פאַרגע־ניגענס רייזע". שוין ביי דעם ערשטען זעץ איז זייט, האָב איך פאַר־שטאַנען, אַז דער דיקשאָנערי האָט ניט געמיינט דעם דאָזיגען עקס־קוירשאָן, וואו אויף אַ שיפעל פון טוזענט מענטשען האָט מען אַרויפ־

געגומען צוויי טויזענט, אין אַן אָוונט, וואָס דער טערמאָמעטער דערלאַנגט צו פינף און נײַנציג אויפ׳ן וואַסער.

ווען די שיף איז געשטאַנען ביים פּאַרק איז נאָך ניט געווען אַזוי שלעכט, אָבער ווען מיר האָבן זיך גענומען רירען און פּאָרען אָפּטאָון צו, איז די היץ געוואָרען ערגער. און דאָ האָט נאָך גענומען אַרבייטען די זאָגענאַנטע „שאָו״. עפּעס אַן אַלטע אפּגעפּאַרבטע שיקסע מיט אַן איבערגעבראָכענע שטימע, מיט אַ קורצען אָטעם, האָט גענומען זינגען לידלאַך פון פערציג יאָר צוריק. ווען זי איז נאָך געווען אַ יונג מיידעל, און דער אמפּליפאַיער העלפט נאָך צורייסען מיינע אויערען און מיינע נערווען, און אַוועקגיין קענסטו ניט, ווייל מ׳קען זיך פשוט ניט רירען, מ׳קען אפילו אַ שפּילקע ניט אַריינוואַרפען.

אויפ׳ן האָדסאָן איז געווייגליך אַ גאַנץ געשמאַקער ווינטעל, יענעם אָוונט אָבער האָט אימיצער דעם ווינט צוגענומען און פאַרשלאָסען. איך האָב אים געזוכט אויף אַלע דעקען, פון פאָרענט און פון הינטען, איך האָב אָבער קיין דוך פון אים ניט געפונען.

מיט דער הילף פון דעם זייער פייאיגען ברודער ק. האָבען מיר ביידע זיך דערשלאָגען צום באַר, און פאַר צוואַנציג סענט האָט מען אונז דערלאַנגט צוויי זייער קורצע, דיקע און שווערע גלעזער, אָנגעפילט אינעווייניג מיט אַ קלאָרען, ווייסען שוים, און אונטען אויפן דעק, האָט זיך געזעהן אַ טונקל ברוינע פליסיגקייט, וועלכע מיר האָבען גלייך דערקענט אַז דאָס איז ביר. מיר האָבען עס צוגעטראָגען צום נאָז און אַ שמעק געטאָן, און נאָך אַ היפשען קאַמף מיט דעם ווייסען שוים, האָבען מיר זיך דערגרונטעוועט צו דעם זופּ ביר וואָס איז געווען אויפן דעק.

טרינק וואַסער איז אויך געווען אויפ׳ן שיף, אָבער דאָרטען איז געשטאַנען אַזאַ רייע, אַז איך האָב באַשלאָסען, בעסער וואַרטען אויף משיח׳ן ווי אויף אַ נעקסט אין יענער רייע.

די שיף האָט געזאָלט גיין ביז בער מאונטענס, אָבער דער אל רחום האָט זיך אריינגעמישט, אַז עפּעס זאָל אויף דער שיף קאַליע ווערען, און דער קעפּטען האָט ביים דזשאָרדזש וואַשינגטאָן בריק

איר אויסגעקירעוועט אויף צוריק. און שוין פון געדאַנק אַליין, אַז מ׳פאָרט צוריק און אַז אין גיכען וועט מען אַרונטער און מ׳וועט פטור ווערען פון דער דאָזיגער שטיקעניס, און מ׳וועט מער ניט האַקען די זייטען, און מ׳וועט קענען טרינקען אַ קאַפּע קאַווע, איז געוואָרען לייכטער אויפ׳ן האַרצען און עס האָט געגעבען כוח און מוט אויסצוהאַלטען די קומענדע שטונדע און אַ האַלב עקסקוירשאָן.

רעדזשיסטרירט אַ פּאַרטנער

פּאַרטנערס זיינען זיי געווען, האָבען שוין יאָרען געאַרבייט צוזאַמען, איינער אָן דעם אַנדערען ניט געקענט אויסקומען. ער, חיים, איז אַ בלאָנדער, אַ הויכער, אַ יאַדערדיגער איד, און נאָך זיין גאַנצען געשילדער האָט ער זיך גיכער געפּאַסט פאַר אַ בוטשער, אַן עקס־פּרעסמאַן, אָדער אַ דאָק אַרבייטער. זיין שטימע אַ דיקע, אַ האַמעטנע, און זיין שפּראַך אַ שווערע, אַ וואַגיגע, מיט פיל קראַפט און זעלבסט־באַוואוסטזיין. זיינע געדאַנקען און זיינע רייד כאָטש פּראָסט, רוי און אומגעהובעלט, זיינען אָבער געזונטע, פול בלוטיגע, און ער זאָגט זיי אַרויס שטייף און אָפּגעהאַקט, ווי איינער וואָס האַקט איבער אַ פּאַליענע האָלץ מיט איין מאָל, מיט איין געזונטען זעץ מיט׳ן האַק.

ער איז ניט געווען קיין גרויסהאַלטער, אָבער ער האָט אויך קיינעם ניט געהאַלטען העכער פאַר זיך און ער האָט אַלעמען געדוצט. אין דער אַרבייט איז ער געווען טעמפּ און ער פלעגט בלויז מאַכען די פּראָסטערע אַרבייט פון דעם גאַרמענט, און אַז דער פּאַרטנער זיינער, בערל, פלעגט זיך פאַרשפּעטיגען אָדער זיין אָבוועזענד אַ האַלבען טאָג, איז ער געווען אַ פאַרלאָרענער. איז נאָך געווען וואָס אַרויסצופינישען, איז נאָך געווען צו דערליידען, האָט ער אָבער געדאַרפט פאַרנעמען אַ נייעם באַנדעל איז געווען הימעל עפען זיך. איך ווייס נאָך עד היום ניט די אורזאַך פון זיין טעמפּקייט אין דער אַרבייט, צי ער האָט טאַקע געהאַט אַ שווערען קאָפּ, אָדער ער האָט זיך איינגעוואוינט צו פאַר־לאָזען זיך אויף זיין פּאַרטנער, אויף בערלען, און אַזוי אַרום האָט ער זיך אויסגעטאָן פון דער אַרבייט און איז געבליבען אַ חצי בעל־מלאכה.

דער פּאַרטנער זיינער, בערל, איז געווען דער היפּוך פון אים:

אַ טונקעלער פּאַרשוין, אַ סיכאַדליוועט, שוין אַן עלטערער, אין די פּופּציגער, מיט אַ קאָפּ גרויע האָר, מיט אַ שוואַכע, דינע, אונטער׳ן נאָז שטימעלע, און מיט רויטליכע אויגען. דערצו האָט ער זיך אַביסעל זאַאיקעט, און עס פלעגט אים צורינען פון דער נאָז, וועלכע ער פלעגט כאַפּען אָפּווישען מיט׳ן אַרבעל, און ער האָט אויפ׳ן אויסקוק פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ ניט וויכטיגער און ניט ווירדיגער פּאַרשוין. דערפאַר אָבער האָט ער געהאַט גוטע הענט צו דער אַרבייט און אַ גרינגען קאָפּ צו פאַרשטיין ווי אַריינצוקריכען אין אַ נייעם סטייל, און דאָך פלעגט ער זיך לאָזען באַסעווען פון חיימ׳ען און יענער פלעגט אויף אים גאַנץ אָפּט אָנשרייען און אויסשייגעצען. די וואָס האָבען אים גוט ניט געקענט, האָבען ניט געקענט פאַרשטיין, צי וואָס ער דאַרף חיימ׳ען פאַר אַ פּאַרטנער, ווען אויסער דעם וואָס ער קען זיך אויף יענעם ניט פאַרלאָזען מיט די פּאַרטיקעלע אַרבייט, איז ער אויך ניט שנעל אין די פּראָסטע ראַזעווע אַרבעט. אויסער פּאַרטנערס אין שאַפּ, זיינען זיי אויך געווען פריינד און חברים אויסער׳ן שאַפּ, און האָבען באַלאַנגט אין איין פאַראיין, וואו חיים איז צו יענער צייט געווען דער פּרעזידענט. יעדען מאָנטאָג אין דער פרי פלעגען זיי ביידע דיסקוטירען די פּאַליטיקס פון דעם פאַראיין, דערביי פלעגט חיים רעדען ווי אַן אויטאָריטעט, און בערל פלעגט, אונטערפאַנפענדיג, זיך שפּאַרען, און ערשט נאָכגעבען ווען יענער פלעגט זיך אויף אים אָנבייזערען און אָפּ׳חוזק׳ען פון אים.

זיי פלעגען ביי דער אַרבייט רעדען פון אַלעס, אַפילו פון זייער פאַמיליע לעבען, און דאָ האָט זיך אויך אַרויסגעצייגט, אַז חיים איז דער שטאַרקער וואָס פירט זיין לעבען מיט אַ שטאַרקע האַנט און ער איז דער שורר בביתו, און בערל איז דער לעמעשקע, ווענען די ערשטע ווייב האָט אָפּגענאַרט און פאַרלאָזען און די צווייטע פירט אים פאַר׳ן נאָז, און די קינדער, סיי פון דער ערשטער און סיי פון דער צווייטער, קריכען אים אויפ׳ן קאָפּ און ער האָט פון זיי מער צער ווי נחת. חיים פלעגט אים דערגיין די יאָרען פאַר זיינע האַנדלונגען בנוגע זיין פאַמיליע און פלעגט אים אומזיסט לעקטשורען ער זאָל זיין אַ מאַן און האַנדלען מיט אַ שטאַרקע האַנט. זאָגאַר ביים קאָרטען

שפּילען האָט אים חיים געבאָסעוועט און האָט גע׳חוזק׳ט פון זיין שפּילען און אים גענומען דעם לעבער. און דאָך זיינען זיי געווען ניט צוטיילטע פּאַרטנערס און האָבען איינער אָן דעם צווייטען ניט געקענט אויסקומען. דער אַרבייט פעהיגער אָבער שוואַכער בערל האָט געדאַרפט דעם שטאַרקען חיים, ווייל אים האָט זיך געדוכט, אַז ער שפּאַרט זיך אויף אים אָן, אַז יענער טויג זיך בעסער אויס אין פּאַרהאַנדלען מיט׳ן באָס וועגען אַ פּרייז און אָנשרייען אויפ׳ן פּרעסער, ער זאָל דערלאַנגען צום האַנט, אָדער אין אויסטענה׳ן זיך אין דער יוניאָן מיט׳ן ביזנעס אַגענט און אין אויסזוכען און קריגען אַר־בייט.

ווען עס איז אָנגעקומען דער לינקיזם אין דער יוניאָן, איז בערל גאַנץ גיך געוואָרען אַ לינקער. אמת, אז ער האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס און ווען דער לינקיזם איז, און צו וואָס די לינקע אין דער יוניאָן צילען, אָבער ער איז, גלייך מיט אַלעמען, פּאַרכאַפּט געוואָרען פון דער פראַזע, און פון די געשרייען כאַפּט אַ גנב, און פון די איבעריגע פּאַרפירערישע שלאָג ווערטער פון יענע חברה. עס האָט אויסגעקוקט זייער קאָמיש ווי בערל מיט די רויטע אויגעלעך, אונטער־פּאָנפּענדיג און שטאַמלענדיג און ווישענדיג דעם פייכטען נאָז, פלעגט זיך קאָכען און שרייען מיט זיין קוויטשיגער דינער שטימעלע, אַז „זיי האָבען זיך שוין גענוג אָנגעשטאָפּט מיט אונזער געלט, זאָלען זיי געהן די פּיאַוועס, גענוג געזויגען אונזער בלוט!" חיים אָבער, כאָטש ער האָט אויך ווינציג פּאַרשטאַנען וואָס דער לינקיזם איז און וואָס די לינקע באַצוועקען, האָט זיך ניט געלאָזען פּאַרפירען פון דעם טומעל און די געשרייען פון די לינקע, און זייערע בלבולים און פּאַרלוימדונגען האָט ער ניט גענומען פּאַר גוט געלט. ער, חיים, דער פּרעזידענט פון זיין פּאַראיין, וועט זיך ניט לאָזען פירען פון די יונגע שנעקעס, אַט פון יענע חברה, אָן היטלען און מיט די טשופּ־רינקעס, און געוויס ניט פון יענע מיידלאַך דאָרטען פון דעם קעמפּ „ניט געדייגעט".

און פּאַר די געשוואָרענע פּאַרטנערס איז צוגעקומען אַ נייע טעמע, איבער וואָס אַרומצוקריגען זיך. און מאָדנע, אין דער פראַגע

האָט דער אַזוי שוואַכער און נאָכגעביגער בערל זיך ניט געלאָזט בויגען פאַר דעם שטאַרקען און זיכערען חיים, און ער האָט זיך בשום אופן ניט געוואָלט אונטערגעבען, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז צוליב דעם לינקיזם וועלען זיך די פּאַרטנערס פונאַנדערגיין. איבערהויפּט האָט געהאַלטען שמאָל מיט זייער פּאַרטנערשיפּ אין דער צייט פונ׳ם עקשאָן קאַמף, ווען די געמיטער זיינען געווען צוהיצט און די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט׳ן לינקען פּולווער. אָבער דער אמת׳ער קריזיס פאַר די פּאַרטנערס איז געקומען אין דעם סאַמע לעצטען קאַמף צווישען די רעכטע און לינקע, ווען חיים, אַלס טשערמאַן פון שאַפּ, האָט געפאָדערט פון בערלען ער זאָל זיך רעדזשיסטרירען אין דער אינטערנעשאַנאַל, און יענער האָט זיך ניט געוואָלט אונטער־געבען.

שוין וואָכען, אַז חיים פירט אָן די אַטאַקע געגען בערלען, אָבער אָן ערפאָלג. חיים האָט שוין באַוויזען אַלעמען אין שאַפּ צו רעדזשיסט־רירען, אַפילו די פינישערס מיט דער איינציגער דרייפערין, וועלכע זיינען געשוואָרענע כאַווערטעס, און לעבען אַ גאַנצען יאָר מיט דעם כח פון די כאַווערשע „ביטגעדייגעט״ לופט. עס איז אַפילו דאָ אַ חשד, אַז נאָך יעצט צאָלען זיי דאָרטען, ביי די לינקע, דיוס, און קויפען אויס זייערע זינד מיט אַ לינקען באַנד, אָבער רעדזשיסטרירט זיינען זיי. אָבער דעם פאַנפעוואַטען בערל קען ער ניט בייקומען. און דעם שטאַרקען חיים׳ען, דעם פּרעזידענט פון זיין פאַראיין, דעם טשערמאַן פון זיין שאַפּ, גייט שוין יעצט אום לעבען צו רעדזשיסטרירען בערלען, וועלכער איז דוכט זיך אימער געווען אַ טייג אין זיינע הענט, און ער האָט געקאָנט טאָן מיט אים וואָס ער האָט געוואָלט.

אַ מאָנטאָג אין דער פרי איז דאָס געווען. ווען איך בין געקומען אין שאַפּ, האָב איך שוין געטראָפען חיים׳ען נייענדיג אַ פרישען באַנדעל פון אַ נייעם סטייל און אַ צווייטער באַנדעל איז געלעגען ביי בערלען אויפ׳ן מאַשין. ווען בערל איז אַ ביסעל שפּעטער אָנגע־קומען און האָט זיך געוואָלט נעמען צו דעם זעלבען באַנדעל וואָס חיים האָט גענייט, האָט אים חיים אָפּגעשטופּט און געזאָגט אין קורצען, אַז עס איז שוין אויס פּאַרטנערשיפּ. ניט בערל און ניט די

איבעריגע אָפּערייטאָרס האָבען געגלויבט, אַז חיים מיינט עס ערנסט. אָבער חיים, אַ בלאַסער און מיט ציטערנדיגע הענט, האָט צו אַלעמענס ערשטוינונג זיך אויף קיינעם ניט אומגעקוקט און האָט געגנייט, האַלטענדיג דעם סעמפּעל נעבען זיך און אַ צוטומעלטער און אַ פאַר־ווירטער, אַריינקוקענדיג אין אים אַלע ווײַלע. בערל האָט עטליכע מאָל געעפּענט דעם מויל און האָט עפּעס געוואָלט זאָגען, אָבער יענער האָט אַפּילו אין זיין זייט ניט געוואָלט קוקען.

קיינער האָט גאָר ניט באַמערקט ווי בערל האָט זיך פון שאַפּ אַרויסגעגליטשט, ערשט ווען ער איז אין אַ ווײַלע אַרום צוריק־געקומען, האָבען אים אַלע דערזען און האָבען ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ טוט זיך. צוקומענדיג צו זיין מאַשין האָט ער אַרייגעשטופּט חיים׳ען אין פּנים אַריין זיין נייעם נאָר וואָס געקראָגענעם אינטער־נעשאָנאַל יוניאָן בוך און, שטאַמלענדיג און פאַנפענדיג, אים מיט כעס געזאָגט: „נאַ, עקשן, נאַ דיר, דיין זיגמאנ׳ס פופציג סענטיגען ביכעל, נאַ דיר״.

וואָס עס ווערט פון אַ מענשען

מיין לאַנדסמאַן נחמן האָב איך ניט געזען פאַר זייער אַ לאַנגע צייט, און ווען איך האָב אים לעצטענס געטראָפען ביי אַ מיטינג פון אונזערע לאַנדסלייט, האָב איך זיך געפילט כמעט ווי באַליידיגט פון זיין אויסזען. וואָס די צייט קען מאַכען פון אַ מענשען. די אַמאָל ליכטיגע, שטיפערישע אויגען זיינען אויסגעלאָשען. אַ טומאַן איז איבער זיי פאַרצויגען און עס דוכט זיך, אַז אָט באַלד וועט זיך פון זיי אָנהויבען גיסען טרערען. די קאָפּ געקרויזטע האָר זיינען גרוי־ווייס און ערטערווייז אויסגעקראַכען. דער קאָליר פון פנים איז אַ קראַנקע רויטקייט ווי פון געשווילעכץ. די הענט טרייסלען זיך און ווען ער וויל זיי אויפהייבען פאַלען זיי אַרונטער מאַכטלאָז. זיין גאַנג איז פּאַוואָליע, קוים וואָס ער שטעלט די פיס, ווי אַ קינד וואָס לערנט זיך גיין. ער איז אַ פאַלקאָמענער בילד פון צעפאַלענקייט, פון דער אויפלייזונג פון אַ מענשענס קערפּער, אַ קאַנדידאַט פאַר׳ן בית עולם, וועמען דער מלאך המוות לאָזט נאָך אַ ווײַלע אַרומגיין אויף דער ערד.

איך דערמאָן זיך ווי דער זעלבער נחמן האָט אויסגעקוקט מיט עטליכע און פערציג יאָר צוריק, ווען איך האָב מיט אים געאַרבעט ביי סקוירטס. מיר זיינען געזעסען איינער אַנטקעגען דעם אַנדערען, אַ מאַשין אַנטקעגען אַ מאַשין, זיך געיאָגט אַ גאַנצען טאָג אויף די שאַרער פעטענד סטענדס. אַי! איז דאָס געווען אַ נחמנ׳קע, דער גאַנצער שאָפּ איז מיט אים געווען פול, מיט זיינע וויצען, מיט זיינע שטוקעס און שטיפערייען. דער שמייכעל פון אַ לץ איז פון זיין פנים ניט אַרונטער אַ גאַנצען טאָג. די שווערסטע שטיק אַרבעט האָט אים ניט געקענט מאַכען אומעטיג אָהער אַפילו ערנסט. ער איז ניט

געגאַנגען אין שאַפּ צו דער אַרבעט, נאָר ווי צו אַ גיים, וואו מ׳אַמוזירט זיך אַ גאַנצען טאָג, וואו עס געפינען זיך אַ סך מענטשען און מ׳קען גוט פאַרברענגען די צייט, מ׳קען דערציילען אַ וויץ און אויך הערען אַ וויץ. נחמן האָט ליב געהאַט דעם שאַפּ ווייל אין שאַפּ זיינען דאָך דאָ מענשען און מיט מענשען איז דאָך אַ מחיה צו פאַרברענגען.

פאַר דעם באַלעבאָס, וועלכער איז געווען אַ איד אַ יודע ספר אָבער אַ האַרטער, אַ גרויסער מקפיד אויף דער אַרבעט, האָט נחמן געהאַט אַלע טאָג אַן אַנדער מעשה, וואָס עס האָט פּאַסירט אין אונזער שטעטעל מיט אַ קרעמער, צי מיט אַ בעל־מלאכה, צי מיט אַ ישיבה בחור פון אונזער מירער ישיבה, צי מיט אַ גוי, פון די עטלעכע טויזענט גוים, וועלכע פלעגען זיך אַנפאַרען אַלע וואָך צום מאַרק טאָג, צי מיט אַ שגץ פון די עטלעכע הונדערט שקצים, וואָס האָבען געלערנט אין דער גאראדסקאיע אוטשילישטשע. נחמן האָט שוין געזען, אַז דער באָס זאָל זיך מער צוהערען צו זיינע מעשיות ווי ער זאָל זיך צוקוקען צו זיינע סקוירטלעך, וועלכע זיינען אַרויסגעקומען ניט אַזוי „פויגעלדיג" פון זיין מאַשין.

דער פאַרליידי, דעם באָסעס אַ שוועסטער, אַ קורצע, אַ בלאָנדע, אַ פעטליכע, מיט אַן אייביג פריינטלעכע מינע אויפ׳ן פּנים, האָט ער אַלע וואָך גערעדט אַן אַנדערען שידוך. פאַר די צוויי יאָר וואָס איך האָב מיט אים געאַרבעט, האָבען זיך די שידוכים ביי אים ניט אויסגענומען, ביז זי האָט זיך אַליין אויסגעזוכט אַ בחור און האָט חתונה געהאַט. אָבער נחמן האָט דאָך דעם קרעדיט פון איר הייראַט גענומען פאַר זיך, ווען ניט ער מיט זיין האַלטען דעם געדאַנק פון חתונה האָבען וואָרעם אין איר וואָלט זי, חלילה, פאַרזעסען.

אַז זיין שוועסטער האָט חתונה געהאַט האָט דער באָס אַרויפּ־גענומען אַ פאַרמאַן. אַ רויטען, כיטרען אידעל, וועלכער האָט זיך גענומען איינפירען נייע פאַראָנדקעס, וואָס האָט נחמנ׳ען און טאַקע דעם גאַנצען שאַפּ ניט געשמעקט. האָט נחמן אָרגאַניזירט דעם גאַנצען שאַפּ געגען אים. מיט אַמאָל זיינען אַלע געוואָרען „גרינע אָפּעריי־טאָרס" און מען איז אַ גאַנצען טאָג געלאָפען צו אים פרעגען שאלות. חברה האָט גענומען פאַרבייטען און צעמישען די טיקעטס, מאַכען

זאָבען פאַרקערט און זאָגען אַז דער פאָרמאַן האָט אַזוי געהייסען. איז טאָקע מער ווי איין וואָך האָט ער זיך ניט געהאַלטען. דער שאַפּ איז יענעם סעזאָן געבליבען אָן אַ פאָרמאַן און דער דעזיינער איז אויך געוואָרען דער פאָרמאַן.

אונזער באָס האָט יענעם סעזאָן אַריינגעקראָגען אַ גרויסען אָרדער פון געפּליטעטע סקוירטס. דאַן איז נאָך קיין מאַשין־פּליטינג ניט געווען, די גאַנצע זייטען אויבען אָנגעצייכענט געוואָרען מיט קרייד און דער אָפּערייטאָר האָט ביי די מאַשין אויסגעשייפט און אָפּגע־שטעפּט פּליטס, און אונטען, נאָך דעם ווי מ׳האָט אונטערגעפּרעסט די פּליטס און געמאַכט דעם באָדעם, האָט דער אָפּערייטאָר עס גע־טרימט מיט דריי רייען זיידענע סטרעפּס אַרום און אַרום, אַלע צוזאַמען זעכצען סטרעפּס. נחמן האָט אָנגעהויבען אַראָפּצו׳גנב׳נען פּליטס און סטרעפּס פון די סקוירטס, און אַזוי ווי דער סטייל איז געגאַנגען אין די טויזענטער, וואָך־איין וואָך־אויס, איז ער דערגאַנגען ביז עטלעכע און דרייסיג פּליטס, אָנשטאָט פערציג און צוועלף סטרעפּס אָנשטאָט די זעכצען. ער האָט אַלעס געמאַכט אַביסעל שיטערלעכער און עס האָט זיך ניט אָנגעזען, ער האָט געשפּאָרט אַ סך אַרבעט און ער האָט גוט פאַרדינט ביי דעם סטייל. ביים ענדע סעזאָן, אַז דער באָס מיט זיינע שאַרפע אויגען האָט איינמאָל געגומען נחמנ׳ס אַ ספּעשעל אויפ׳ן פיגור, האָט ער עס געדרייט און באַטראַכט און זיך געוואונדערט פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ סטייל אין שאַפּ. נחמן האָט זיך אָבער אַרויסגעדרייט מיט עפּעס אַ פוילען תירוץ און מיט אַ געלונגענעם וויץ און עס איז אים גאָר ניט געשען.

אין שאַפּ האָט דאַן געאַרבעט אַ גרינער יונגערמאַן, אַ שניידער, איטשע מאיר, אַ גוטער און אַ שנעלער אַרבעטער, און ער פלעגט מאַכען גרויסע ווייכזשעס. ער איז אָבער געווען זייער אַ קאַרגער. ער פלעגט זיך ניט פאַרגינען עסען און פלעגט אַלעס טראָגען אין די באַנק. נחמן האָט זיך דערוואוסט אין וועלכער באַנק ער האַלט זיין געלט, און איינמאָל אַ פרימאָרגען, איז נחמן אַריינגעלאָפען אין שאַפּ אַ ביסעל שפּעטלעך און געגומען דערציילען, אַז יאַרמילאָוועסקעס באַנק האָט באַנקראָטירט און אַז עס קומט איצט פאַר אַ געלויף אויף דער

באַנק. איטשע מאיר האָט אויסגעשטאַרט אַ פּאָר אויגען אויף נחמנ׳ען, האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן ביים האַרצען, איז אַראָפּגעפאַלען פון טשער און האָט גע׳חלש׳ט. מען האָט דעם פאַרמאַטערטען און פאַרהונגערטען איטשע מאיר קוים אָפּגעראַטעוועט.

דאָס איז געווען נחמנ׳ס לעצטער דזשאָוק. ער האָט דעם שאַפּ געמוזט פאַרלאָזען.

זכרונות

אין אָפּיס פון מיין לאָקאַל, אויפ׳ן זעקסטען שטאָק, אין דער פּערציגסטער גאַס, איז ציכטיג, גראָם און וואַרים. היינט איז דאָרטען יום־טוב׳דיג. מיר האָבען היינט אַ קונסט אויסשטעלונג, טאָקע פון אייגענע קינסטלער, דרעסמאַכער. בייטאָג איז מען דרעסמאַכער און אין אָוונט איז מען קינסטלער. מאָלערס, שאַפען זייער קונסט אַרבעט אין אַ צימער טאָקע אין דעם אָפּיס פון דער יוניאָן. מיין מענעדזשער שטעלט מיר פאַר אַ קליין מיידעל, אַ שטשופּלע, אַ זשוואווע, אַלס איינע פון אונזערע קינסטלער. ער ציינט מיר אָן אויף אַ גאַנץ היפּשע גרופּע מאָלערייען, וואָס זיינען איר אַרבעט און מיט אַ באַזונדערען שטאָלץ זאָגט ער ווייטער, אַז זי איז אויך אַ טיכטיגער עקזעקוטיוו מעמבער.

איך זיץ אויף אַ באַנק און באַטראַכט די פאַרשידענע בילדער. עס ווילט זיך גאָר ניט גלויבען, אַז די גאַנצע זאַך — אַט דער ראָסקאָשנער אָפּיס, מיט דער לייבערערי דאָרטען ביי דער ענדע, און מיט די אַלע בילדער אויף די ווענט, געמאָלען אין אָוונט, מיט די זעלבע הענט וואָס האָבען בייטאָג געאַרבעט דרעסעס — אַז דאָס אַלץ איז אַ ווירקליכקייט.

איך מאַך אויף אַ ווילע צו מיינע אויגען און מיינע מחשבות טראָגען מיך אַריבער אויף עטליכע און דרייסיג יאָר צוריק. איך בין אַ גרינער, אָבער איך האָב זיך שוין אַרויפגעאַרבעט, פון אַ שוירטמאַכער בין איך געוואָרען אַ סקוירטמאַכער. אין יענע צייטען איז געווען לייכט צו איבערגיין פון איין פאַך צו אַ צווייטען. עס איז געווען די גליקליכע צייט פון פאַר דעם טרייד יוניאָניזם אין די נאָדעל טריידס. די צייט פון קריכען אויפ׳ן פערטען און פינפטען

שטאָק מיט די שטיגען. די צייט פון „פוט־פּאַוער" און אייגענע מאַשינען, פון „טעיק יאָור קאָוט ענד העט ענד גאָ".

איך בין אַרויף אַרבעטען צו „ליבלינג ענד בעק", אַ פירמע פון זייער גוטע אַרבעט. דאָס איז שוין געווען אַ גאַנץ היפּשער און מאָדערנער שאָפּ פאַר יענע צייטען, וואו מען האָט ניט גע־דאַרפט קיין אייגענע מאַשין, נאַר מען האָט געצאָלט פאַר דער מאַ־שין פופציג סענט אַ וואָך צו דער פירמע. איך פאַרשטיי נאָך איצט ניט ווי אַזוי איך בין דאָרטען פאַרבליבען אַרבעטען, אַז שוין ביי דעם ערשטען גאַרמענט, וואָס איז געווען אַ זיבען גאַר סקוירט מיט אַ פּלאַינס, האָב איך געמאַכט אַ מיאוס'ן טעות. איך האָב צוגע־שניטען די זיבען סטרעפּס ברייד וואָס איז געגאַנגען איבער די זיבען סימס, נאָך דעם סייז פון דעם סעמפּעל, וועלכער איז געווען אַ פיל קלענערער סייז ווי דער גאַרמענט, וואָס איך האָב געדאַרפט מאַכען. דער פאַרמאַן האָט אָבער גוטמוטיג צוגענומען די פאַר־קירצטע סטרעפּס און מיר געגעבען אַנדערע און איך בין דאָרטען פאַרבליבען אַרבעטען.

נאָכדעם ווי איך בין דאָרטען געוואָרען אַ שטיקעל תושב, האָב איך אַרויפגענומען מיינעם אַ לאַנדסמאַן צו דער אַרבעט, מאַכען פון אים אַ סקוירט אָפּערייטאָר.

נאָך דעם פאַרמאַן, וועלכער איז געווען אַ גאַנץ סימפּאַטישער מענש, איז דאָרטען דער גאַנצער באַלעבאָס געווען דער באַגראַדער. דאָס איז געווען אַ נידעריגער טונקעלער פאַרשוין, אַ כיטרער, אַ זשוליק, מיט דעם לינקען אויגעל אימער האַלב צוגעמאַכט, אָבער אַזוי, אַז מ'האָט בשום אופן ניט געקענט באַשטימען, צי איז דאָס ביי אים אַזאַ געבאָרענער פעלער, צי ער מאַכט דאָס צו מיט כיוון, כדי דיר בעסער און שאַרפער צו באַטראַכטען. אַט דעם מענשען האָט מען געמוזט צאָלען כאַבאַר, אַז ניט האָבען דיינע סקוירטס זיך געקאָנט אָפּוואַלגערען אַ גאַנצע וואָך און ער האָט זיי ניט באַגראַדט און דו האָסט זיי ניט געקענט פינישען און אַריינגעבען צו דער „פיידע". מיין לאַנדסמאַן, מיין אַרויסהעלפער, וועלכער האָט געהאַט אַ גאַנץ היפּשען טאַלאַנט צו מאָלען, האָט ניט געקענט ביישטיין דעם

נסיון און ער האָט געמאַכט אַ גאַנץ געלונגענעם קאַרטון פון דעם נפש און האָט עס צוגעקלעפּט אויף דער וואַנט. באַלד איז דער גאַנצער שאָפּ אַוועק כאַדאָראַם, אַלע זיינען געלאָפן אָנקוקן דעם קאַרטון, אין וועלכען אַלע האָבען דערקענט דעם בעל דבר. דער חשד איז באַלד געפאַלען אויף די צוויי נייע אָפּערייטאָרס, די גרינ־האָרנס, און מיר האָבען ביידע געקראָגען די סעק.

מיין לאַנדסמאַן איז אי קיין אָפּערייטאָר ניט געוואָרען, אי קיין מאַלער ניט פאַרבליבען. ער איז גאָר געוואָרען אַ גאַנץ היפּשער אידישער שרייבער. ער איז ניט קיין אַנדערער ווי מ. י. כאַיעמאָוויטש. צוליב וואָס ער האָט מיר דאַן קאַליע געמאַכט אַ גאַנץ ניש׳קשה׳־דיגען דזשאַב ווייס איך נאָך עד היום ניט.

ביילקע

נאָכדעם ווי די „סענטער דרעס קאָמפּאַני" האָט פאָרמעל אי־בערגעגעבן איר גאָר גוטע ליין דרעסעס אויף אַ בילינגערער, אָבער האָט פּאַקטיש געפאָדערט כמעט די זעלבע גוטע אַרבעט וואָס פריער, האָט זיך אין שאַפּ אָנגעפאַנגען טראָבעל צווישן דער פירמע און אירע אַרבעטער, און עס איז אַוועק אַ סדרה פון שאַפּ־מיטינגען און קאָמפּליינטס.

ביי די מיטינגען האָט זיך מער פאַר אַלעמען אויסגעצייכענט די אָפּערייטאָרין ביילקע. איר שטימע האָט זיך געהערט העכער און אָפטער פון אַלעמענס. ביילקע איז געווען דער ליבלינג פון שאַפּ. זי איז געווען די איינציגע אידישע מיידעל אָפּערייטאָרין צווישן אַ געמישטען שאַפּ פון אידען און איטאַליענער, אַלע פאַרהייראַטע. ביילקע, מיט איר מיידעלשאַפט, האָט צוגעגעבן קאָליר און טעם צום שאַפּ. זי איז אויך געווען די אינטעליגענטקע פון שאַפּ, וועל־כע האָט געלייענט אַזעלכע ראַדיקאַלע ביכער ווי דזשאַן סטיינבעקס „די גרייפס אָף רעטה". זי איז יעדען טאָג געקומען מיט אַ „טאַימס" אונטער'ן אָרעם, און האָט עס פון דרעסינגס־רום אַריינגעבראַכט אין שאַפּ אַריין און אַריינגעלייגט צו זיך אין בעסקעט.

ביילקע איז אויך געווען אַ קאָמוניסטישע מיטלויפערין, און האָט באַרעכטיגט אַלץ וואָס רוסלאַנד טוט, אין די צייטען ווען דער קאָמוניזם האָט פאַרבאָטען צו טראָגען זיידענע זאָקען, האָט זי גע־טראָגען באַוועלנע, כאָטש דאָס האָט רואינירט דעם גאַנצען חן פון אירע געטאָקטע פיס, מיט וועלכע זי שטאָלצירט אַזוי.

עס האָבען אָבער ניט געהאָלפען ניט די אַלע קאָמפּליינטס און ניט די אַלע מיטינגען. די לאַגע פון די אַרבעטער פון דער „סענטער דרעס" איז אַלץ געוואָרען ערגער. אום אויסצומאַכען זייערע וויי־

דזשעס אויף די ביליגערע פּרייזען, האָבען די אַרבעטער גענומען נייען שנעלער, און אַביסעל „אונטערצובאַטשען״, אָבער דער באָס, מיסטער שריימאַן, האָט געפּאָדערט ניט אַנדערש ווי פּולקאָם גוטע אַרבעט און ער האָט געשריען אויף די אַרבעטער און זיך געזידעלט. און ביי דעם לעצטען מיטינג, וואו ביילקעס שטימע האָט זיך אַזוי געלאָזט הערען, איז באַשלאָסען געוואָרען צו מאַכען אַ „סטאָפּעדזש״ ווען מיסטער שריימאַן וועט זיך צולאָזען אויף זיינע הויכע טענער.

ביילקע איז אַוועק פון יענעם מיטינג אַ צופרידענע און איז געווען שטאָלץ מיט דעם באַשלוס צו מאַכען אַ סטאָפּעדזש, וועלכע איז דאָך געקומען אַ דאַנק איר אַגרעסיווער שטעלונג ביים מיטינג.

די נעקסטע וואָך איז געווען זייער אַ שווערע אין דעם „סענטער דרעס״ שאָפּ. געווען איז עס אַ וואָך פון נייע סטיילס. און ווען מיסטער שריימאַן האָט זיך יענעם פרימאָרגען צעקאָכט און צע־שריען אויף איינעם פון די אָפּערייטאָרס, האָט דער שאָפּ געמאַכט דעם „סטאָפּעדזש״.

דער ערשטער אויפצוהערען אַרבעטען איז געווען גראָדע דער נייער אָפּערייטאָר, אַן עלטערער איד מיט אַ ווייסע קאָפּ האָר, וועל־כער זיצט וויט ביים ענדע פון דער לאַנגער רייע מאַשינען, און וועמעס שטימע מ׳האָט ביי די מיטינגען ניט געהערט. נאָך אים האָבען די איבעריגע אָפּערייטאָרס, איינער נאָכ׳ן אַנדערען, מיט ערנסטע און אָנגעשטרענגטע פּנימ׳ער אַוועקגעלייגט די אַרבעט. די איינציגע וועלכע איז געבליבען נייען איז געווען ביילקע.

ביילקעס שאַרפע אויגען און אויערען האָבען באַלד אויפגע־כאַפּט דעם סטאָפּעדזש, אָבער אין דער זעלבער מינוט איז אין איר „קאָפּ״ דורכגעלאָפען ווי אַ בליץ די גאַנצע געשיכטע פון דעם גאַנצען יאָר איידער זי האָט געקראָגען דעם דזשאָב ביי די „סענטער דרעס״. ווי זי האָט זיך דעם גאַנצען יאָר געמאַטערט מיט הלוואות; מיט שמייכלען צו דער מיסעס און אויסצוטראַכטען אַלערליי תירוצים, ווען זי האָט ניט געהאַט די רענט צו באַצאָלען; מיט קלאַפּען אין טירען וואו מ׳האָט איר צוגעזאָגט דזשאָבס און זי האָט עס קיינמאָל ניט געקראָגען.

זי האָט זיך אויך דערמאָנט, אַז זי האָט נאָך ניט אויסגעצאָלט דעם פיר הונדערט דאָלערדיגען פוטערעל, וואָס זי האָט דעם ווינ־טער געקויפט און וועלכער איז איר אַזוי איינגעבאַקען אין האַר־צען.

און ביילקעס האַרץ איז פאַרכאַפּט געוואָרען פון מורא און שרעק, און אירע הענט האָבען בשום אופן ניט געקענט אַרויסלאָ־זען דעם זיידענעם פּראַנטעל וואו זי האָט געהאַלטען אין אַריינ־מאַכען קנעפּ־לעכער. זי האָט זיך געקלאַמערט אָן איר מאַשין ווי אָן דער איינציגער רעטונג אירער. אָן יענעם אָוונט ביים שאַפּ־מיטינג, וואו איר שטימע פאַר אַ סטאַפּעדזש האָט זיך געהערט העכער פאַר אַלעמענס, האָט זי אין דעם מאָמענט אָבער פאַר־געסען ווי אָן טויט.

מיסטער שריימאַן אַ בלייכער און אַ דערשראָקענער האָט גע־נומען צוגיין צום טשערמאַן זיך אויסצו׳טענה׳ן מיט אים, אָבער מ׳האָט אים אַוועקגערופען אין אָפּיס אַריין. דערווייל האָט דער קליינער מאַקסעל געוואָרפען אַ ספּול פאָדים אויף ביילקען, ערשט דאַן האָט זי זיך אַ צאַפּעל געטאָן ווי מ׳וואָלט איר אויפגעוועקט פון מיטען אַ שווערען חלום, האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אויפגעהערט נייען.

אסתר

דעם קאַמף מיט׳ן שטן, מיט רשעות, האָט אסתר אָנגעפאַנגען גאַנץ פרי, ווען זי איז קוים אַלט געווען צוועלף יאָר, ווען איר טאַטע האָט, נאָך איר מאַמע׳ס טויט, געבראַכט אין הויז אַריין אַ פאַרזעסענע, פאַרביטערטע אַלטע מויד פאַר אַ שטיף מאַמע.

די שטיף מאַמע איז באַלד געוואָרען די גאַנצע הערשערין אין הויז, פאַר וועמען אַלע האָבען זיך געבויגען, און געגען וועמען אַפילו דער טאַטע האָט מורא געהאַט אַ וואָרט צו רעדען. אָבער אסתר האָט איר געגעבען אַ ווידערשטאַנד, זיך ניט געלאָזען באַהערשען פון איר, און איז בעסער אַוועק פון הויז צו ביילקע די נייטאָרין, איר העלפען אין הויז, און זיך אויסגעלערענט נייען ביים האַנט און אויך אויף דער מאַשין.

אסתר האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט מיט חשק, מיט איר גאַנצער יוגענטליכער ענערגיע, און איז גאַנץ שנעל געוואָרען אַ פאַלנע אַרבעטאָרין, און זיך ענטוויקעלט אין אַן אינטעליגענטער, שטאָלצער פריילין, איז אַריין אין „בונד״, איז געגאַנגען אויף אַלע סכאָדקעס, געקעמפט געגען דער סאַמאָדערזשאַוויע, געקראָגען אייבער דער פלייצע מיט׳ן סטראַזשניק׳ס נאַגאַיקע און זינט דאַן פאַרבליבען אַ געשוואָרענע קעמפערין געגען רשעות און פאַר גערעכטיגקייט.

אין אַמעריקע האָט אסתר דורכגעמאַכט דעם שווערען מיזאַמען וועג פון אַ גרינע, אַ באָרדערקע, אַ ווייסט־מאַכערין. זי איז דורכגעגאַנגען דעם גאַנצען דאָרענדיגען וועג פון די אַמאָליגע ביטערע סטרייקס און סטאַפעדזשעס. ווינטער געפרוירען און זומער זיך פאַרברענט אויף דער פיקעט ליין, פאַרזוכט דעם טעם פון פאַליסמאַנס קלאַב, אָבער זיך ניט אונטערגעגעבען, פאַרבליבען אַ שטאָלצע

קעמפערין פֿאַר גערעכטיגקייט, פֿאַר יוניאָן קאָנדיציעס, פֿאַר קורצע שטונדען און אָנשטענדיגע ווידזשעס.

דער קאַמף מיט׳ן שטן, מיט רשעות, אין אַלע זיינע פֿאָרמען, סיי צאַריזם, סיי קאַפּיטאַליזם, איז ביי אסתר׳ן געווען אַ היפּשער טייל פון איר לעבען, אָבער ניט דאָס גאַנצע לעבען. אסתר האָט זיך פֿאַרליבט און האָט חתונה געהאַט, און געבוירען צוויי קינדער, צוויי שיינע געראָטענע אינגלאַך. זי איז אַ צייט ניט געגאַנגען אין שאַפּ און האָט זיך אָפּגעגעבען מיט האָדעווען און דערציען אירע קינדער. אָבער אין דעם גרויסען קריזיס, ווען איר מאַן האָט פֿאַרדינט ווינ־ציג, האָט אסתר איבערגעלאָזען אירע קינדער אויף דער שוויגער׳ס הענט און איז ווידער אַוועק אין שאַפּ אַריין.

מיט מוט און עקשנות האָט זי ענערגיש געקעמפּט מיט דעם גרויסען פֿאַרצוויגענעם קריזיס. זי האָט געזען אַז אירע צוויי אינגלאַך זאָל גאָר נישט פעלען. זי איז געווען גליקלאַך, וואָס אירע קינדער וואַקסען אַזעלכע געזונטע, שיינע און געראָטענע, און דער שטן, די רשעות, אין דער געשטאַלט פון אַ גרויסען פֿאַרצוויגענעם קריזיס, האָט אסתר׳ן ניט בייגעקומען. זי האָט אים איבערגעלעבט און איז אַרויס פון אים כמעט אומבאַשעדיגט.

און אָט איז די צייט ווידער נאָרמאַל. איר מאַן האָט אַ גאַנץ לייטישען דזשאַב, און זי פֿאַרדינט אויך ניט שלעכט. יוניאָן קאָנ־דיציעס זיינען עטאַבלירט, און מען דאַרף מער ניט פרירען אויף דער פּיקעט ליין. די איטאַליענישע מיידלעך זיינען גאַנץ וואוילע יוניאָן לייט און עס איז אָנגענעם מיט זיי צו אַרבעטען אין שאַפּ. אירע אינגלאַך גייען אין הײַ־סקול און לערנען זיך גוט, און ביידע זיינען אַזוי גוט צו איר, פירען זיך אויף אַזוי פיין, און העלפען אין הויז דער באָבען, מיט וואָס נאָר זיי קענען. דאָס זיינען ניט קיין קינדער, נאָר מלאכים. דער מאַמע׳ס האַרץ איז אָנגעפילט מיט גליק, מיט נחת, מיט פרייד און מיט זונענשיין.

אָבער אָט איז אָנגעקומען דער נייער שטן, די מאָדערנע רשעות. היטלער און היטלעריזם זיינען דאָ. באַרבאַריזם אונטער דער מאַסקע פון נאַציאָנאַל סאָציאַליזם איז געקומען. נאַציזם, פֿאַשיזם פֿאַר־

שפּרייטען זייערע שווארצע פליגלען איבער דער גאַנצער וועלט, און אַמעריקע איז אַריין אין דער וועלט־מלחמה.

אסתר׳ס ביידע זין האָט מען צוגענומען אין דער אַרמיי. און אסתר איז איינגעפאַלען, איר מאַמע׳ס האַרץ שרעקט איר, אַז דאָס מאָל וועט איר דער שטן גובר זיין, זי וועט די רשעות דאָס מאָל ניט קענען בייקומען. זי האַלט אין איר האַנט־בייטעל די בילדער פון אירע זין, מיט זייערע נאָר וואָס צוגעשיקטע בריוולאַך, וועלכע זי האָט שוין געלייענט צענדליגער מאָל, און וועלכע זיינען שוין דורכגעווייקט פון אירע טרערען. אירע אינגלאַך זיינען שוין אויף יענער זייט ים. און פון יעדער שטיקעל נייעס וועגען אַ נייער שלאַכט פאַלט איר האַרץ איין. זי איז אומרואיג, נערוועז, צעררודערט און זי קען ניט אַרבעטען. זי האָט איצט דערפילט אַלע וויי־טאָגען פון איר שווערען מיזאַמען לעבען: דער שטיף מאַמע׳ס פעטש, דעם זשאַנדאַר׳ס נאַגייקע, דעם פּאָליסמאַנ׳ס קלאָב, און די קעלט אין אירעביינער פון יענע פרעסט, וועלכע האָבען זי דורכגענומען אויף דער פּיקעט־ליין.

מיסטער יעלין

מיסטער סעם יעלין איז שוין פינף און צוואַנציג יאָהר פאַרמאַן פון דער „דיורעיבעל קלאָוק און דרעס קאָמפּאַני". מען קען זאָגען, אַז יעלין האָט געבויט די פירמע, אַז אים געהערט דער גאַנצער קרעדיט פאַר דער פירמעס גוטען נאָמען און פּרעסטיזש. ס'איז אַ דאַנק זיין אַרבעטסזאַמקייט, זיין פּינקטליכקייט און איבערהויפּט זיין געטריישאַפט דער שניידערישער מלאכה, וואָס די פירמע האָט אַזאַ נאָמען, און וואָס זי קריגט אַ פיל העכערען פּרייז פאַר אירע קלאָוקס און דרעסעס ווי אַנדערע פירמעס פון איר לאַין.

איך ווייס ניט צי איר וועט עס גלויבען, אַז איך וועל אייך זאָגען, אַז יעלין איז פאַרליבט אין דאָמסקע שניידעריי. אַז יעלין בראָשט אָפּ אַ געפינישטען און אויסגעפּרעסטען דזשעקעטעל, אין וועלכען אַלעס איז אַרויס פּערפעקט, און ער הענגט עס אויס אויפ'ן לאַין, פילט ער אַ גייסטיגען פאַרגעניגען. ער גיט עס נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אַ גלעט, און אים איז שווער צו צעשיידען זיך מיט דעם, ווי להבדיל, מיט אַ געליבטער. און דערפאַר, אַז ער דערזעט אַ צעדרייטען פאַקעטעל אָדער אַ צעליאַפּעטען באַטאַנהאָל ווערט ער אַן אויפגעקאָכטער, ווי מ'וואָלט געשעדיגט עפּעס אַ לעבעדיגע זאַך, עס נעמט אים דורך אַ מין צער בעל חיים געפיל צום דזשע־קעטעל, און מיט באַנומענע קולות, ווי אַ ווילדער, צעשרייט ער זיך אויפ'ן אפּערייטאָר. היינט ווער רעדט, אַז אַן אפּערייטאָר צע'הרג'עט אַ שעיפּעלע, אָדער אַ קאָלנער לייגט זיך ניט אַוועק ריכטיג, איז דאַן הימעל עפּען זיך, ער גייט אַרויס פון די כלים און קען זיך ניט באַרואיגען, און ער באַפאַלט און זידעלט און איז גרייט אַפילו צו שלאָגען זיך.

אָט אַזוי האָט יעלין געדינט דער פירמע פינף און צוואַנציג

יאָהר, אָדער עס וועט זיין ריכטיגער צו זאָגען, אַז ער האָט געדינט דער קונסט, דער קונסט פון דאַמסקע שניידעריי. איך צווייפעל צי יעלין וואָלט געקאָנט אַרבעטען אַזוי שווער און אַזעלכע לאַנגע שטונדען ביי אַן אַנדער מלאכה. אָבער עקזאַמענען גוט־געמאַכטע דזשעקעטלעך און אַנטאָן און דרעיפּען פּערפעקט געמאַכטע דרעס־קעלעך אויף׳ן פיגור, ווערט אים קיינמאָל ניט מיאוס און עס פאַלט אים קיינמאָל ניט שווער. ער פאַרגעסט זיך גאָר אַן צייט און אַפילו אָן הונגער, און ניט איינמאָל פאַרטיפט ער זיך אַזוי אין דער אַרבעט אַז אים חלש׳ט איבער דאָס האַרץ און ער גייט אַרויס פון שאַפּ מיט אַ קאָפּווייטאָג.

אָבער אַט איז צוליב דער מלחמה אָנגעקומען די גרויסע פּראָס־פּעריטי ביי שניידעריי, און ביי קלאָוקס און דרעסעס איז אַ דוחק אין הענט, מע רייסט אַרבעטער ביי די פּאָלעס, און אַרבעטער פאַרדינען מער ביי דער ביליגער לאַין אַרבעט ווי ביי דער גוטער, און פון דער „דיורעיבעל״ האָבען זיך גענומען צוגיין די בעלי־מלאכות, און נאָך יעלינ׳ס צעשרייען זיך אויף אימיצען איז שוין יענער אויף מאָרגען ניטאָ אין שאַפּ.

און דער הויפּט פון דער פירמע האָט יעלינ׳ען אַריינגערופען אין אָפיס און האָט מיט אים איינגעַ׳טענה׳ט, אַז איצט איז ניט די צייט פון אַרויסברייגען די אַרבעט הונדערט פּראָצענט גוט, די פירמע מוז זיך, אין אַזאַ צייט, באַנוגענען מיט עטוואָס ערגערע אַרבעט, און אַז ער זאָל אַביסעל נאָכלאָזען די לייצעס, אַז ניט וועט מען בלייבען אָן אַרבעטער און עס וועט זיין אויס פירמע.

יעלין איז אַרויס פון אָפיס, נאָך דעם געשפּרעך, ווי אַ פאַר־אורטיילטער, ווי עפּעס אַ גרויסער אומגליק וואָלט אים געטראָפען. אין זיין קאָפּ האָט זיך ניט געקענט פּאַטופען דער געדאַנק, אַז די „דיורעיבעל״ זאָל אָנהויבען אַרויסגעבען ביליגע אַרבעט, און ער, יעלין, זאָל עס זיין דער פאַרמאַן. ער איז אַ גאַנצען טאָג געווען ווי אַ צומישטער, אַ צוטומעלטער, און ווען אים איז אַריינגעפאַלען אין האַנט אַ פאַרבאַטשטער גאַרמענט האָט ער ניט געקענט פועל׳ן ביי זיך עס אויפצוהייבען אויף׳ן לאַין און עס דורכלאָזען. ער האָט עס

אַוועקגעלייגט אויפ׳ן טיש און זיך גענומען צו עפּעס אַנדערש, אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער עס ווידער גענומען אין האַנט אַרײַן און ווידער אַוועקגעלייגט. ער האָט זיך געפּלאָנטערט אין דער אַרבעט און געפילט זייער שלעכט. ער האָט געפילט אַז ער פאַרלירט זיין גאַנצען אָנהאַלט אין לעבען, אַז עפּעס גליטשט זיך אַרויס דער באָדען פון אונטער זיינע פיס און ער בלייבט הענגען אין דער לופטען. ער האָט דעם טאָג קוים מיט צרות פאַרענדיגט.

געקומען אַהיים איז יעלין אַ פאַרמאַטערטער און אַ צעטראָגענער און ער האָט זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען. צום סאָפער האָט ער זיך קוים צוגערירט, און אַ גאַנצע נאַכט האָט ער זיך געוואָרפען פון איין זייט אויפ׳ן צווייטען און ניט געקענט איינשלאָפען. אים האָט אַלץ געקלונגען אין די אויערען, די שרעקלאַכע ווערטער פון דעם מענעדזשער וועגען ערגערע אַרבעט און אַז מ׳דאַרף אָפּלאָזען די לייצעס. און ווען ער איז שוין יאָ איינגעשלאָפען, האָט זיך אים גע־פּלאָנטערט און גע׳חלומ׳ט דזשעקעטלעך מיט צוליאפּעטע באַטאָנהאָלס, צעדרייטע קאָלנערס און צע׳הרג׳עטע פּאַקעטס.

אין שאָפּ איז יעלין אויף מאָרגען געקומען שפּעט, אַ בלאַסער, מיט רויטע פאַרשוואָלענע אויגען, און ווען ער האָט אָנגעהויבען עקזאַמענען די אַרבעט פון די פּאָר נייע באַלעמלאַכעס, וועלכע מ׳האָט קוים מיט צרות געקראָגען, איז אים געוואָרען ניט גוט. ער האָט דערפילט אַ ווייטאָג אונטערן לאָפּעטקע. ער האָט זיך קוים צוגע־שלעפּט צום אָפּיס זאָגען אַז ער פילט שלעכט און ער מוז גיין אַהיים.

עס איז שוין איצט די פינפטע וואָך, אַז די „דיורעיבעל״, האָט אַ נייעם פאָרמאַן, אַ יונגען חברה׳מאַן, אַ בראַנד פייער, און מען נייט קלאָוקס אויף וואָס די וועלט שטייט, מיט גלייכע קאָלנערס און אויך מיט קרומלעכע. מיט גוטע באַטאָנהאָלס און אויך מיט אַ ביסעל צעליאַפּעטע, אָבער מען שיקט זיי אַוועק און מען קריגט צוריק — טשעקס.

אַ טשיקאַווע באַגעגעניש

איך האָב אים באַגעגענט אין אונזער שאָפּ, ווען ער האָט פאַר־קויפט מיין באָס סטרעפּס, באָדלען, אויל, און נאָך מכשירים, וואָס מען האָט געדאַרפט פאַר די מאַשינען, און איך בין פאַרציטערט געוואָרען. איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז מאָטעל דער באַנדורע פון מיין שטעדטעל לעבעדיג געוואָרען און ער שטייט דאָס דאָ פאַר מיינע אויגען, אַזוי איז ער, זיין זון כאַצקעלע, געווען געראָטען אין זיין טאַטען.

מאָטעל איז געווען אַ כלי־זמר, דער באָס פון דער שטאָדטישער קאַפּעליע. אַלעמען האָט מען גערופען כלי־זמר: צאַלקע דער כלי־זמר, קאָפּעל דער כלי־זמר, און אַזוי די איבעריגע, אָבער אים האָט מען גערופען מאָטעל באַנדורע. און אַזוי איז דאָס געגאַנגען מיט דער גאַנצער פאַמיליע, זיין ווייב האָט געהייסען, מירעל מאָטעל באַנדורע׳ס. מאָטעלס באַנדורע אַליין איז געווען זייער אַ טשיקאַווע, ווייל זי האָט געהאַט בלויז דריי סטרונעס. די פערטע האָט אים זיין מירעל, באַלד נאָך דער חתונה, איידער זי האָט זיך צוגעוואוינט ווי אַרומצוגיין אַרום אַזאַ אינסטרומענט, צעריסען. פאַר עטלאַכע און צוואַנציג יאָר האָט מאָטעל באַנדורע אַלץ געהאָפּט צו זיין אַמאָל אין מינסק און קויפען אַ נייע סטרונע. אָבער אונטער דער צייט האָט ער, און אויך שטאָדט, זיך אָפּגעוואוינט פון דער פערטער סטרונע, אַזוי אַז ווען עמעצער טוט פּלוצלונג אַרויף אויף דער באַנדורע אַ פערטע סטרונע, וואָלט אין שטעדטעל געוואָרען אַ בהלה.

מאָטעל איז געווען אַ קליין געוויקסיגער, אַן אויסגעדאַרטער, מיט אַ דינעם שפּיציגען נאָז, מיט כיטרע שפּיציגע אייגעלעך, און מיט אַ טאַנצענדיגען ביטול־שמייכעל אַרום די דינע, האַרטע ליפּען. ער

איז אויך געווען דער בדחן פון דער קאַפּעליע און ער פלעגט באַ־זעצן די כלות. און שטייענדיג דאַן מיט דער גרויסער באַנדורע ביים זייט, האָט ער אויסגעקוקט נאָך קלענער און נישטיגער, ווי ער איז ווירקליך געווען, אָבער דערפאַר איז דאַן זיין איראָנישער שמייכעלע נאָך שאַרפער און טראַציגער געווען.

און מאָדנע, וואו כ׳האָב אים ניט געטראָפען, אין מאַרק, אין בית־מדרש, צי גאָר אויפ׳ן פּריזבע נעבען זיין כאַטקע, האָב איך אים, אין די געדאַנקען, גלייך דערזען, מיט זיין באַנדורע, מיט דעם איראָנישען קוק, מיט זיין ביטול־שמייכעל, וועלכען ער האָט געהאַט ביים באַזעצן אַ כלה.

און כאָטש עס איז פאַרלאָפען אַזוי פיל יאָרען זינט דאַן, איז מאָטעל׳ס געשטאַלט אַזוי ווי לעבעדיג פאַר מיינע אויגען. איבער־הויפּט האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון זיין בילד, ווי ער שטייט פון פאָרענט פון דער קאַפּעליע אין זיין שוואַרצען סורדוט — וועלכער איז טאַקע נייערהייט, מסתמא, געווען שוואַרץ, אָבער צו דער עלטער פון צוואַנציג יאָר, ווען איך האָב אים געזען, איז ער געווען קאַלע־מוטנע גרין. בלויז די טאַשמעס, מיט וועלכע די לאַצען זיינען געווען געליאַמעוועט, זיינען נאָך געווען גלאַנציג־שוואַרץ, און דאָס האָט געשאַפען אַזאַ קאָנטראַסט, אַז מען האָט נאָכאַנאַנד געמוזט קוקען אויף דעם עקזאָטישען מלבוש. אָט זע איך אים, אַזוי ווי ערשט, ווי מיט דער לינקער האַנט האַלט ער צו זיין באַנדורע און ער באַזעצט מיין עלטערע שוועסטער צו איר חתונה, און מיין מאַמע מיט די איבעריגע ווייבער ווישען מיט די טיכלעך זייערע פאַרוויינטע אויגען. און ער זאָגט די בדחנות מיט אַ העכסט ערענסטען טאָן און מיט אַ ימים־נוראים׳דיגען ניגון, אָבער אַרום מויל איז דער אייביגער ביטול־שמייכעל, צוליב וועלכען איך בין אים חושד געווען, אַז אין האַרצען לאַכט ער זיך אויס פון דער גאַנצער צערעמאָניע.

מיין פלוצלימדיגע באַגעגעניש מיט כאַצקעלע מאָטעל באַנדורעס האָט אויפגעוועקט אין מיר אַ גאַנצע רייע זכרונות פון יענע יוגענד יאָ־רען און פון מיין שטעדטעל און זיי האָבען מיר אַזוי צערודערט, אַז די גאַנצע וואָך איז מיר די אַרבעט אין שאָפּ געגאַנגען זייער צרה׳דיג.

אין שאַפּ און אויסערן שאַפּ

דערצו נאָך האָט מיר דער אונטערשטער סטראַפּ פון דעם קנויל סטרעפּס וואָס כאַצקעלע האָט פאַרקויפט מיין באָס, געהאלטען אין איין פּלאַצען, און יעדעס מאָל וואָס איך האָב זיך אַרונטערגעבויגען צו פאַרריכטען אים, און האָב זיך גאָר נישקשה׳דיג פאַרמאַטערט, האָט זיך מיר אַלץ געדוכט, אַז מאָטעל דער באַנדורע מיט זיין כאַצקעלען ליגען דאָרטען אונטען, און לאַכען פון מיר, און שטעלען מיר אַרויס אַ צונג.

זיין גרעסטע פעידע

נאָך אַלס קליינער אינגעל, האָט ברוך געקראָגען גרויס דרך ארץ פאַר מענשען, וואָס פאַרדינען 100 רובעל אַ וואָך. זיין טאַטע, גרשון, דער בעסטער מענסקער שניידער אין שטעדטעל, האָט קוים געמאַכט 7־8 רובעל אַ וואָך, און אַז פון 8 ביז 100 איז אַ ווייטער מהלך האָט שוין ברוך דאַן פאַרשטאַנען.

זיין טאַטע, גרשון, האָט אויף זיינע 8 רובעל אַ וואָך זייער שווער געאַרבעט, האָט געפירט אַ טיש מיט צוויי־דריי פועלים, און די מאַמע מיט די שוועסטער זיינען געווען פאַרנומען אַ גאַנצען טאָג אין קיך מיט געבען דריי מאָלצייטען אַ טאָג צו אַזוי פיל מיילער.

און ווען יאַשעליאַווסקי, דער אַדוואָקאַט פון פאַטשאַטעס הויף, איז געקומען אָנמעסטען זיין גאַרניטור, און די פועלים האָבן זיך געשושקעט אַז זיין געהאַלט איז אפשר נאָך מער ווי הונדערט רובעל אַ וואָך, איז ער אין ברוכ׳ס אויגען געווען נאָך אַ גרעסערער מענש ווי דער רב פון שטאָדט. ער פלעגט זיך באַהאַלטען אין אַ ווינקעל און ניט אַראָפּנעמען די אויגען פון אים און נאָכקוקען זיין יעדען קער און ריר, און באַמערקען ווי אַלע אין הויז זיינען שטאָלץ מיט זיין אָנוועזענהייט.

נאָך גרעסערע מענשען אין ברוכ׳ס אויגען זיינען געווען די „שוואַרצע משפחה", וואַלד־סוחרים, אויף וועמען מ׳האָט געזאָגט, אַז זייערע פאַרדינסטען גרייכען ביז צוויי און דריי הונדערט רובעל אַ וואָך. אויף זיי האָט ברוך געקוקט ווי אויף עפּעס אויסטערלישע, אויסערגעוויינליכע מענשען — גייען אָנגעטאָן אין אַזעלכע קאָסט־באַרע גרויסשטאָדטישע מלבושים, פאַרוואוינען אַזעלכע גרויסע הייזער־פּאַלאַצען, האַלטען זיך אָפּגעזונדערט פון אַלעמען און דאַוונען אַפילו אין אַ באַזונדערער ליובאַוויטשער שטיבל.

אַז ברוך איז אָנגעקומען אין אַמעריקע און איז אַוועקגעגאַנגען אַרבעטען אין אַ קלאָוק־שאַפּ, האָט ער געקראָגען גרויס דרך ארץ פאַר דעם דעזיינער, אויף וועמען מ׳האָט געזאָגט, אַז ער קריגט הונדערט דאָלאַר אַ וואָך. ברוך, אַז ער איז דורכגעגאַנגען אַלע שבעה מדורי גיהנום אין שאַפּ, און איז געוואָרען אַ גאַנצער אָפּערייטאָר, האָט פאַרדינט גאַנץ פיינע שכירות, אָבער זייער ווייט פון 100 דאָלאַר אַ וואָך. האָט ער אויף מענשען וואָס פאַרדינען אַזוי פיל געלט נאָך אַלץ געקוקט מיט גרויס רעספּעקט.

ברוך האָט חתונה געהאַט אין אַמעריקע, און די ווייב האָט אים געהאַט דריי קינדער. ער אַרבעט שווער, אָבער ער מאַכט אַ לעבען. ער האָט געזען גוטע צייטען און שלעכטע. ער האָט שוין אין דער ערשטער פּראָספּעריטי געהאַט וואָכען, ווען ער האָט פאַרדינט 60 און 70 דאָלאַר, אָבער צו 100 האָט עס קיינמאָל ניט דערגרייכט. און זיין באַהאַלטענעם וואונטש צו מאַכען אַמאָל אַזוי פיל, האָט ער שוין איינגעגאַנצען אויפגעגעבען.

ברוך איז עלטער געוואָרען. די איצטיגע מלחמה מיט איר גרויסער פּראָספּעריטי האָט אים געטראָפען שוין באַלד אַ זעכציגער, אָבער ער אַרבעט נאָך אַלץ ביי קלאָוקס. און נאָכדעם ווי ער האָט געהאַט 2 וואָכען „קאַונטרי״ אין די בערג, איז ער געקומען אין שאַפּ, דוכט זיך מיט גאָר נייע כוחות. און אַז עס איז אַריינגעקומען אַ גרויסער „לאָט״ פון דעם געשטרייפטען זיידענעם דזשעקעטעל, וועלכער לאָזט זיך נייען, און פאַר וועלכען מ׳קריגט אַ גאַנץ שיינעם פּרייז, און ער האָט אַריינגעקראָגען דערפון אַ פולען בעסקעט, האָט ברוך גוט אויסגעאוילט די מאַשין, און ער האָט גענייט אַזוי, אַז אַלע אין שאַפּ האָבען גאָר אָנגעקוואָלען פון דעם אַלטען, און דער באָס האָט אים געקלאַפּט אין פּלייצע און אים געגעבען אַ יישר־כוח.

ברוך האָט אַריינגעאַרבעט אַ שווערע וואָך מיט איבערצייט. און ער האָט זיך גאָר ניט אומגעקוקט, וואָס עס גיט אים אָפּט אַ שטאָך אין פּלייצע, און ווען ער גייט צום סאָבוויי פאַרכאַפּט אים אָביסעל דער אָטעם און ער מוז זיך אָפּשטעלען אַ ווײַלע. זיין גאַנצער איך איז געווען אַריינגעטאָן אין שאַפּ, אין בעסקעט, וואו עס זיינען

געלעגען היפּשע באַנדלעך פון דעם זיידענעם דזשעקעטעל, און אַז מ׳דאַרף זיי פּאַרטיג מאַכען נאָך היינטיגע וואָך — עס איז אַ „ספּע־שעל אָרדער״.

פרייטאָג פאַרנאַכט. דער טשערמאַן האָט פאַרמאַכט די עלעקטריק און אָפּגעשטעלט די מאַשינען. ברוך האָט מיט היפּשער שווערקייט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, וועלכער איז אים געווען ווי אָנגעגאָסען מיט בליי. ער האָט זיך דערפילט פאַרמאַטערט, ערשעפּט, און ער וואָלט זייער גערן זיך אויף אַ ווײַלע צוגעלייגט. מיט גרויס אָנ־שטרענגונג האָט ער גענומען אויסמאַכען זיין „פּעידע״.

אַ גאַנצע וואָך איז ער געווען אַזוי פאַרטיפט אין דער מלאכה, אַז ער האָט אַפילו פאַרגעסען צו האַלטען חשבון פון זיינע פאַר־דינסטען. און ביים אויסרעכענען די טיקעטס, דערזעענדיג, אַז ער האָט איבערגעשפּרייזט די ציפער 100, האָט ער זיך דערשראָקען ווי אַ מת וואָלט זיך באַוויזען פאַר אים, אַ שוין לאַנג באַגראָבענער וואונטש איז אויפגעשטאַנען פון קבר.

דער ציפער קוקט אויף אים און לאַכט, מעפיסטאָפעליש אים אין פּנים אַריין. — „נאַ דיר, אַלטער נאַר, הונדערט דאָלאַר. נאַ דיר״... עס האָט אים גענומען קלאַפּען אין האַרצען, און אַ נעפּעל האָט זיך פאַרצויגען פאַר זיינע אויגען — און אַזוי ווי יאַשעליאָווסקיס פּנים, מיט דער גאַנצער „שוואַרצער משפחה״ שוועבען אין נעפּעל. ער האָט זיך אַ שאָקעל געטאָן, און אַראָפּגעפאַלען פון שטול און גע־חלש׳ט.

דעם קאָנווערט מיט די 100 דאָלאַר האָט אים דער טשערמאַן געבראַכט אין האָספּיטאַל, און ער האָט עס אים אַריינגעשפּאַרט אין אָקסיזשען־ביידל, אין וועלכען ברוך איז געלעגען. און ווען ער האָט עס גענומען אין האַנט, האָט זיך אַרום זיין מויל אויסגעלייגט אַ צעקרימטער שמייכעל, און פון די אויגען האָבען זיך אַ שפּאַר געטאָן טראָפּענס טרערען, וועלכע האָבען באַנעצט זיין לעצטע גרעסטע „פּעידע״, פון דער גרעסטער פּראָספּעריטי, וואָס די גרעסטע וועלט־מלחמה האָט געבראַכט...

ראווקע

מיט ראווקען האָב איך זיך באַקאַנט אין דעם שאַפּ פון מאַרגאָלין און דזשאַקאָבי. ווען איך בין אַרויף אַהין אַרבעטען, האָט מען מיר געגעבען אַ מאַשין נעבען אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרען, אַ דיקלאַכען, אַ בלאָנדען, אַ פריינדליכען, וועלכער האָט מיר אויפגענומען מיט זייער אַ וואַרימען שמייכעל און מיט אַ גוטמוטיגען און קלוגען קוק פון זיינע גרויע אויגען.

ער האָט מיר באַלד גענומען העלפען מיט'ן איינשטעלען די מאַשין, מיר דערלאַנגט אַן אויל־קען, אַ שרויפענציער און ווען איך האָב ענדליך געקראָגען אַ באַנדעל פון איין דרעס מיט'ן סעמפּעל און איך האָב גענומען טאַפּען און באַטראַכטען דעם סעמפּעל אום צו פאַרשטיין ווי אַריינצוקריכען אין דעם מלבוש, האָט ער ביי מיר פון האַנט אַרויסגענומען דעם סעמפּעל און געהייסען זיך זעצען נייען און ער וועט מיר שוין אַלעס צייגען. איך האָב דעם מענשען אָנגעקוקט און אים ניט געקענט פאַרשטיין. אַזעלכען האָב איך נאָך קיינמאָל ניט באַגעגענט אין די שעפּער.

אַ צייט שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט אַז ער איז אַ ביאַליסטאָקער און איך האָב גענומען פאַרשטיין אַז די באַרימטע ביאַליסטאָקער גוטסקייט איז ניט קיין אויסגעטראַכטע מעשה. אַזאַ ראווקע האָט נאָר אַ ביאַליסטאָק געקענט אַרויסגעבען.

איך האָב מיט אים אין יענעם שאַפּ געאַרבעט אַ היפּשע צייט און מיר זיינען געוואָרען אמת'ע פריינד, חברים. וואָס ווייטער האָב איך אים אַלץ מער ליב געקראָגען פאַר זיינע פילע מעלות, וועלכע ער האָט פאַרמאָגט. זיין אָפענהאַרציגקייט איז כמעט געווען קינדעריש, און זיין געטריישאַפט צו מיר איז געווען ווי פון אַ פאָטער. ער איז געווען ערלאַך און אויסגעהאַלטען אין זיינע איבערצייגונגען. אַז ער

האָט ניט געגליכען מיינע אַ מיינונג, האָט ער מיך קריטיקירט גלייך אויפ׳ן פּלאַץ און פלעגט פּאַרענדיגען מיט רופען מיך טפּש, שוטה, און נאָך אַזעלכע סאָרטען אויסדריקע, אָבער אַלץ מיט׳ן גוטען שמייכעל. הומאָריסטיש, ווייך, אַזוי, אַז מיר איז גאָר ניט איינגעפאַלען צו באַליידיגען זיך.

אין בערגער׳ס שאַפּ האָבען מיר געאַרבעט אין דער צייט פון דעם ברודער קריג. ווען פּרעזידענט זיגמאַן איז געווען געצוואונגען צו רעאָרגאַניזירען די יוניאָן, און די אינטערנעשאַנאַל האָט געהאַט גרויסע שוועריגקייטען איינצוהאַלטען יוניאָן באַדינגונגען, און יוניאָן שעפּער אין דעם דרעס טרעיד. בערגער׳ס שאַפּ איז געווען אַ רעכטער, און ווערליג פאַר יענער צייט, האָבען מיר צימלאך גוט פאַרדינט אָבער מיר האָבען געהאַט עטלאַכע לינקע, און מיר האָבען זיך געשראָקען אַז זיי וועלען אונז געבען טראָבעל, זיי וועלען זוכען צו מאַכען אים פאַר אַ לינקען שאַפּ, און מ׳האָט געמוזט ווירקען אויף זייערע געמיטער, איינצושטעלען און אָפּקילען זייער פאַנאַטיזם. און עס איז ממש געווען צו באַוואונדערען ווי רוואוקע, מיט זיין גוטסקייט, מיט זיין שמייכעל, מיט זיין ווייכען הומאָר און סאַטירע, פלעגט זיי איינשטילען און איינפאַך אַרויסנעמען דעם ווינט פון זייערע זעגלען.

מיט זיין גאַנצער פרייליכקייט און גוטע שטימונג איז אָבער רוואוקע געווען דער גרעסטער אָרעמאַן אין שאַפּ. אַ פאַמיליע־מאַן מיט דריי קליינע קינדער. און דער ווינטער האָט זיך דאַן אויפגעשטעלט אַ שווערער און אַ קאַלטער. זיין אַלטער וואַרעמער מאַנטעל האָט זיך אַזוי אָפּגעטראָגען און אָפּגעריבען, אַז דער שטאָלצער רוואוקע האָט זיך געשעמט אים אָנצוטאָן, און ער איז געקומען אין שאַפּ אײנגאַנצען אָן אַ מאַנטעל. און ווען דער שאַפּ האָט דאָס דערזען, איז מען פאַר־ציטערט געוואָרען, מ׳האָט זיך געשראָקען אז ער וועט זיך פאַרקילען און קריגען ניומאָניע. און מען האָט אָנגעהויבען איינ׳טענה׳ן מיט אים, אַז ער מוז קויפען און אָנטאָן אַ מאַנטעל. און פילע אין שאַפּ, און צווישען זיי אויך דער באָס, האָבען אים פאָרגעשלאָגען אַן הלוואה. אָבער דער שטאָלצער קבצן האָט זיך אויסגעלאַכט פון אונז און געגומען

אונז איינריידען אַז עס איז גאָר געזינטער ניט צו וויקלען זיך אין וואַרימע זאַכען, אַז די וואָס גייען אום אימער לייכט אָנגעטאָן פאַר־קילען זיך קיינמאָל ניט.

און איין טאָג ווען עס איז געווען אַ היפּשע זאַווערוכע, און ראָוווקע איז געקומען אין שאָפּ אין זיין ליעטניק, זיינען אַלע געווען אַזוי אויפגעבראַכט און צעשרויפט אַז מען האָט זיך ניט געזעצט צו דער אַרבעט. און דער טשערמאַן האָט דערקלערט ראָוווקע'ן אַ סטרייק. דער שאָפּ וועט זיך ניט זעצען אַרבעטען ביז וואַנען ער וועט ניט קויפען אַ מאַנטעל. פון אַזאַ אַקציע האָט זיך שוין ראָוווקע ניט געקענט אַרויסדרייען מיט עפּעס אַ וויץ אָדער אַ מעשה׳לע. און אַ קאָמיטע איז אַוועק מיט אים אין קאַנאַל סטריט און מען האָט אים אָנגעטאָן אַ וואַרימען מאַנטעל.

און אַזוי ווי עס איז דאָך געשריבען — מצווה גוררת מצווה, אַזוי האָט טאַקע דער אויפטו געהאַט נאָך אַ גוטען רעזולטאַט. די פּאָר לינקע זיינען אַזוי באַגייסטערט געוואָרען פון דעם, אַז זיי זיינען נאָך דעם זעלבען פאַרנאַכט אַוועק מיט׳ן טשערמאַן און זיך רעגיסטרירט אין „זיגמאַנ׳ס יוניע״.

ראָוווקע אָבער האָט זיך אַ צייט ניט געקענט באַרואיגען און ער האָט אונז אַלץ אויפגעוואָרפען, אַז דאָס איז געווען אַן אומגעזעצ־לאַכער סטאָפּעדזש, און געסטראַשעט אַז ער וועט אונז נאָך נעמען צו דער גריוועַנס באָארד...

אין יענע צייטן

געווען איז דאָס אין אַ מאָנטאָג נאָכמיטאָג. איך מיין, די צייט איז געווען נאָכמיטאָג, ווייל ביי פילע פון אונזער גרופּע אָפּערייטאָרס איז גראַדע געווען פאַר מיטאָג. עטליכע האָב איך זאָגאַר חושד געווען אַז זיי האָבען נאָך ניט געהאַט קיין אָנבייסען, אויב מען זאָל זיי ניט אַריינרעכענען אין חשבון פון אַ מאָלצייט, וואָס זיי האָבען אויפגעגעסען אַ פּאָר מעסטלאַך סעמעטשקעס שטייענדיג אין מאַרקעט.

די גאַנצע גרופּע איז אויפגעשטאַנען יענעם מאָנטאָג באַגינען אום צו זיין אין צייט אין אויטאָמאַט, צו טרעפען זיך מיט באַקאַנטע, וועלכע אַרבייטען, טאָמער וועלען זיי קענען אַרויפנעמען צו דער אַרבייט, טאָמער דאַרף מען ביי זיי אין שאַפּ נאָך אַ האַנט.

די גליקליכע, וועלכע מיר האָבען געטראָפען יענעם פרימאָרגען האָבען אָבער אונז גאַרנישט געקענט העלפען. שטאַרק ביזי איז ביי זיי ניט געווען, נאָך העגט האָט מען אין זייערע שעפּער ניט געדאַרפט.

פעסימיסטיש און פאַרצווייפעלט זיינען זיי אָבער געווען מער פאַר אונז. די אַרבייט אין די שעפּער איז אַ שווערע. צוויי און דריי פּיס סוטלאַך, קאָמפּליצירטע סטיילס אַזעלכע, מיט קאָמבינייישאָנס, מיט ווייסע קאָלער און קאָפס, מ׳דאַרף בייטען די פעדים צוויי־דריי מאָל ביי יעדען גאַרמענט און מ׳ציילט דיר די שטעך, און עס מוז פיטען אויף דער פיגור, יעדעס פיצעלע מוז זיין קלין געפינישט און מ׳צאָלט די זעלביגע פערציג סענט ווי פאַר אַ געוויינליכע דרעס. מ׳דאַרף אַרבייטען מיט די זייטען צו פאַרדינען די צוויי אָדער דריי דאָלער אַ טאָג.

מאָדנע, דאַכט זיך, דו ביסט אין דער לאַין, און דו ווייסט אַלע צרות, קיין זאַך איז פאַר דיר קיין נייעס ניט און דאָך, אַז דו הערסט ווי איינער, אַ צווייטער און אַ דריטער דערציילט עס מיט

יאוש אין זיין בליק, האָפענונגלאָז, מוטלאָז, וואַרפט עס אָן אויף דיר אַ מורא, עס גייט אַריבער אַ סקרוך איבער׳ן לייב. עס דוכט זיך, אַז דו שטייסטביים ראַנד פון אַ אָפּגרונט און אָט, אָט, און דו וועסט אַהין אַריינגעשליידערט און פאַלסט דאָרטען אַרויף אויף אַ גאַנצער הורבע צוקריפּעלטע און צומורשטע גסיסה־קרעכצענדיגע נאָך זשיפּענ־דיגע נפשות.

פון אויטאָמאַט זיינען מיר אַ זייגער ניין אַרויס כאַפּען אַ שפּאַציר, וואָס דאָס מיינט, זוכען סיינס, קריגען אַ דזשאַב דורך אַ סיין, אָבער מיט׳ן מויל שעמט מען זיך דאָס אַרויסצוזאָגען איינער פאַר דעם אַנדערען. שטאָלצע קבצנים, יוניאָן לייט פון ניינצען־צען!

אַזאַ שפּאַציר געדויערט אַ פּאָר שטונדען, אָבער קיין רעזול־טאַטען ברענגט דאָס ניט. די סיינס זיינען מערסטענס פאַר דעם וויבערשען געשלעכט, פאַר „פּימיילס״ און ווען עס טרעפט שוין אַז די סיין דיסקרימינירט ניט געגען דעם מאַנסביל, איז דער דזשאַב אַזאַ נישטיגער, אַ פופצען־סענטיגע, אָדער אַ זיבעצען־סענטיגע דרעס, אַז אַ מאַן קען עס ניט אָננעמען, ווען ער איז אַפילו הונגעריג און פּטר׳ט אָפּ אַ דינער מיט אַ מעסטעל סעמעטשקעס.

פון דער סיין־זוכעניש דערוואַרט מען גאָרנישט גלייך פון אָנפאַנג אָן, אָבער מ׳וויל קומען אַהיים צו דער וויב און קינדער מיט אַ ריינעם געוויסען, טאָמער איז ערגעץ וואו געווען אַ דזשאַב און מ׳האָט עס פאַרנאַכלעסיגט.

דערווייל רוקט זיך דער זייגער צו צוועלף צו און מ׳מוז זיך איילען אין מאַרקעט אַריין.

דער מאַרקעט איז אַ וויכטיקע פונקציע ביי די אַרבייטסלאָזע. דאָרטען קריגט מען אויך נישט קיין דזשאַב, דערפאַר אָבער ווערט דאָרטען געדאַווענט דרעסמאַכערישע־יוניאָן־הויך־פּאָליטיק בצבור, דאָרטען טיילען די לינקע זייערע קאָלירטע שרייענדיגע ליפלעטס, דאָרטען שליידערען זייערע אַגיטאַטאָרס זייערע שאַרפע און גיפטיגע פיילען אויף די רעכטע פירער, דאָרטען הערט מען אַלע הינטער־קוליסען פּאָליטיק פוןביידע יוניאָנס, און אויך פון דער דריטער, ניט רעגעלער יוניאָן, פון דער הונדערטער יוניטי קאָמיטע. דאָרטען

אין מאַרקעט, שלינגט מען דאָס די געטריקענטע, נאָך כמעט וואַרימע יאָדרעס, צוזאַמען מיט די באָבע מעשיות, וואָס די קנאים און פאַנאַטיקער פון בײדע לאַגערן דערציילן אײנע אויף די אַנדערע.

נאָך אַזאַ נאַרמאַלען האַלבען טאָג אַרבײטסלאָזע אַרבײט זײנען מיר אַרײנגעפאַלען אין דער יוניאָן אַרײן, און נאָכדעם ווי מ׳האָט געשטילט דעם הונגער מיט אַ געזאַלצענעם בײגעל, פאַרטרונקען מיט אַ קאַלטע גלאַז וואַסער און מ׳האָט פאַררויכערט אַ סיגאַרעטל, האָט זיך בײ דער עולם צובונדען די צינגער און מ׳האָט גענומען דערציילען מעשות און אַנעקדאָטען.

— איר רעדט פון די אַמאָליגע סוועט שעפּער, רעדט איר, — רופט זיך אָפּ בעני, — אַט וועל איך אײך דערצײלען וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט לעצטע וואָך אין אַ שאַפּ, וועט איר זען אַז דער הײנטיגער סוועט שאַפּ איז טראַגישער און עקלהאַפטער ווי דער אַמאָליגער איז געווען. לעצטע וואָך בין איך אַרויף אַרבײטען אין אַ שאַפּ נאָך אַ סײן נאָך, אויף דער פיגור, צו וועלכער דער באָס האָט מיך צוגעפירט, איז געהאַנגען אַ גאַנץ שײנער, גלאַט געפינישטער סוטעל, טײלאָר מײד. אין די גוטע צײטען וואָלט עס געקאָסט אַ צווײ דאָלאַר אָפּערײטען.

„דאָס קאָסט אַ קוואָדער, און מ׳דאַרף עס מאַכען גלאַט, און אויב איר ווילט, קענט איר זיך זעצען אַרבײטען", זאָגט צו מיר דער באָס, אַזאַ געזונטער, כוואַטסקער, נאָך גאַר אַ יונגערמאַנטשיק. דרויסען האָט געסטראַשעט אַ רעגען, אין קעשענע איז אַ גראָשען ניטאָ, מענשען, פרויען און מענער, זיצען און אַרבײטען, אַ שער אין פּאַקעט איז דאָ, האָב איך זיך אויסגעטאָן און זיך גענומען צו דער אַרבײט. מײן אַרבײט איז דעם באָס געפעלען. בין איך געבליבען אַרבײטען. איך האָב געענדיגט דעם טאָג און בין געקומען אויך אויף מאָרגען. איך זיץ און אַרבײט און זע, אַז עס איז עולים ויורדים. דער שאַפּ איז עפּעס אַ מין קרעטשמע. אַרײן און אַרויס, קײנער וואַרימט זיך אַפילו ניט אָן. מ׳מאַכט אָפּ דעם ערשטען גאַרמענט אָדער נאָך אײנעם און מ׳גײט, ווײל עס איז אוממעגליך צו פאַרדינען. דו קענסט זיך אַפילו ניט באַקענען מיט דער פיזיאָנאָמיע פון די מענשען.

וועגען באַפריינדען זיך איז אָפּגערעדט. דער סיין אונטען איז אימער דאָ, און אויב עס איז נאָר דאָ אַ לײדיגע מאַשין, זעצט דער באָס דיך אַוועק צו דער אַרבייט, און אַז דו זאָגסט אים אַז דו גייסט אַוועק, נעמט ער ביי דיר צו די טיקעטס און באַצאָלט דיר גלייך אויפ׳ן אָרט און באַלד ביסטו שוין אונטען. און אַזוי מאַכט דער חברה׳מאַן אויף זיין אַרבייט. דער וועטער, ווייסט איר דאָך, איז געווען אַ פּאַס־קודנער לעצטע וואָך, אַרומדרייען זיך אין גאַס איז געווען אוממעגליך. בין איך געזעסען און געאַרבייט. דערווייל האָב איך זיך אַרויפּ־געאַרבייט אויף זעקס דרעסעס אַ טאָג, — אַ דאָלאַר און אַ האַלב אַ טאָג איז טאַקע פאַרדאַמט ווינציג, אָבער עס איז דאָך בעסער ווי גאָרנישט. דער באָס איז אַ יונגאַטש, וועלכער לאָזט נייען, ער נודיעט ניט. דו מאַכסט פאַרטיג די אַרבייט, דערלאַנגסט אים, כאַפּט ער אַרויס איינס פון באַנדעל, גיט עס אַ טו אַן אויף דער פיגור און אויב עס איז נאָר ביים וועג, גיט ער אַ צווייטען באַנדעל. ער קוקט זיך צומאָל ניט איין אויף דיין פּנים. ער באַדערט זיך גאָר ניט מיט׳ן מענשען. אים גייט נאָר אין אַרויסקריגען די אַרבייט. אין גאַס וואָלט ער מסתּמא די מערסטע פון זיינע אַרבייטער גאָר ניט דערקענט. נאָך דינער בין איך אַריין אין טאַילעט פאַררויכערען אַ סיגאַרעט און איך האָב זיך גראַד פאַרזאַמט אַ ביסעל לענגער. אַריינקומענדיג צוריק אין שאַפּ, האָב איך, צו מיין ערשטוינונג, געטראָפען אַ שיקסע אויף מיין פּלאַץ, זיצענדיג און נייענדיג אַ נאָר־וואָס אָנגעפאַנגענע דרעס. די מיידעל איז אַרויף נאָך דעם סיין נאָך, און דער באָס, זעענדיג אַ לײדיגע מאַשין, האָט איר אַוועקגעזעצט צו דער אַרבייט. אַז איך האָב געפרעגט דעם באָס, היתכן? האָט ער זיך נאָך צושריגען אויף מיר, אַז ער האַלט אַ שאַפּ אויף אַרבייטען, אָבער ניט אויף אַרומצושפּילען זיך.

— אין דעם שאַפּ וואו איך האָב לעצטע וואָך געמאַכט אַ דזשאַב, האָט אויך פּאַסירט אַ מאָדנער אינצידענט, — האָט מאָריס זיך אָפּ־גערופען, נאָך אַ קורצען שטילשווייגען. — איך בין אַריינגעפאַלען אין אַ שאַפּ אויף דער 26טער גאַס, ביי אַ זיבעצען־סענטיגע דרעס. דאָרטען הייבט אויך דער סיין טאָג ווי נאַכט און מ׳גייט אַרויף און אַראָפּ.

דער עולם וואָס אַרבייט דאָרטען איז אַ געמישטער — אידען, איטאַליענער, שפּאַנישע און שוואַרצע. יענעם אינדערפרי איז אַרויף אַן איטאַליענער און דער באָס האָט אים אַוועקגעזעצט צו דער אַרבייט. דער אָרימער יונג האָט אויסגעקוקט מיד און פאַרמאַטערט און צו־טומעלט. מסתמא האָט ער זיך גענוג אָנגעקלאַפּט די פיס ביז וואַנען ער האָט דערטאַפּט דעם סיין. ער האָט זיך גענומען צו דער אַרבייט, אָבער עס איז אים ניט געגאַנגען. דאָ האָט זיך אים אָפּגעריסען דער אונטערשטער רימען פון דער מאַשין, דאָ דער אויבערשטער, דאָ האָט זיך צובראָכען די נאָדעל. דערווייל איז ער געוואָרען אַלץ נערוועזער און ער האָט געמאַכט פעלערען און ער האָט געמוזט געוויסע טיילען אויסטרענען.

קוים מיט צרות האָט ער פאַרטיג געמאַכט די ערשטע דרעס און דערלאַנגט דעם באָס. דער באָס האָט די דרעס אַרויפגענומען אויף דער פיגור, איר גענומען באַטאַפּען, באַשמעקען און ענדליך צייגט ער אָן דעם איטאַליענער אַז די אַרבעל זיינען ניט ריכטיג איינגעגייט. זיי שטייען צופיל צום רוקען. „די סליוו נאָ גוד?" האָט דער איטאַליענער אַ צוקאָכטער גענומען שרייען און פון זיינע אויגען האָט גענומען שיסען פייער — סעווענטין סענטס, סליוו נאָ גוד! — און אַ צופלאַמטער, אַ צואווילדעטער, האָט ער אַ ריס געטאָן איין אַרבעל און אַ צווייטען און זיי געשטופּט דעם באָס אין פּנים אַריין. אין שאַפּ איז געוואָרען אַ טומעל. מ'איז צוגעלאָפען און מ'האָט געהאָלפען איינשטילען דעם איטאַליענער און זען וואָס גיכער אַרויס'פּטר'ן אים פון שאַפּ. און שוין זייענדיג ביי דער טיר, האָט ער אַלץ געשריגען: „סעווענטין סענט, ען סליוו נאָ גוד, דזשו באַסטאַרד!"

— און מיינע אַ צוויי וואָכיגע עקספּיריענס אין אַ ברוקלינעם סוועט שאַפּ איז אויך עטוואָס וואָס איז ווערט צו דערציילען, — האָט זיך בערמאַן אָנגערופען און עפּעס ווי אַ פּינצטערע כמאַרע האָט זיך פאַרצויגען איבער זיין פּנים — דורך די רעקאָמענדאַציע פון מיינעם אַ קרוב האָב איך געקראָגען אַ דזשאַב ביי קלאָוקס. איר ווייסט דאָך, איך בין אַ געוועזענער קלאָוקס אָפּערייטאָר, נאָך ניט פאַרגעסען יענע

תורה אויך. דער שאָפּ איז אין אַ פּאַרוואָרפענעם געגענט אין אַ פּאַרעלטערטע בילדינג אַ האַלבע חורבה אָן אַן עלעוויטאָר אָן סטים מיט הילצערנע שטיגען און אַ שמוציגען פינסטערען האָל. שוין פון דעם אויסזען פון דער בילדינג אַליין איז מיר געוואָרען קאַלעמוטנע אויפ׳ן האַרצען און איך האָב געקראָגען קאַלטע פיס. איך האָב זיך אָבער געמאַכט האַרץ און איך בין אַרויף. און וואָס זאָל איך אייך זאָגען, מיין שרעק איז נישט געווען אומזיסט. דער שאָפּ איז געווען אַ לעבעדיגע בילד פון דעם אַמאָליגען, צוריק מיט דרייסיג יאָריגען ערגסטען מין סוועט שאָפּ, מיט פּאַרוואָקסענע, שוין פון יאָרען ניט געוואַשענע שויבען, מיט אַ שמוציגען פון וואָכען ניט אויסגעקערטען פּאַראוילטען שוואַרצען הילצערנעם דיל, מיט אַ גרויסען אַלטען פאַר־זשאַווערטען אויוועך אין מיטען שאָפּ וועלכער האָט מער געראויכערט ווי געברענט. היינט די ענגשאָפט — אַלע אָפּטיילונגען זיינען געווען ווי אויסגעמישט אינאיינעם, ווי איין טינט־פלעק אויף אַן אַלטען שמוציגען בויגען פּאַפּיר, און איבער אַלעם דעם איז געהאַנגען אַ רויך און אַ שטויב און אַ בראַזגעריי פון די אַלטע סקריפּענדיגע מאַשינעריי.

איך בין געבליבען שטיין אַ פאַרווירטער, אַ פאַרלאָרענער, און איך האָב ניט געוואוסט וואָס אָנהויבען צו טאָן. צו מיר איז אָבער באַלד צוגעקומען אַ מענש אַ הינקעדיגער, איין אַקסעל העכער פאַר׳ן צווייטען מיט אַן אויסגעקרימטען קאָפּ מיט זייער אַ צוקרימטען מויל און האָט מיר געפרעגט וואָס איך פאַרלאַנג. דאָס איז געווען דער באָס.

נאָך דער געוויינליכער פּראָצעדורע פון אויספרעגען, ווער עס האָט מיר געשיקט און צי בין איך עקספּיריענסד אין דער ליין אַרבייט, האָט ער מיר אָנגענומען. אַזאַ מאַשין, צו וועלכער מ׳האָט מיר צו־געפירט און געהייסען איינאָרדנען און זיך זעצען נייען, האָב איך שוין ניט געזען פאַר יאָרען און יאָרען. מיר איז גאָר ניט איינגעפאַלען, אַז אַזעלכע מאַשינען עקזיסטירען נאָך אין אַמעריקע. עס האָט מיך גענומען אַ פּאָר טעג ביז איך האָב זיך צוגעוואוינט צו איר און אויסגעפונען דעם וועג ווי אָנצוגיין מיט איר, דער יאַק, וואָס איך

האָב גענייט, האָט געקאָסט 40 סענט און צוריק מיט אַ פאַר יאָר וואָלט איך די פעלערינקע אַליין, וואָס איז געגאַנגען מיט׳ן יאַק, פאַר קיין דאָלאַר און אַ האַלב ניט געמאַכט. ווען אימיצער זאָגט מיר מיט צוויי יאָר פריער אַז איך וועל נייען פאַר פערציג סענט אַזאַ בגד אין אַזאַ שאַפ אויף אַזאַ מאַשינדרע און אַרום מיר אַזאַ מין ערב־רב און מיין באָס, אָט דער פאַרשוין מיט׳ן אָפשייליכען אויסגעקרימטען מויל, וואָס קערט אויס גרין און גאַל יעדען מאָל וואָס איך גיב אַ קוק אויף אים, וואָלט איך יענעם געהאַלטען פאַר משוגע און חסר־דעה. מיינע שכנים, פאָטער מוטער און טאָכטער — געזונטע האָרעפאַשנע גוים, האָבען אַלע טאָג געבראַכט אַ גאַנצען זאַק מיט עסען, און ביז׳ן אַהיים גיין, וואָס איז געווען אַרום ניין אַזייגער ביינאַכט, האָבען זיי דאָס פאַרצערט ביז׳ן לעצטען ברעקעל. די פערטע איז געווען אַ יונגע מאָגערע נערוועזע און צושראָקענע איטאַליענערקע פון אַ יאָר עטליכע און צוואַנציג וועלכע האָט כמעט אַלע טאָג גע׳חלש׳ט ביי דער אַרבייט, און די דריי, פאָטער מוטער און טאָכטער, פלעגען איר אָפמינטערען, און יענע, ווי ניט איר מיינט מען, פלעגט זיך גלייך ווידער זעצען צו דער אַרבייט. חלש׳ן פלעגט זי פון אַלץ, אַפילו צוליב אַזאַ קליינינקייט ווי אַז דער שיק־אינגעל האָט מיט אַמאָל אַרויסגעשאָטען אַ באַנדעל היינגערס צו די פרעסערס אין קערבעל אַריין, אָדער אַ פייערוואָגען איז פאַרבייגעלאָפען מיט אַ פייפעריי און געפילדער, צי דער באָס האָט זיך פלוצלונג צושריען אויף אימיצען, צי אַ סוויטש האָט אויסגעברענט און עס האָט אַ בליץ געטאָן איבער׳ן שאַפ. איך האָב דאָרטען געאַרבייט צוויי וואָכען. אָבער איך האָב געמוזט אַוועקגיין. די אַטמאָספערע האָט מיר שיער ניט דערשטיקט. איך האָב געפילט אַז איך גיי אַרונטער פון זינען, און אָט וועל איך זיך אַ ריס טאָן פון דער טעמפער פאַרזשאַווערטער סקריפענדיגער מאַשין און וועל זיך אַרויסוואַרפען דורך דעם פאַרשטויבטען און מרה־שחורה אָנוואַרפענדיגען אַנטקעגענדיגען פענסטער.

מיין אינגערע שוועסטער און מיין עלטערער ברודער

זי, מיין אינגערע שוועסטער, אַ יונגע פרויקע אין די דרייסיגער, אַ לייכטע, אַ גלייכע, אַ גראַציעזע, פאַרנעמט די מאַשין צו מיין רעכטער האַנט. ווען זי קומט אַריין אין שאַפּ און זי האָט זיך איבער־געטאָן אין דער דרעסינג רום, קומט זי צו צו דער מאַשין מיט אַ לייכטן, גראַציעזן גאנגעלע און האָט כמעט אימער אַ פריינטליכען וואַרימען שמייכעל פאַר מיר און די איבעריגע נאָענטע שכנים, און זי זשאַלעוועט ניט קיין בריטליכען גוט־מאָרגען מיט איר האַרציגער סאָפּראַנאָ שטימעלע.

לאַנגזאַם און געלאַסען זעצט זי זיך אַנידער אויף דער שטול, לייגט אַוועק איר האַנטבייטעל אויף אַן אָרט, נעמט אַרויס איר שערעל פון שיפלאַדל און לייגט עס אַוועק אויף דער מאַשין און נעמט זיך געלאַסען צו דער אַרבייט. נאָכדעם ווי זי אַרבייט אַפּ אַ שטיקל צייט הייבט זיך געוויינליך אָן עפּעס אַ שמועס צווישען אונזערע פיר נאָענטע שכנים און זי, מיין אינגערע שוועסטער, האָט וואָס צו זאָגען. זי באַזיצט אַ שאַרפען, שפּילעוודיגען שכל, און זי האָט אימער פּונקט די ריכטיגע ווערטער אַרויסצוברייגגען אירע געדאַנקען אין די סאַמע קירצסטע זאַצען. זי האָט אַ מאָדנעם טאַלאַנט אַרויסצורופען גע־שפּרעכען. פון אַלעס, פון אַ קלייניגקייט, ווערט ביי איר אַ טעמע פאַר אַ לייכטער, אַמוזירענדער דיסקוסיע. און אַזוי אַרום, אַ דאַנק מיין אינגערער שוועסטער, זע איך זיך גאָר ניט אַרום ווי עס איז אַריבער דער ערשטער האַלבער טאָג, און איך בין אַנגענעם איבערראַשט ווען מאַקס, וועלכער זיצט פּונקט קעגען דעם שאַפּ זייגער, גיט שוין

דעם סיגנאַל, צוויי פּעטש איבער׳ן טייבעל פון מאַשין, צום שאַפּ טשערמאַן, ער זאָל אָפּשטעלען די עלעקטריק.

מיין אינגערע שוועסטער איז זייער אַ גוטע אָפּערייטאָרקע, און עס איז אָנגענעם און ניצליך צו כאַפּען אַ קוק ווי זי אַרבעט, צו כאַפּען דעם שניט פון אירע וועגען און מעטאָדען אין דער אַרבייט. און זי איז גאַנץ ברייטהאַרציג און איז גערן דיר צו ערקלערען ווי אַזוי צן מאַכען דאָס און ווי אַזוי אַרויסצובברענגען יענעס. זי האָט אימער צייט פאַר דעם.

מיין אינגערע שוועסטער איז אַ גאַנץ גוטע יוניאָן־לידי אין שאַפּ, נאָר אויך דעם באָס גיט זי אַ „סקווער דיל״. זי זוכט זיך ניט צו תנפ׳ענען צו אים און זי זוכט ניט צו טשעפּען זיך צו אים. זי דיינקט, אַז קיין הונדערט פּראָצענט יוניאָן קאַנדישאַנס קען מען ניט קריגען, אַזוי גוט ווי מען קען קיין הונדערט פּראָצענט אין אַלע איבעריגע זאַכען אין לעבען ניט באַקומען. די יוניאָן נעמט זי אָן ווי אַן עקזיס־טירענדער פאַקט, וועלכער ברייגגט נוצען און מען דאַרף באַצאָלען דערפאַר, און ווי אַלע זאַכען אויף דער וועלט, האָט עס מעלות און חסרונות. אָבער צו קאָכען זיך איבער דעם דאַרף מען ניט.

מיין אינגערע שוועסטער באַזיצט אַ סך טאַקט און איינגע־האַלטענקייט. ווען די טיילער קאָמיטע טראָגט איר צו איר חלק אַרבייט, פאַרפעלט זי ניט צו באַדאַנקען זיי דערפאַר, און זי איז זייער פאַרזיכטיג און איינגעהאַלטען מיט מאַכען איר קאָמפּליינט, אויב זי דיינקט, אַז זי איז געקריוודעט געוואָרען.

מיין אינגערע שוועסטער איז מייסטענס גאַנץ פריילעך ביי דער אַרבייט, און גאַנץ אָפט זינגט זי אונטער עפּעס אַ פאָלקס־לידעל, אַ וואַלצעל אָדער גאָר אַ שטיקעל אָפּערא מיט איר דינינקער אָבער האַרציגער סאָפּראַנאָ שטימעלע.

איך גלייך איר, מיין אינגערער שוועסטער, זי געפעלט מיר. מיר האָבען זיך גאַנץ גוט צוזאַמענגעלעבט, און מיר זיינען געוואָרען אמת׳ע פריינד. און אַז זי איז אַ מאָל ניטאָ, פעלט זי מיר אויס, עס איז אומעטיג אָן איר.

מיין עלטערער ברודער, אַ איד אַרום אַ יאָר פופציג, מיט אַ ביסעל אַן איינגעבויגענער פּלייצע, פון כמעט פערציג יאָר נייען און שטעפּען און קוקען אין דער לעכעל פון דער נאָדעל, און מיט אַ מויל און ליפּען וואָס דערמאָנען אייך אָן אַ פאַרפּעשטשעטען בן־יחיד, וואָס מוז אַלץ אויספּירען, איז מיין נאָענטער שכן צו מיין לינקער זייט.

מיין עלטערער ברודער קומט אין שאָפּ־געגענט גאַנץ פרי, און ער גייט אַראָפּ אין אויטאָמאַט און זעט זיך מיט אַלע ברידער, און ער דערציילט און הערט אויס אַלערליי מעשות, פלאָטקעס און רכילות פון די ברידער. פון דער יוניאָן און פון די בעאַמטע, און דערוויל שלינגט ער אַריין אַ פּאָר ראָלס מיט קאווע און ער איילט זיך אין שאָפּ אַריין. נעבעך שאָפּ מוז ער נאָך אַריינכאַפּען אַ פּאָר ווערטער מיט די ארבייטער פון די איבעריגע פלאָרס, און איבער׳חזר׳ן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אַז מען מאַכט ניט קיין לעבען און אַז די יוניאָן טויג אויף אַ כפּרה.

און אַזוי אַן אנגעפּויזטער מיט ראָלס און קאַפע, און מיט אַלער־ליי באָבע־מעשות, גייט ער אַרויף מיט׳ן עלעווייטאָר אין שאָפּ אַריין. אויסטוענדיג דעם רעקעל, דערזעט ער דערוויל, ווי קאָהען נעמט פאַנאַנדער אַ גאַנץ היפּשען באַנדעל פון איין קאָליר, וועלכער קוקט אויס מיין עלטערען ברודער נאָך גרעסער אין די אויגען ווי ער איז, און ער לויפט שוין אַן אויפגערעגטער צו זיין מאַשין זען וואָס די קאָמיטע האָט אים צוגעטיילט. און דערזענדיג זיינע צוויי קליינע באַנדלעך און נאָך צוויי קאָלירען דערצו, איז ער שוין אויסער זיך פאַר כעס. דאָס וואָס קאָהען איז אַ סלאָוער און ער איז הינטער־שטעליג אין דער אַרבייט, און ער, מיין עלטערער ברודער, האָט שוין די וואָך אַריבערגעיאָגט אַלעמען, דאָס גייט אים ניט אָן און עס איז פאַר אים קיין תירוץ ניט. מיט כעס און רוגזה גיט ער זיך אַ זעץ אויפ׳ן שטול. מיר וואַרפט ער צו, אָנשטאָט אַ גוט־מאָרגען, אַ גאַנץ בייזען און שטרענגען בליק. ווייל איך בין שולדיג אין זיינע אויגען, שוין מיט דעם אַליין, וואָס איך נעם זיך ניט אָן פאַר אים, און זייענדיג זיין נאָענטער שכן האָב איך דערלאָזען אים צו באַ׳עולה׳ן. ער אַרבייט

מיט אימפעט, מיט כעס, און דערוויייל פאַרטשעפּעט ער די שער און זי פאַלט אַראָפּ אויפ'ן פלאָר, און ער באַשולדיגט מיך, אַז איך האָב דאָס אַראָפּגעוואָרפען זיין שער, אז איך בין אומגעלומפּערט, און ער גיט מיר אַ לעקציע אין דער מידה פון פאַרזיכטיגקייט.

מיין עלטערער ברודער געטרויט קיינעם ניט אין שאָפּ. יעדעס מאָל וואָס די טיילער קאָמיטע טיילט אויס די אַרבייט, איז ער שוין נעבען זיי און היט מ'זאָל אים ניט אָפּנאַרען, קוקט נאָכאַמאָל אַריין אין דעם פּייפּער וואו אַלעס ווערט פאַרשריבען, און נאָך די אַלע זאַכען איז ער דאָך חושד, אַז מ'האָט אים עֶרגעץ וואו אָפּגענאַרט. די פּאָדעם וואָס ער נוצט ניט באַהאַלט ער בחדרי חדרים, און מעג זיך אימיצער אַרומדרייען און פאָדערען די קאָלירען, וואָס ער האָט באַהאַלטען, וועט ער זיך ניט אָפּרופען און עס יענעם ניט געבען. פון לייען אימיצען געצייג איז אָפּגערעדט. ווען אימיצער פרעגט אים ווי אַזוי עפּעס ווערט געמאַכט, וועט ער זיך מיט אַלערליי תירוצים אַרויסדרייען און יענעם ניט זאָגען און ניט צייגען.

ווען מיין עלטערער ברודער איז אויפגעלייגט, ווערט ער הומאָ־ריסטיש און ער נעמט אַרויס פון זיין באַגאַזש די עטליכע ציינישע וויצען און אַנעקדאָטען, וואָס ער פאַרמאָגט, און וואָס ער האָט זיי אויף זיין לעבען שוין טויזענד מאָל איבערגע'חזר'ט, און ער דער־ציילט זיי ווידער אַמאָל, און ער פאַסמאַקעוועט זיך מיט זיי און קוועלט אָן פון זיי.

מיין עלטערער ברודער איז אַ הייסער און שטרייגער יוניאָן מאַן, און ווי אַ הייסער און שטרייגער טאַטע, לאָזט ער ניט דורך די קלענסטע עולה אָן אַ שטראָף. פאַר יעדע קלייניגקייט מוז מען נעמען אויפ'ן בענקעל און אַריינצייילען די געהעריגע פאַרציע שמיץ. ער איז אַ גרויסער מקפיד, און פאַרלאַנגט ניט ווייניגער ווי הונדערט פּראָצענט יוניאָן קאָנדישאָנס אין שאָפּ, און הונדערט פּראָצענטיגען יוניאָניזם פון זיינע ברידער און פון זיינע בעאַמטע. צוויי פון זיינע פּרינציפּען זיינען: רייבען אַ מאָרדע די בעאַמטע און דערגיין די יאָרען דעם באָס. אַז איינער קריגט זיך ניט אַרום מיט'ן באָס, איז ער אַ לעקער, אַ חונף.

אין שאָפּ און אויסערן שאָפּ

איך האָב אים פיינט, מיין עלטערען ברודער, איך קען אים ניט סובל זיין. און פּונקט ווי אויף מיין רעכטער זייט איז ליכטיג וואַרים און זונענשיין, אַזוי איז אויף מיין לינקער זייט פאַרכמאַרעט, קאַלט, ווינטיג און אָסיענדיג.

די פינסטערע פוירלאָ

אייב בערגמאַן, אַ „שיפּינג באָי" אין דער קלאָוק־פירמע פון „בּאַראַץ ענד קאָמפּאַני", אַ פּשוט׳ער אידיש־אַמעריקנער ניו יאָרקער בּחור, וועלכער האָט זיך קוים דורכגעשטופּט דורך האַי־סקול און איז אַוועק אין שאַפּ און זיך אין אַ פּאָר יאָר אַרויפגעאַרבעט אויף דרייסיק דאָלאַר אַ וואָך, איז גלייך, אין די ערשטע טעג פון דרעפט, צוגענומען געוואָרען אין דער אַרמיי. ער האָט זיך צעקושט און געזעגענט מיט זיין וויינענדיגער מאַמען און מיט זיין „גוירל פרענד", זיין „סוויטהאַרט", ראָזע, און איז אַ צערודערטער, מיט צעמישטע געדאַנקען, אַוועק דינען.

אייב איז געווען אַ גוטער „שיפּינג באָי". אין דער פירמע „ב. ענד קאָ." און אַ גוטער סאָלדאַט אין דער אַרמיי. און איצט, נאָך צוויי און אַ האַלב יאָר דינסט אין די ווילדערנישען פון די פּאַסיפישע אונזלען, האָט ער געקראָגען פון אַנקעל סעם אַ כשר פּאַרדינטען „פוירלאָ". און אַט איז אייב צוריק אין די סטייטס.

די ערשטע זאַך וואָס אייב טוט איז לויפען טעלעפאָנירען זיין מיידעל, אַז ער איז דאָ און אַז ער וועט אין אַ וואָך אַרום זיין ביי איר. אָבער ווי דערשטוינט איז ער געוואָרען, ווען איר מאַמע האָט געענטפערט זיין אָנרוף, און אים געבעטען ער זאָל ניט קומען צו איר טאָכטער, ווייל זי איז „ענגיידזשט" צו אַ צווייטען. זי האָט דאָס אים ניט געקענט שרייבען פריער, ווען ער איז געווען אויף יענער זייט ים אין אַקטיווען דינסט. זי האָט קיין האַרץ ניט געהאַט. אָבער איצט מוז ער דאָס וויסען. און זי בעט אים ער זאָל איר טאָכטער מוחל זיין, זאָל ניט קומען באַזוכען און ניט שרייבען מער.

אייב איז אַוועק פון טעלעפאָן־ביידעל אַן איינגעבויגענער, אַ צענויפגעקאָרטשעטער, ווי אימיצער וואָלט אים מיט עפּעס שווערעס

דערלאַנגט איבער'ן קאָפּ. עפּעס האָט זיך דאָרט אינעווייניג אין האַרצען איבערגעריסען. ער האָט אַזעלכעס ניט דערוואַרט און פאַר אים איז דאָס געקומען אַזוי פּלוצלינג.

פאַר די גאַנצע צוויי און אַ האַלב יאָר איז איר געשטאַלט ניט אָפּגעטראָטען פון אים. ער האָט איר שטענדיג געהאַט אין זיינע געדאַנקען. זי איז געווען מיט אים אין אַלע שלאַכטען. איז געווען זיין חבר אין די אַלע איינזאַמע נעכט, אין די פייכטע און קאַלטע פוקסען־לעכער. און ער איז געווען אַזוי זיכער, אַז זי איז זיין מיידעל, אַז זי וואַרט פאַר אים. זיינע חברים, וועלכע האָבען קיינע געליבטע ניט איבערגעלאָזען, האָבען אים מקנא געווען. ער פילט זיך איצט ווי אַ נאַר, ווי אַן אָפּגעשמיסענער אינגעל. ער שעמט זיך אַ קוק טאָן אין שפּיגעל אויף זיין אייגענעם פּנים. ער שעמט זיך צו באַגעגענען זיינע חברים. אים דוכט זיך אַז אַלע לאַכען פון אים, אַז אַלע וויסען ווי טייער ער האָט די גאַנצע צייט געהאַלטען איר בילד אין זיין בוזעם־קעשענע.

איידער ער איז אַוועק אין דער אַרמיי איז ער גאַרניט געווען אַזוי פאַרליבט, אַזוי פאַרקאָכט אין איר; ווען זי לאָזט אים דאַן איבער, וואָלט ער גאָר אַ קנאַפּען צימעס זיך געמאַכט דערפון. מען טרעפט זיך מיט אַנדערע מיידלאַך, און יענע גייט לאַנגזאַם אַרויס פון דיינע געדאַנקען, פון דיין האַרץ. אָבער איצט, נאָך צוויי און אַ האַלב יאָר אין די דזשאַנגעלס, איז אַלץ דאָך אַנדערש... דאָרטען ווערט דיר דיין מיידעל טייערער, איינגעבאַקענער אין האַרצען מיט יעדען טאָג. דו זעסט ניט קיין אַנדערע, און דו קומסט ניט אין קאָנטאַקט מיט אַנדערע, און זי איז פאַר דיר די איין־איינציגע. דו קלערסט און טראַכט שטענדיג פון איר. און כאָטש דו ביסט פון איר טויזענטער מייל ווייט, איז זי נאָענטער צו דיר ווי דו וואָלסט געווען אין איין שטאָדט, אין איין הויז.

אייב פילט, אַז ער קען ניט בייז ווערען אויף איר, אויף ראָזען. ער קען איר ניט אָנהויבען האַסען און באַטראַכטען ווי אַ פאַרעטערין. קיין אייביגע ליבע האָט זי אים ניט געשוואָרען, און פאַרהייראָט זיינען זיי דאָך ניט. אוודאי געטראָפען אַ שענערען, אַ קליגערען פון אים.

עס איז דאָך שוין צוויי און אַ האַלב יאָר, אַז זי האָט אים ניט געזען, און פאַר אַזאַ לאַנגער צייט קענען פּאַסירען אַ סך זאַכען. ניו יאָרק איז ניט ניו־גיני... און ווער איז ער דאָס, אַז זי זאָל וואַרטן אויף אים. געווען אַ „שיפּינג באָי" און איצט — אַ צערודערטער סאָלדאַט. און ווער ווייס ווי לאַנג די מלחמה וועט געדויערען. ער האָט דאָך געזען מיט וואָס פאַר אַ פאַנאַטיזם די „דזשעפּס" קעמפען. ער האָט מורא, אַז מ'וועט זיך דאַרפען שלאָגען מיט אַלע אַכציג מיליאָן יאַפּאַנעזער אויף אַלע טויזענט אינזלען פון דעם פּאַסיפיק.

ווען אייב בערגמאַן איז אָנגעקומען אין ניו יאָרק, און ער האָט אָנגעהויבען באַזוכען זיין משפחה, זיינע פריינט, איז ער נשתומם געוואָרען פון דער ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען אין די פאַר יאָר וואָס ער האָט געדינט. דער „שיפּינג באָי" אויף זיין פּלאַץ קריגט איצט זעכציג דאָלאַר אַ וואָך. די באַלעבאַטים זאָרגען גאָר וואָס צו טאָן מיט די ריזיגע פּראָפיטען, וואָס זיי מאַכען. זיי איז אַ ווייטאָג אויסצוצאָלען דער רעגירונג אַזוי פיל אין שטייערען. אין רעסטאָראַן לאָזט מען איבער קוואָדערס און האַלבע דאָלאַרס דעם ווייטער. אַרבעטער טראָגען זיבען־אַכט דאָלאַרדיגע העמדער, דריי דאָלאַרדיגע קראַוואַטען. ווייבער, פון אַמאָל גאַנץ קליינע ביזנעסלייט, טראָגען הונדערט דאָלאַרדיגע דרעסעס און טויזענט דאָלאַרדיגע פּוטער־מאַנטלען. עס גייט אָן אַ וואַקכאַנאַליע פון אויסגעבען געלט, ביי די ווייבער גייט אָן אַ געיעג ווער עס וועט קענען פאַרשווענדען מער געלט...

זיין ראָזע האָט ניט געקראָגען אַ שענערען, אַ קליגערען פון אים. זי האָט אים אויסגעביטען אויף דעם קאָסאָקען דזשאָ, דעם טויגעניכטס, וועלכער האָט ניט געוואָלט און ניט געקענט האַלטען קיין דזשאָב, און איז גאַנצע טעג אָפּגעלעגען אין די פּול־רומס (ביליאַרד), און ווען די דרעפט־באָארד האָט געקרויגנט מיט עף־בי...

אָבער פאַר דער צייט וואָס אייב איז געלעגען אין די נאַסע און קאַלטע פוקסען־לעכער, האָט דזשאָ, דער גאַרניט, געמאַכט שווערע טויזנטער אין שוואַרצען מאַרק, און ער איז איצט אַן עושר. ער האָט לעצטע וואָך געהייראָט מיט ראָזען, און איר באַהאַנגען מיט צירונג

און פוטערוואַרג אין ווערט פון טויזענטער, און איצט, אויף זייער „האָניג־חודש”, פאַרווײַלען זיי אין דעם שענסטען האָטעל אין מיאַמי.

אייב פילט, אַז אַ רציחה פאַרקלייבט זיך אים אין האַרצען קעגען אָט די קאַסאָקע פּראָפיטירער און געמבלער. אַבי אים איז דאָרטען, אין די פוקסען־לעכער, ניט געווען אין גאַנצען קלאָר פאַר וואָס ער קעמפט דאָס מיט די ווילדע, פאַנאַטישע אַזיאַטען. איצט ווייס ער: ער קעמפט דאָך פאַר די קאַסאָקע דזשאָ׳ס...

ברודער גריבלער

אַלע קענען אים, גריבלער'ן, אין טרייד, אַן אַלטע האַנט, אַ יוניאַן מיטגליד פון ניינצצען צען, פאַר יאָרען און יאָרען געהאָלפען בויען די יוניאָן; איז אַפילו אַ געוויסע צייט געווען אַ מיטגליד אין דער עקזעקוטיווע און איז דאָך פאַרבליבען אַ קריטיקער, אַן אומצופרי־דענער, אַן אַרונטעררייסער פון דער פירערשאַפט.

גריבלער איז אַ הויכער, אַ גראַדער, ווי ער וואָלט גאָר קיינמאָל קיין אפערייטאָר ניט געווען און ניט געזעסען אַ גאַנצען טאָג אַנגע־בויגען ביי דער מאַשין און שטעפען. ער איז אַ מאָגערער, אַ דאַרער, מיט צוויי לאַנגע, טיפע קנייטשען, ווי גריבער, אויף ביידע זייטען באַקען. איבער זיין פנים איז פאַרצויגען אַן אומעט, אַ חושך, ווי ער וואָלט געווען אונטער'ן דרוק פון עפּעס אַ גרויסער צרה. אַ פערזענ־לעכער טראַגעדיע. ביים ריידען צעעפענט ער ברייט די מויל און ער שצירעט מיט זיינע אויסערגעוויינליכע געזונטע ווייסע ציינער.

זיין קריטיק איז ניט גלאַט אין דער וועלט אַריין, נאָר זאַכליך, מיט אַ טאָלק, מיט פאַקטען פון שאָפּ. ער ווייס די יוניאָן דורך און דורך פון אינעווייניג און פון דרויסען. ער קומט אַלע טאָג אין „מאַרקעט" און אַז ער שטעלט אייך אָפּ און נעמט צו אייך ריידען, אַרויסלייגען זיינע טענות, איז דאָס אַ מעשה אויף אַ האַלבער שעה. איר דאַרפט זיך צוגרייטען אויף אַ לאַנגער טיראַדע, מיט איינצעל־הייטען, מיט משלים, מיט אמת'ן לאָקאַלען קאָליר, און איר מוזט אים אויסהערען מיט קאָפּ, אום עס זאָל זיך ניט אַרויסגליטשען דער גאַנץ קורצער מיין, דער קווינט־עסענץ פון דער צעצויגענער מעשה.

גריבלער האָט זיין אמת'ן תיקון געקראָגען אין די יאָרען פון דעם גרויסען קריזיס, ווען די געמיטער זיינען געווען געדריקט, ווען די ברידער זיינען געווען אַרבעטסלאָז, זיך אַרומגעשלעפּט הונגעריג און

נידערשלאָגען, און האָבען געהאַט גענוג צייט אים אויסצוהערען. זיינע טענות צו דער וועלט, זיין וועלט, די יוניאָן, האָט געפונען אַ פּאַרטיגען באָדען אין זייערע פאַרביטערטע הערצער. אין קאָנט־ראַסט מיט זיין קערפּערליכען אויסקוק, זיין אויסגעדאַרטען קער־פּער אָנגעטאָן אין טראַנטעס, און זיין אומעטיגען פאַר׳חושכ׳טען פּנים, איז זיין גייסטיגער צושטאַנד, זיין נשמה געווען אויף אַ הויכער מדרגה, אויף דעם האָט עדות געזאָגט דאָס פינקלענדע פייערעל אין זיינע גרויע אויגען, דאָס פייערעל פון אַ פאַנאַטיקער. יענע צייט האָט צופרידענגעשטעלט זיין גייסטיגען איך, דעם גייסט פון קריטיקער, פון נביא, פון מקונן.

אָבער ווי זאָגט דאָרטען דער חכם: „לכל תכלה ראיתי קץ״. אויך צו די פאַרצויגענע קריזיסען איז געקומען אַן ענד. רוזוועלט איז געקומען מיט זיין נ.ר.א., מיט זיין ניו דיל — עס האָט גענומען טאָגען אין אַמעריקע. עס איז אויך געוואָרען ליכטיגער אין שאַפּ. עס איז געוואָרען יוניאָן, און מען האָט אָנגעהויבען פאַרדינען בעסער און לעבען בעסער. דער עולם טשוכעט זיך אויס פון זיין אַפּאַטיע און טרייסעלט פון זיך אַראָפּ די דערדריקענדיגע קריזיס שטימונג. אַרבעטער זיינען ביזי מיט אַרונטערוואַרפען פון זיך דעם דלות, מיט איינקויפען אַ נייעם בגד, מיט איינשאַפען עפּעס פאַר׳ן הויז, וואָס האָט זיך דורכ׳ן קריזיס אַזוי אויסגעליידיגט. און דער עולם האָט מער ניט אַזויפיל צייט אויסצוהערען גריבלער׳ס טענות, זיינע לאַנגע מעשות. און דאָ האָט זיך גאָר אונטערגערוקט די מלחמה־פּראָספּעריטי און האָט זיך אריינגעריסען אויך צום קלאָוק און דרעס־מאַכער אין שאַפּ. מען אַרבעט סטעדי, מען אַרבעט אָווערטיים. מען פאַרדינט גרויסע ווידזשעס. ווער גייט דאָס איצט אָן קריטיק? קלאָג־לידער פּאַסען זיך איצט גאָר אין גאַנצען ניט אַריין. ווען ער שטעלט איצט אָפּ אַ ברודער אַרבעטער אין „מאַרקעט״ און פאַנגט אָן זיין לאַנגע מעשה פון קריטיק, פון אַרונטעררייסען די פירער, באַגעגענט מען אים מיט אַ סאַרקאַסטישען שמייכעל. יענער האָט דאָך ערשט אָפּגענומען „פּיידע״ און האָט נאָך אין קעשענע דעם ענוועלאָפּ מיט די אַכציג דאָלאַר. גריבלער דערזעט דעם שמייכעל, ער דערפילט

ווי נאַריש זיין פּאָזיציע איז. ער ווערט קאָנפיוזט, עס הויבט זיך אים אָן צו פּלאָנטערען די צונג און ער פאַרענדיגט אָפּגעהאַקט זיין געשפּרעך און גייט אַוועק אַ באַזיגטער, אַ דערשלאָגענער.

איך האָב אים אַ לענגערע צייט ניט געזען און ווען איך האָב אים לעצטענס געטראָפען, האָב איך אים כמעט ניט דערקענט. איך האָב זיך געמוזט גוט צוקוקען צו דערזען, אַז דאָס איז דאָך דער אַלטער, אָבער איצט איינגער געוואָרענער ברודער גריבלער. די פּראָספּעריטי האָט אויך אים דערגרייכט. ער איז באַקליידעט פון קאָפּ ביז די פיס אין נייע מלבושים. עס זיינען פאַרשוואונדען די צוויי טיפע קנייטשען אויף די באַקען. דער חושך איז אַראָפּ פון זיין פּנים, אָבער די אויגען זיינען אָן יענעם פינקלענדיגען פייערעל פון געהויבענעם גייסט. דער חושך איז אַראָפּ פון פּנים און איז אַריין אין די אויגען, אין דער נשמה. די פּראָספּעריטי האָט צעבראָכען זיין גאַנצען גייסטיגען אָנהאַלט אין לעבען. גיי קריטיקיר די פירערשאַפט אַז דו ביסט אַ זאַטער, אָנגעטאָן אין אַ נייעם אַנצוג, און צו ווען דו רעדסט — האַלט ער גאַר הונדערט דאָלאַר „פיידע“ אין קעשענע.

מאַרקוס דער דאַמסקער שניידער

אַ יתום איז מאַרקוס געבליבן צו צוועלף יאָר, ווען זיין טאַטע, דער יאַדושליווער בענטשע, האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם, און איבערגעלאָזן דער מאַמען אַ וויסטע אלמנה מיט פיר קליינע קינדער אויף אירע הענט. איבערגעבליבן איז נאָך בענטשע׳ס טויט אַן אַלטע כמעט פוסטע כאַטע אויפ׳ן פאדאל, מיט אויסגעקרימטע ווענט, מיט אַ פאַרעלטערטן דאַך, דורך וועלכן עס האָט אין אַ רעגן אַריינגערונען אין הויז אַריין, און פון וואָס עס איז אין הויז כמעט אימער געווען אַזאַ פייכטקייט, ווילגאָטש, פון וועלכן דער יאַדוש־ליווער בענטשע האָט געהאַלטן אין איין הוסטען, און פלעגט אַרומ־גיין פון אַזאַ הוסט מיט רויטע געשוואָלענע אויגען אַ גאַנצן טאָג.

דעם צוועלף־יעריגן יתום האָט צוגענומען צו זיך איטשע דער שניידער, בענטשעס אַ וייטער קרוב, וועלכער האָט זיך אונטער־גענומען צו מאַכן פון אים אַ מענטש, אַ איד און אַ גוטן דאַמסקען שניידער. יענע פיר יאָר פון מאַרקוס׳ס זיין אין דער לערע ביי איטשען, און באַדינען איטשע׳ס ווייב, דער בייזער גאַליגער כאַנקען מיט אירע צעלאָזענע קינדער, מיט דער כאַפטע פאַרהאָרעוועטע איטשע׳ס אַרבעטער, האָבן אויף מאַרקוס׳ן אַוועקגעלייגט אַ שטעמ־פעל אויף זיין גאַנץ לעבן.

פון דעם זעץ אין פוס, וואָס ער האָט געקראָגן פון איטשען, פאַר צוברעכן אַ מאַנטעל ביים לערנען זיך אונטערצופרעסן איז ער פאַרבליבן אַ ביסעל אַ הינקעדיגער אויפ׳ן גאַנצן לעבן. גייסטיג איז ער פון יענעם קאלעדזש אַרויס אַ צעשראָקענער, אַ שוואַכלינג,

אַ נעבעך, וועלכער האָט פּאַר אַלץ און אַלעמען מורא, און ווען עס דוכט זיך נאָך היינט, צו פינף־און־זעכציג יאָר, אַז דער באָס וועט אים אויספּאַטשען.

אין אַמעריקע האָט מאַרקוס דורכגעמאַכט דעם קורס פון אויס־גרינען זיך און צופּאַסען זיך צו קאָלאָמבוס׳עס שניידעריי אין דעם סוועט שאַפּ. דאָס איז געווען אין די צייטען פון פּאַר 1910, ווען דער שניידער־שאַפּ איז נאָך געווען אין צושטאַנד פון דעם דזשאַנגעל, ווען אַרבעטער האָבען דיר אונטערגעלייגט אַ שפּולקע פאָדעם, ווי נאָר דו האָסט זיך אויפגעהויבען פון שטול; איבערגעדרייט די נאָדעל פון מאַשין; צוגעבונדען מיט אַ שטריקעל דעם טעקער: דעם פאָרמאַן האָט מען געצאָלט כּאַבאָר; דעם געצייג האָט מען געהאַלטען אונטער׳ן שלאָס, און סעקען האָט דיר דער באָס געקענט יעדען טאָג, און ביים קאָנט־ראַקטאָר איז אָפילו דיינע ווידזשעס ניט געווען זיכער, און געאַרבעט האָט מען גאָט׳ס שטונדען.

איז געקומען דער יאָר 1910, מיט דעם גרויסען קלאָוקמאַכער סטרייק, וועלכער האָט געמאַכט אַ רעוואָלוציע אין קלאָוק־שאַפּ — האָט אים אויסגערייניגט פון די ווילדע חיות, האָט איינגעשטעלט דעם יוניאָן־שאַפּ, מיט דער קורצער אַרבעטס וואָך, קלאָוקמאַכער גייען גאָר שבת נאָך האַלבען טאָג אַהיים, אין סאַמע סעזאָן. צוגענומען ביים באַלעבאָס דאָס רעכט פון אָפּלייגען, געגעבען איבער די הענט די קאָרופּטע פּאָרלייט, און פאַרטריבען אין די נאָרעס די סקעבס, די פאַררעטער, און דער שוואַכער, שרעקעדיגער מאַרקוס הויבט אויף דעם קאָפּ און דערזעט, אַז די זון שיינט, נעמט ער זיך אָן מיט מוט און האָט חתונה.

אַ פופצען זעכצען יאָר לעבט מאַרקוס אַ גאַנץ צופרידענעם נאָרמאַלען לעבען פון אַ געוויינלעכען פּראָלעטאַריער, באַשיצט אין שאַפּ דורך זיין יוניאָן, פון וועלכער מאַרקוס איז אַ גרויסער פּאַטריאָט, און איז באַזאָרגט אין דערהיים פון אַ פיינער אַרבעטסזאַמער ווייב וועלכע ער ליבט און שעצט.

אָבער ניט צו לאַנג האָט אָנגעהאַלטען זיין גליק. עס זיינען אונטערגעקומען די לינקע און האָבען געמאַכט זייער רעוואָלוציע אין

דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, ביז זי איז אין גאַנצען צעבראָכען געוואָרען. דער באָס האָט שוין ווידער אויפגעהויבען דעם קאָפּ, דער פאָרמאַן זידעלט שוין ווידער. עס איז אויס שבת, און עס האַלט שוין ביים געבען כּאַבאַר דעם פאָרמאַן.

איז דאָס נאָך ווייניג, האָט זיך אונטערגערוקט דער גרויסער קריזיס, און די יוניאָן איז אין גאַנצען קאַפּוט. מען אַרבעט פאַר צוויי־דריי דאָלאַר אַ טאָג אַז מען קריגט אַ דזשאָב, אָבער מאַרקוס קען אַפילו אַזאַ דזשאָב ניט קריגען, אָדער אָנהאַלטען, ער קען ניט פאַר־טראָגען די לופט אין אַזאַ שאַפּ, עס איז סם, סוועטשאַפּ אַטמאָספערע. און מאַרקוס הונגערט, זיין ווייב הונגערט, עס איז שלעכט, אַזוי שלעכט, דאַכט זיך, איז אים נאָך קיינמאָל ניט געווען.

מאַרקוס איז דורכ׳ן קריזיס אָפּגעשוואַכט און פאַרעלטערט גע־וואָרען. און זיין ווייב האָט זיך דערווייל איינגעשאַפּט אַ גאַנצען קאָמפּלעקס קראַנקהייטען, אַ הויכען בלוט־דרוק, דייעביטיס, און נאָך אַ פּאָר זאַכען, מיט אַזעלכע פענסי מעדיצינישע נעמען.

רוזוועלט׳ס נייער דיל, מיט דעם רענעסאַנס אין דער יוניאָן, האָבען מאַרקוס׳ען געטראָפען אין שוין זייער אַן אָפּגעשוואַכטען מוטלאָזען צושטאַנד. ער קען שוין קיין ערשטקלאַסיגען דזשאָב מער ניט אָנהאַלטען. ער מאַטערט זיך ערגעץ דאָרט טאָן ביי אַ קאָנט־ראַקטאָר. העלפט אים אַרויס ביים טיש מיט צוצעטלען און אָנצייכענען די קנאָפּלעכער און די פּליטס, אָבער דאָס איז אַן אַרבעט, וואָס מען טוט שטייענדיג, און דאָס קומט אים אָן זייער שווער, אייניגע מאָל פילט ער, אַז ער וועט אַוועקפאַלען ביי דער אַרבעט, און דער באָס פאָדערט נאָך פון אים אַ סך אָווערטאַים. און דאָ לאָזט ער איבער אַ קראַנקע ווייב אַליין אין הויז, און ביז וואַנען ער דערלעבט קומען אַהיים פאַלט אים אַרויס די האַרץ.

מאַרקוס פילט אַז עס גייען אים אויס די כּוחות, אַז ער וועט לאַנג ניט אויסהאַלטען. אים שרעקט דער געדאַנק צו דאַרפען ענדיגען דעם לעבען אין אַ האָום פאַר צדקה.

אָבער אַזוי דאַן, אין 1910, אַזוי אויך איצט איז די יוניאָן אים געקומען צו הילף. זי האָט ביים שרייבען דעם לעצטען אַגרימענט

מנשה צינקין

געקראָגען די עלטער־פּענסיע פאַר די אַרבעטער. און מאַרקוס האָט דערזען אַ ליכטיגען שטראַל אין זיין פינסטערער לאַגע. אָט באַלד, נאָך אַ פּאָר מאָנאַטען, און ער וועט קריגען די פּענסיע פון זיין יוניאָן און צוזאַמען מיט דעם וואָס די רעגירונג וועט אים געבען, וועט ער קענען זיך צוריקציען פון שאָפּ און זיין אין הויז נעבען זיין אַלטיטשקע.

וואָס עס קען היינט פּאַסירען

דער אַלטער בערל כּאַמסקי, אין דעם מושב זקנים פון די „אנשי בית יעקב״, איז נאָך אַן איבערבלייבעכץ, אַ „רעליק״, פון דעם גאָר אַמאַליגען מין קלאָוקס־אָפּערעיטאָר פון פאַר 1910. ער איז געווען אַ שווערער אַרבעטער, אַ האָרעפּאַשניק, ניט געקענט אונטער־שרייבען זיין נאָמען, און קוים געקענט דורכקריכען אַ שייטעל עברי. ער האָט פיינט געהאַט די סאָציאַליסטלעך, די אַפּיקורסים, וועלכע ווילען ניט אַרבעטען, און ווילען גאָר מאַכען יוניאָנס, און זאָגן אים, בערל כּאַמסקין, אַ דעה ווען אַריינצוקומען אין שאַפּ און ווען אַוועק־צוגיין, און איינטיילען אים גלייך אַרבעט מיט זיי, מיט די גאָרנישטען.

זיי האָבען דאָס אָבער ניט געקענט ביי אים אויספירען. ניט אים וועלען זיי פירען ביי דער נאָז! ניט ער וועט זיך אַרומטראָגען מיט עפּעס זייערען אַ פּאַספּאָרט אין קעשענע! ער איז איצט אין דער פרייער אַמעריקע, ניט אין רוסלאַנד!

בערל האָט ליב געהאַט די אַרבעט, דעם שאַפּ, און איז אים געווען געטריי, און האָט געהאַפט צו שטאַרבען אין די שטיוועל, ביי דער אַרבעט, ווי זיין טאַטע עליו השלום, אין דער אַלטער היים. עס איז דאָך אָבער אַמעריטשקע, און צו עטלאַכע און זעכציק יאָר האָבען שוין די פּאַרלייטע אים געזאָגט, אַז ער איז צו אַלט, אַז ער שטעפּט קרום, אַז זיינע קאָלנערס דרייען זיך, און די קעשענעס קומען אַרויס צעליאַפּעטע.

אַז ער האָט ניט געקענט קריגען מער קיין דזשאַב, האָט די דריטע ווייב, די וועלכע ער האָט געקראָגען אין שול, די פרומע, אין שייטעל, ביי אים אויסגענאַרט די לעצטע עטלאַכע הונדערט דאָלער און איז אַוועק. ביי די טעכטער האָט ער ניט געקענט זיין,

ווייל ער, בערל כאַמסקי, איז זייער „פּריטיקעלע״ מיט כשרות און מיט אַלגעמיינער אידישקייט, האָבען זיך די דריי טעכטער אָנ־געטאָן אַ כוח און אים אַריינגעגעבען אין דעם מושב זקנים פון די אנשי בית יעקב.

בערל האָט די שניידעריי גיט געקענט פאַרגעסען, געבענקט נאָכ׳ן שאָפּ, נאָך דער אַטמאָספערע פון שאָפּ. ניט געקענט זיך איינ־לעבען מיט זיין איצטיגען פּוסט־און־פּאַסט־לעבען, און איז שטענדיג געווען נייגעריג צו הערן נייעס פון שאָפּ, פון טרייד. ער האָט נאָך אַפילו ביי זיך געהאַלטען זיינע „טולס״ — אַ שער, „שאַטעל״, און „באָבינס״, און האָט זיי גאַנץ אָפט, מיט ליבשאַפט, באַטראַכט און באַטאַפּט ווי, להבדיל, איינער באַטראַכט דאָס בילד פון זיינער אַ פאַרשטאָרבענער פּרוי אָדער קינד. ער פלעגט אַפילו מאַנכעס מאָל אַוועקשפּאַצירען אין „מאַרקעט״ כאַפּען אַ קוק אויף די אינגערע אַרבעטער דאָרטען, ווי זיי אײַלען זיך פון שאָפּ אין די רעסטאָראַנען אַריין, און כאַפּען אַ שמועס אויפ׳ן „סיידוואָק״ און אײַלען זיך צוריק אין שאָפּ אַריין.

לעצטענס, אַז די מלחמה האָט געבראַכט די גרויסע פּראָס־פּעריטעט, און ס׳איז געוואָרען אַזאַ דוחק אין אַרבעטער, מען אַרבעט „אָווערטיימ״, און מ׳פאַרדינט אַזעלכע גרויסע „וויידזשעס״, האָט די נייעס אויך דערגרייכט בערלען אין מושב זקנים. זיינער אַ לאַנדס־מאַן, וועלכער איז ניט פיל אינגער פון אים, און וועלכער האָט אים לעצטענס באַזוכט, האָט אים דערציילט, אַז ער אַרבעט איצט און פאַרדינט זייער גוט, און ער אַרבעט „אָווערטיים״, און אַז מען איז איצט ניט „פּריטיקעלע״, אַבי דו מאַכסט פאַרטיג — גייט אַלעס דורך...

בערל איז פון די נייעס געבליבען אַ צערודערטער. וואָס הייסט, אַלטע לייט מאַכען איצט געלט, און ער זיצט דאָ און וואַרט פאַר׳ן טויט?!

ער האָט די נאַכט ניט געקענט שלאָפען, און ער האָט באַ־שלאָסען, אַז ער וועט גיין אין שאָפּ אַרבעטען. נישקשה, ער איז איצט געזינטער, ווי ווען ער איז, מיט דריי יאָר צוריק, אַנגעקומען

אַהער. איבערהויפּט האָט אים געלאָקט צו פאַרזוכען נאָכאַמאָל „אָווערטיים״. אַי, פלעגט ער דאָס גלייכען דעם „אָווערטיים״, מיט׳ן שנעפּסעל, מיט׳ן פאַרבייסען דעם גוטען שטיקעלע שמאַלץ־הערינג...

***

מירל טאָבענקין, אַ פינישערין אין דעם שאַפּ פון דער קלאָוק־פירמע, „ביינוס ענד קאָמפּאַני״, אַ פרויקע אין די מיטעלע פערציקער, איז יענעם מאָנטאָג געקומען צו דער אַרבעט זייער שפּעט, זי האָט געליטען פון אַ שטיקעל פאַרקילונג. און ווען זי האָט גענומען „בייסטען״ דעם דזשעקעט, וואָס דער פאָרמאַן האָט איר דערלאַנגט, און זי האָט ניט געקענט אויסלייגען דעם קאָלנער מיט די פייסינגס, ווייל זיי האָבען זיך געדרייט, האָט זי שוין געוואָלט צורופען דעם פאָרמאַן און ווייזען אים.

דערוויסענדיג זיך פון די מיידלעך, אַז דאָס איז די אַרבעט פון דעם נייעם אָפּערייטאָר — דער אַלטיטשקער, וואָס זיצט דאָרטען, אויף דער לעצטער מאַשין, ביים מאָטאָר, וועלכער איז ערשט היינט אינדערפרי אָרויף, האָט זי זיך אָבער באַרעכענט, און איז אַוועק זאָגען אים, דערקלערען אים, ווי אַזוי עס צו פאַרריכטען, און ווי עס דאַרף געמאַכט ווערען.

אָבער ווען זי איז שוין געווען ביי זיין מאַשין, און בערל האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, האָט זי אַרויסגעלאָזען אַ קוויטש, מיט אַ געשריי, „אַי... טאַטע!״ און זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזען, אין אָנמאַכט, אויף דעם ליידיגען שטול לעבען בערלען...

אין יענע קריזיס יאָרען

יענעם ווינטער האָט דער הואוועך קריזיס דערגרייכט זיין העכסטען פונקט. מענשען האָבען זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסען פאַרחושכ'טע, פאַרזאָרגטע, אַן אַ זין און אַן אַ צוועק. זיצען אין הויז און קוקען אויף דער פּאַראומערטער, פאַרקלאָגטער ווייב, אויף דער אַפּגעלאָזענער צעפּאַלענער באַלעבאַטישקייט, אויף די אויסגעדאַרטע פאַרמאַרעטע קינדער, איז געווען נאָך ערגער.

אין דעם קלאָוק און דרעס טרייד האָט זיך פאַרקליבען אַזאַ פאַרצויגענער עקשנות'דיגער סלעק, וואָס אַזעלכען האָט דער טרייד נאָך קיינמאָל ניט געהאַט. און אין דעם שאַפּ פון דעם קאָנטראַקטאָר הארטמאַן איז געווען חושך, אַ דערדריקענדיגע אַטמאָספּערע אַזאַ, ווי אין אַ פוסטקע. קוקענדיג אויף דעם בינטעל מענשען וואָס האָבען צוזאַמענגעשטעלט דעם שאַפּ, האָט זיך געדוכט אַז זיי האָט דער קריזיס געטראָפען שטאַרקער ווי די מערסטע אַנדערע שעפּער. ביים קאַטינג טעיבעל איז געשטאַנען מיסטער האַרטמאַן, אַ הויכער, אַן אויסגעדאַרטער איד, אַ בלאַסער, מיט איינגעפּאַלענע באַקען, און האָט זיך געבאַדערט מיט פאַרריכטען עפּעס אַ פּעטערן. און אַ פּחד האָט אויף אייך אַרויפגעוואָרפען די צוויי זייער קונציג, שניידעריש אַריינגעזעצטע לאַטעס אויף דעם זיץ פון זיינע הויזען. די צוויי לאַטעס האָבען אונטערשטראָכען די טיפקייט און שרעקליכקייט פון דעם קריזיס. אַ באַס מיט צוויי לאַטעס אויף די הויזען, האָט מען נאָך ביז דעמאָלט אין אַ שאַפּ ניט געזען.

די אַרבעטער האָבען זיך אַרומגעדרייט איבער'ן שאַפּ ווי שאָטענס. דער טעשעל קאָרטען מיט וועלכען עטליכע אַרבעטער האָבען זיך אַמוזירט איז געווען אַזוי אַלט און שמוציג, אָפּגעריבען, ווי די קליידער, וועלכע זיי האָבען געטראָגען. און די מיידלאַך אין שאַפּ האָבען נאָך ערגער אויסגעקוקט ווי די מענער. דער דלות האָט זיי, גייסטיג,

נאָך מער צעדריקט. און מער פּאַר אַלעמען האָט זיך דער קריזיס אָנגעזען אויף דער קלוגער, יוגענדליכער טשאַרנע׳ן. אין איר אָפּגע־טראָגענעם, אָפּגעריבענעם מאַנטעל, אין דער פּאַראַיאָריגער העטקע, און אין די אַלטע צעדרייטע שיך, האָט זיך אויסגעזען ווי אַ צעטראָ־טענע, פאַרשמוצטע און פאַרוויאַנעטע בלום.

אין יענעם פרימאָרגען ווען האַרטמאַן האָט געבראַכט די בשורה אַז ער האָט געקראָגען אַ היפּשען אָרדער פון דעם דזשאַבער, און אַז ער וועט באַלט ברענגען דעם סעמפּעל און מען וועט עס דאַרפען „צעטלען״, האָבען די אַרבעטער, וועלכע האָבען שוין געהאַט פאַרלאָרען די האָפענונג אַז עס וועט זיך אַמאָל אָנפאַנגען אַ סעזאָן, אויפ׳ן ערשטען מאָמענט עס ניט געגלויבט. מ׳האָט געמיינט, אַז דער באָס מאַכט דאָס אַזאַ שפּאַס, אַז דער „היפּשער אָרדער״ מיינט אַוודאי עטליכע ספּעשעלס.

ווען דער טשערמאַן מיט דער פּרייז קאָמיטע האָבען גענומען באַטראַכטען דעם סעמפּעל, וואָס האַרטמאַן האָט געבראַכט צום „צעטלען״, איז זיי פינצטער געוואָרען אין די אויגען, אַזאַ דרעס האָט נאָך דער שאַפּ ניט געזען. אַ צוהאַקטער, צופלאָכטענער מלבוש, אַ קאָמבינאַציע פון דרייערליי וואָרעס, מיט פרענטש פּאַיפּינג, מיט באַטענהאָלס, מיט פּאָקעטס און פליטס אין דער סקוירטל, אַז אמת׳ער ברוקלין ברידזש. די פּרייז קאָמיטע האָט געשוויצט אַ האַלבען טאָג, אויסגערעכענט יעדען טייל אַזוי ביליג ווי מעגליך, און ווען מען האָט ענדליך געהאַט דעם פּרייז, האָט די קאָמיטע געפילט אַז מען וועט ביי דעם גאַרמענט קיין לעבען ניט מאַכען.

אָבער ווען האַרטמאַן האָט דערהערט דעם פּרייז, האָט ער זיך אַזש אַ צאַפּעל געטאָן, אַזאַ פּרייז קען ער ניט צאָלען. און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ דינגעניש מיט אַרגומענטען, מיט געשרייען, מיט זידלערייען אַפילו. מיט אָפּשיקען דעם גאַרמענט צום דזשאַבער. אויף מאָרגען אָבער האָט דער באָס געבראַכט דעם סעמפּעל צוריק. און ווען די פּרייז־קאָמיטע האָט זיך ענדליך מיט אים געאייניגט, איז דער פּרייז פון אָפּערייטען דעם גאַרמענט געווען אַ דאָלער מיט אַ קוואָדער. מען איז געגאַנגען צו דער אַרבעט ווי צו אַ לוויה.

טשאַרנע איז פון דעם פּרייז געבליבען אין גאַנצען אַן ענטוישטע, עס איז דאָך איינפאַך אויסגעקומען אַרבעטען פאַר אומזיסט. זי פילט ווי צו אַנטלויפען פון דעם פאַרשאָלטענעם דרעס טרייד. ווי וועט זי ביי אַזעלכע פּרייזען קענען אַרויסקריכען פון די פילע חובות אירע? און דאָ זיינען אירע אַלע קליידער אָפּגעטראָגען, צעריסען, זי דאַרף אַ גאַנצע גאַרדעראָבע. זי האָט אַ גאַנצע נאַכט ניט געקענט איינשלאָפען, איר איז אַלץ געשטאַנען דער משוגע׳נער גאַרמענט פאַר די אויגען מיט דעם לעכערליכען ציפער פון אַ דאָלער און אַ קוואָדער. קוים מיט צרות איז זי פאַרטאָג איינגעשלאָפען.

ווען זי איז מאָנטאָג אין דער פרי אַריין אין שאָפּ, האָט איר דער זייגער געצייגט, אַז זי האָט פאַרשפּעטיגט אויף אַ גאַנצע שטונדע. אָבער איידער זי האָט זיך נאָך ריכטיג אָוועקגעזעצט און איינגעאָרדענט ביי דער מאַשין, איז שוין האַרטמאַן צוגעלאָפען צו איר מיט אַזאַ כעס, מיט אַזאַ יוכע, און ער האָט אָנגעהויבען שרייען אויף איר, פאַרוואָס זי איז געקומען אַזוי שפּעט. דריי טעג האָט מען אים צעטרענצעלט מיט „צעטלען" און איצט קומט מען אַריין צען אַזייגער צו דער אַרבעט!

— מיסטער האַרטמאַן, — האָט טשאַרנע האַרט און קאַלט אים איבערגעשלאָגען זיינע געוואַלדען, — וויפיל דענקט איר וואָלט איך פאַרדינט אין דער שטונדע, ביי אייער טייערען גאַרמענט — צען סענט, העכסטענס צוואַנציג סענט, איר וואָלט געמאַכט אַ פעני אָדער צווי סענט פּראָפיט, טו נאָט אייך צוויי סענט (און זי האָט אים אַ וואַרף געטאָן צוויי פעניס) און הערט אויף שרייען אויף מיר.

האַרטמאַן איז געבליבען שטיין מיט אַן אָפענעם מויל, אַ פּריטש־מעלעטער, און ער האָט מיט צעשראָקענע אויסגעגלאָצטע אויגען גע־קוקט אויף די צוויי פעניס, אויפ׳ן דיל, נעבען זיינע פיס. ער האָט איר געוואָלט ענטפערען, אָבער די ווערטער זיינען אים געבליבען שטעקען אין האַלז און ער קען זיי ניט אַרויסעברענגען.

דער שאָפּ איז שוין נאָכדעם געווען צערודערט און מען האָט שוין ניט געקענט אַרבעטען. און אַזוי האָט דער אָרימער האַרטמאַן פאַרלאָרען נאָך אַ האַלבען טאָג צו יענע דריי טעג פון „צעטלען".

דער פרילינג איז שוין דאָ

ענדליך, ענדליך איז דער לאַנג־געגאַרטער, פון אַלע פּאָעטען באַזונגענער, און פון אַלע פאַרליבטע געוואונטשענער פריהלינג, געקומען.

זיין קומען האָבען מיר אָנגעזאָגט די אידעלע, ווייכע און וואַרעמע שטראַלען פון דער יונגער פריהלינגס זון, וואָס האָבען זיך מיט יובעל און פרייד אַריינגעריסען דורך מיין פענסטער, האָבען מיר אויפגעריסען פון מיין שלאָף, און האָבען מיר אַרויסגעיאָגט אין גאַס אַריין.

און די גאַס איז שוין באַגאָסען מיט אַ מבול ליכטיגען, וואַרעמען און ערפרעענדען זונען־שיין.

דער צייטונגס־מאַן באַגעגענט מיר מיט אַ פריינטליכען, וואַרעמען שמייכעל, וואָס נאָר דער פריהלינג האָט געקענט אַרויסברענגען אויף זיין פאַרשלאָפענעם און גלייכגילטיגען געזיכט.

עס שפּילען זיך אַ גרופּע קינדער פריילך און זאַרגלאָז, מיט קולות און קוויטשערייען, באַפרייט פון זייערע שווערע ווינטערדיגע מלבושים, וואָס האָבען זיי געפּענטעט און ניט געלאָזען פריי זיך באַוועגען, און אין יעדער געשריי זייערען הער איך, אַז דער פריהלינג איז שוין דאָ.

אַ סקול לערערין האָט אַרויסגעפירט איר קלאַס אויפ׳ן שול־הויף, אונטערן פרייען הימעל, אונטער די באַלעבענדע און וועקענדע שטראַלען פון דער יונגער זון, און דערציילט זיי אַ פרילינגס לעגענדע, וועלכע דער קלאַס פאַרנעמט און באַגרייפט מיט זייערע יונגע, זויבערע מוחות און מיט זייערע ריינע, אומשולדיגע הערצלאַך. זייערע פרייליכע און גליקליכע פּנים׳ער דערציילען מיר, אַז דער פריהלינג איז שוין דאָ.

דער פּאַרק, אַ באַגאָסענער פון אַ ים זונען־שטראַלען, לייכט און שיינט אונטער דער נייער זון, ווי אַ כלה אונטער דער חופּה, איך באַגעגען אים און באַגריס אים, וואָס דער פריהלינג איז שוין דאָ.

אַ יונגע מוטער אויף אַ באַנק דעקט אָפּ דיביידעל פון דעם בייבי־וועגעל און לאָזט פאַלען די זון־שטראַלען, פריי און פול אויף איר זויג קינד, און דאָס קינד וואַרפט מיט די הענטלאַך, שמייכעלט און גיט אַלע ווילע אַ קוויטש, וועלכער מיינט דער פריהלינג איז שוין דאָ. דער מוטער׳ס האַרץ איז איבערפילט מיט ליבע און גליק, זי קושט איהר קינד, און פון אירע אויגען שיינט אַרויס אַ דאַנק צום הימעל, וואָס דער פריהלינג איז שוין דאָ.

אַ פויגעלע אויפ׳ן העכסטען צווייג פון אַ בוים, וואו די שטראַלען פון דער זון האָבען שוין אַרויסגעבראַכט די ערשטע פריהלינג שפּראָצונג, זינגט, צוויטשערט און טרעלט איר ערשטע פרילינג ליד, און זאָגט אָן דער וועלט, אַז דער פריהלינג איז דאָ.

דער אַלטער פּאַרק־אַרבעטער קערט צוזאַמען די אַלטע, שמוציגע בלעטער וואָס וואַלגערען זיך איבער׳ן גראָז און וואַרפט זיי אַריין אין וואָגען וואָס שטייט דערביי. ער אַרבעט מונטער און פלייסיג, ווייל דער פריהלינג איז שוין דאָ. די אַלטע קליאַטשע, איינגעשפּאַנט אין וואָגען, דרייט מיט׳ן עק, בריקעט צו מיט אַ פוס, שאָקלט דעם קאָפּ, און איז קענטיג אויך צופרידען וואָס דער פריהלינג איז דאָ, באַלד וועט זי זיך פּאַשען אויף דעם גרינעם, זאַפטיגען און שמעקעדיגען גראָז.

דער טייכעל האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפען דעם האַרטען קאַלטען אייז, וואָס האָט אים געדריקט און געשטיקט אַ גאַנצען ווינטער, און ער שפּיגעלט זיך אַנטקעגען דער יונגער זון, און דער שטיפערישער פריהליגנס ווינטעל האָט אים באַדעקט מיט חנ׳עוודיגע אומרוהיגע כוואַליעלאך, וואָס לויפען און קלאַפּען זיך אָפּ אָן ברעג, און שושקען אים אַריין, דער פריהלינג איז שוין דאָ.

אַ גרופּע אַלטינקע, וועלכע זיינען דעם גאַנצען ווינטער געווען פאַרשפּאַרט אין די שטיבער, זיצען און געניסען פון דער מילדער פריהלינג לופט, און וואַרעמען זייער אַלטע, אויסגעטריקענטע ביינער

אונטער די היילענדע שטראַלען פון דער זון, און אין זייערע אויס־געלאָשענע אויגען באַווייזט זיך ווידער אַ לעבעדיגער פייערל, ווייל דער פריהלינג איז דאָ.

און פון דעם פאונטען, וועלכער איז געווען אַ גאַנצען ווינטער אַ טרוקענער, און איבער וועמען עס האָבען געבושעוועט די ווינטען און די שטורעמס, גיסט זיך ווידער פרישער, ריינער און קוועלענדער וואַסער, וואָס גלאַנצט און שימערירט אין די שטראַלען פון דעם פריהלינגס זון. און די נימפע, אין דער הויך, איבער׳ן פאונטען, וועלכע האָט געליטען דורכ׳ן ווינטער פון די בייזע ווינטען און דעם קאַלטען שניי, שטייט איצט אַ גליקליכע און וואַרעמט אירע קונסט־פולע, געטאָקטע גלידער, און שמייכעלט צו מיר אַז דער פריהלינג איז שוין דאָ.

די שוואַלבען זיינען געקומען צופליען און טרינקען פון דעם פרישען וואַסער וואָס גיסט זיך אַרויס אַן אָן אויפהער פון אונטער די שיין געפורעמטע פיס פון דער נימפע, און זיי פישצען און צוויט־שערען און שפּרינגען אום מיט שמחה פון איין פּלאַץ צום צווייטען, און פרייען זיך וואָס דער פריהלינג איז שוין דאָ.

איך האָב זיך געזעצט לעזען מיין צייטונג, איז אַ פליג געקומען צופליען און האָט גענומען שפּרינגען אויף מיין פּנים, אויפ׳ן האַלז, אויף די הענט, אויפ׳ן צייטונג, און זי זשומעט און הוזשעט און לאָזט מיר ניט לייענען, דאָס גיט זי מיר צו ערקלערען אַז דער פריה־לינג איז שוין דאָ, און איך זאָל אַוועקוואַרפען די טויטע צייטונג, און זאָל, ווי זי, שפּרינגען, טאַנצען און פרייען זיך מיט׳ן אָנקומען פון דעם פריהלינג.

און מיין האַרץ ווערט אָנגעפילט מיט אַן אומבאַוואוסטער און אַן אומבאַגרייפליכער פרייד, און איבער מיינע אַלע גלידער צוגיסט זיך אַ גליקזעליגקייט, און איך פיל זיך יונג, מונטער; איך הער ווי דער לעבען רופט צו מיר מיט זיינע טויזענטער שטימען, און מיין בלוט שטראָמט שטאַרקער, מיינע פיס גייען שנעלער, מיינע אויגען זעהען ווייטער, ווייל דער פריהלינג איז שוין דאָ.

אויפ׳ן האָדסאָן

אַ גאַנצע וואָך האָט די זון געברענט ווי פייער, און האָט גע־בראָטען און געשטיקט די ניו יאָרקער איינוואוינער, מיט אירע פילע געסט, אָן רחמנות; דערצו איז נאָך די לופט געווען זעהר פייכט, און דער ניו יאָרקער עולם האָט געשוויצט און האָט שרעקליך געליטען.

אין די צייטונגען איז אַלע טאָג געווען באַריכטען פון מענשען וואָס זיינען געשטאָרבען פון היץ, און די גע׳חלש׳טע און קראַנק געוואָרענע זיינען געווען אין די הונדערטע.

אָבער מער פון אַלעמען האָבען געליטען אונזער פאָלק שניידער אין זייערע סוועט שעפּער, אין וועלכע עס איז ניט איבעריגס לופטיג אין די בעסטע צייטען. דערצו איז נאָך די היץ געקומען אַזוי פרי אין דזשון, ווען אַלע האָבען דאָס נאָך ניט ערוואַרטעט, און קיינער איז נאָך ניט געווען גרייט עס אויפצונעמען. און דערפאַר אַז מיין פריינד האָט מיר פאָרגעשלאָגען, מיר זאָלען אַרויספאָרען זונטאָג אויפ׳ן האָדסאָן, האָב איך זיין פאָרשלאָג גערן אָנגענומען.

זונטאָג אין דער פרי זיינען מיר שוין געווען אויפן „פּיער" פון דער האָדסאָן ריווער דעי ליין, און מיר זיינען געשטאַנען איינ־געקלאַמערט צווישען אַ קראַוד פון אַרום טויזענט נפשות און האָבען געוואַרט אויף דער שיף, וואָס האָט אונז געדאַרפט אַרויסראַטעווען, כאָטש אויף אייניגע שטונדען, פון דעם שטיינערנעם גיהנום וואָס רופט זיך ניו יאָרק.

און אָט איז די שיף שוין דאָ, די גייטס זיינען אָפען, און אַלע גיבען זיך אַ לאָז צו איר, ווי קינדער צו זייער מוטערס ברוסט, ווי וואנדערער אין דער מדבר, ווען זיי דערזען אַ קוואַל פרישע וואַסער. אויף דעם מאָמענט פיל איך צו איר אַן אמת׳ע ליבע, איך פיל

ווי אַרומצוגעמען און אַ קוש טאָן איר ווי אַ לעבעדיגע זאַך. אָט דאָס איז זי דאָך, וואָס וועט מיך באַלד צונעמען פון דעם ריזיגען שוויץ־באַד, און וואו איך וועל זיך, פאַר די קומענדע עטליכע שטונדען, פילען גוט, קיל און באַקוועם, מיין לייב וועט אויפהערען צו זיין נאַס און קלעפּיג, מיין קאָפּ וועט זיין רוהיג און וועט קענען דענקען, טראַכטען און פאַרשטיין, מיינע אויגען — קלאָר, און וועלען קענען קוקען און זעהן די שיינקייט פון דעם האָדסאָן מיט זיינע וואונדער־באַרע ברעגען.

אויפ'ן שיף טרעפען מיר נאָך אַ סך גליקליכע, וועלכע האָבען שוין אַ שטונדע צייט געגאָסען פון דער פרישקייט און שענקייט פון דעם האָדסאָן. זיי נעמען אונז אויף מיט אָפענע אָרעמס, און ווען מיר קומען צו צו זיי מיט אונזערע פאָלדינג־טשערס, מאַכען זיי פּלאַץ פאַר אונז און מיר פילען זיך אין דער היים נעבען זיי.

און אָט האָט זיך די שיף אָפּגערוקט פון דאָק, און זי שווימט שוין אויפ'ן מיטען האָדסאָן, און איך קריג דעם ערשטען גלעט אויפ'ן באַק פון דעם גאָלדענעם ווינטעלע, איך צי אַרונטער מיין העט און ער לאַשטשעט, גלעט און שפּילט זיך מיט מיינע האָר, ער קריכט מיר אַריין אין בוזים, און פאַר'גנב'עט זיך אויף מיין פּלייצע, און עס איז מיר גוט, עס איז אַ מחיה, איך פיל זיך ווי אַ קינד אויף זיין מוטער'ס שויס.

מיר פאָרען איין מייל נאָכ'ן צווייטען, און וואָס ווייטער זיינען די ברעגען אַלץ שענער און אינטערעסאַנטער, די לופט אַלץ ריינער און שמעקעדיגער, דער ווינטעלע אַלס קילער און שטיפערישער, און מיר דוכט זיך, דאָס איך בין אַזוי לאַנג פון ניו יאָרק, פון שאַפּ, פון די צרה'דיגע קלאָוקס, פון מיין ענגער בעד־רום, פון מיין פאַר־קרימטע מיסעס, פון מיין פאַרהאַרעוועטען און אימער בייזען באָס, פון מיין שלעכטען און פאַלשען פאָרמאַן, פון מיינע פאַרצאָרענטע און נערוועזע ברידער אַרבייטער, און פון אַלעס וואָס דריקט, שטיקט, ווערגט און מוטשעט דעם אָרימען עלענדען און הילפלאָזען.

ביי דעם נעקסטען סטאַפּ קומען צו נאָך עטליכע הונדערט מענשען, אָבער עס איז דאָ פּלאַץ פאַר אַלעמען, אונזער שיף איז ניט

ענגהערציג, זי איז גרייט צו באַדינען אַזוי פיל וויפיל עס איז נאָר מעגליך.

איך נעם אַ שפּאַציר איבער׳ן שיף און באַטראַכט איר, מיט די פּאַסאַזשירען. זי איז געבויט שטאַרק און היפשלאַך אַרטיסטיש, די בויער האָבען געהאַט אין זינען שיינקייט און זיכערקייט. פון די פּאַסאַזשירען זיינען די מערסטע פאַרליבטע פּאָרלעך, וועלכע זיצען אין די פאַרשידענסטע פאַרליבטע פּאָזעס, וואָס איז נאָר מעגליך, און פון זייערע הערצער שטראָמט די ליבע אָן אַ אויפהער, און אַזוי אויף אַלע „דעקען״. אונטען איז אַ ריוועָר פון וואַסער, און אויבען איז אַ ריוועָר פון ליבעס.

די מוזיק הייבט אָן שפּילען אַ ליבעס מעלאָדיע, און טויזענטער שטימען, איבער אַלע דעקען, כאַפּען אונטער די ווייכע און לייכטע טענער און זינגען מיט. און טויזענטער שטאַרקע מענערשע אָרעמס נעמען שטאַרקער אַרום און דריקען צו זיך זייערע געליבטע, און טויזענטער שעהנע בלאָנדע און שוואַרצע קעפּלעך, מיט לאַנגע און געבאַבטע האָר, טוליען זיך נאָך פעסטער צו, צו די ברוסטען פון זייערע הערצענס געליבטע. און עס וועבען זיך שעהנע חלומות, און עס שפּינען זיך פאַנטאַסטישע טרוימען, און עס פאַרזייעט זיך די ערשטע קערענדלאַך פאַר די צוקונפטיגע נשמות. עס וועבען זיך די ערשטע איידעלע און פיינע פעדים פאַר דער צוקונפטיגער מענשהייט.

די פילהאַרמאָניע און דער קלאָוקמאַכער סטרייק

ווען איך בין יענעם מיטוואָך אָוונט געקומען צו לואיסאָנ׳ס סטאַדיום, האָט זיך געצויגען אַ ליין פון מענשען צו קויפען טיקעטס פאַר דעם באַלדיגען קאָנצערט איבער׳ן גאַנצען לענג פון בלאָק. עס איז געווען זעהר אַ וויכטיגער קאָנצערט — בעטהאָווענ׳ס ניינטע סימפאָניע מיט אַ כאָר פון צוויי הונדערט פרויען און מענער אין דעם פינאַל. איך בין שוין געווען פון די לעצטע אריינצוקומען אין סטאַדיום, און איך בין געוואָרען איבערראַשט און צוטומעלט פון דעם גראַנדיעזען בילד פון דעם צוואַנציג טויזענט קעפיגען עולם אין דעם האַלב צירקעלדיגען מאַסיווען סטאַדיום, און מענשען האָבען נאָך געהאַלטען אין איין אָנקומען און פאַרנעמען יעדען ברעקעל פלאַץ פון דעם ריזיגען אוידיטאָריום. דער גרויסער כאָר איז געווען אויס־געזעצט אויפ׳ן סטיידזש. די דאַמען אין זייערע פאַרשיידענאַרטיגע קאָלירטע זומערדיגע קליידער אונטער די שטאַרקע עלעקטרישע ליכט, האָבען זיי אויסגעקוקט פון דערווייטענס ווי עפּעס אַן עקזאָטישער בלומען־גאָרטען. איך האָב קוים פאַרנומען מיין פּלאַץ, נאָך קיין צייט ניט געהאַט ריכטיג צו באַנעמען די הערליכקייט פון דעם אויסער־געוויינליכען בילד וואָס מיינע אויגען האָבען געזען, און דער ערשטער הילכיגער און וואַרימער אַפּלאָוז האָט אַ דונער געטאָן איבער׳ן סטאַדיום. דער דיריגענט איז אַריינגעקומען.

דער דיריגענט גיט אַ פּאַך מיט זיין שטעקעלע און דער אָרקעסטער הויבט אָן שפּילען דעם ערשטען טייל פון דער סימפאָניע. אין סטאַדיום ווערט שטיל, שטילער, גאָר שטיל, דאַכט זיך אַז די מענשען האָבען אויפגעהערט אָטעמען, בלויז די אויערען זיינען אָנגעשפּיצט

אויפצובאַפּען די סאַמע נידעריגסטע טענער פון די אינסטרומענטען, און דער געדאַנק איז אַנגעשטרענגט אויפצונעמען זיי און צו פאַר־שטיין. דער שטעקעלע אַרבייט אַן אַן אויפהער און דער אָרקעסטער גיסט און גיסט אין די אויערען פון דעם אוידיטאָריום צאַרטע איידעלע און לאַסטשענדע טענער. דער קלאָוקס־אָפּערייטאָר גייט אַרויס פון מיר און גייט אַוועק ווייטער און ווייטער, און עס דאַכט זיך מיר אַז איך בין גאָר אַ טייל פון דעם אָרקעסטער, אַז איך העלף דאָס מיט אין דער ווידער אויפלעבונג פון בעטהאָווען׳ס נײַנטע סימפאָניע.

דאָס שטעקעלע פון דעם דיריגענט האָט זיך ווידער גערירט און עס פאַנגט זיך אָן דער פערטער און דער לעצטער טייל פון דער סימפאָניע. די האַרמאָניע אין סטאַדיום איז אַ פאַלקאָמענע, דער פילהאַרמאָניק האָט מאַגנעטיזירט זיינע צוהערער, אָבער פּלוצלונג האָט זיך פון יענעם זייט צאַם דערהערט דאָס בילען פון אַ הונט — אַ צורייצטער כלב מיט אַ ווילדען בילען וויל צושטערען די האַרמאָניע פון דער געטליכער סימפאָניע, און די טויזענטער צוהערער זיינען געוואָרען אויפגערעגט פון צאָרען. וועט טאַקע דעם כלב געלינגען צו צושטערען דעם פינאַל, צו וועלכען אַלע זיינען גרייט אין הייליגען עקסטאַז?! אָבער אַ וואַכזאַמער און געשיקטער אָשער האָט געכאַפּט אַ שטעקען, איז אַרויסגעלאָפען און האָט שנעל פאַרטריבען דעם כלב, און דער פינאַל פון דער סימפאָניע איז ערפאָלגרייך פאַרענדיגט געוואָרען.

דעם 2טען יולי האָט דער דיריגענט פון די קלאָוקמאַכער, דער קערפּערליך־קראַנקער אָבער גייסטיג געזונטער, פּרעזידענט שלעזינגער, געגעבען אַ פיהר מיט׳ן שטעקעלע און דער אָרקעסטער, די גענעראַל סטרייק קאָמיטע, מיט דעם כאָר, די דרייסיג טויזענד קלאָוקמאַכער, האָבען אָנגעהויבען שפּילען די סימפאָניע, דעם גענעראַל סטרייק, און זיי האָבען גלייך געוואונען די הערצער פון זייער אוידיטאָריום, די שטאָדט ניו יאָרק. אַלע צייטונגען זיינען מיט זיי, די עפענטליכע מיינונג איז מיט זיי, דער גאָווערנאָר פון שטאַאַט רופט אַלעמען צו אַ קאָנפערענץ און קיינער וואַגט זיך ניט אַנטזאגען. די סימפאָניע

ווערט וואונדערבאַר געשפּילט, די האַרמאָניע צווישען די שפּילער און דער אוידיטאָריע איז אַ פּערפעקטע. אָבער אָט זיינען פון יענעם זייט צאַם אַרויסגעקומען אַ פּאָר צוריצטע און ווילדע כלבים און ווילען מיט זייער רציחה׳דיגען בילען צושטערען די האַרמאָניע און ניט דערלאָזען ענדיגען די מייסטערהאַפטע סימפאָניע.

אָבער די אַקטיווע קלאָוקמאַכער האָבען גענומען שטעקענס און פאַרטריבען די הינט, און דער סטרייק איז ערפאָלגרייך פאַרענדיגט געוואָרען.

איינער אַ סטרייקער

אַז דער קלאָוקמאַכער סטרייק האָט אויסגעבראָכען, איז מאַקס דער אָפּערייטאָר ביי זיך געווען גאַנץ געהויבען. די ענטוזיאַסטישע רעדעס פון די פירער אויף די פאַרזאַמלונגען, און די וואַרימע ער־מוטיגענדע אַרטיקלען אין דער אַרבעטער פּרעסע, האָבען אויך אים אָנגעשטעקט מיט מוט און גלויבען און ער האָט זיך געפילט גאָר יום־טוב׳דיג. אַז דער סטרייק וועט זיין אַן ערפאָלגרייכער און אַ קורצער, אין דעם איז מאַקס געווען זיכער, ווייל דער סעזאָן קלאַפּט דאָך שוין אין טיר, און די באָסעס וועלען דאָך ניט לאָזען די אַרבעטער סטרייקען און אַזוי אַרום פאַרלירען דעם סעזאָן; און איבערהויפּט זיין באָס, אַזאַ אַמביציעזער און געלט גייציגער, וועט געוויס ניט וועלען פאַרלירען אַ סעזאָן. איז וואָס איז דאָ צו זיין אומרואיג אָדער באַ־זאָרגט? און אַז עס וועט אַפילו אויסקומען צו סטרייקען עטליכע וואָכען איז אויך אָן אַ סכנה. אמת, אַז קיין געלט אין באַנק האָט מאַקס ניט, און פון וואַנען זאָל ער דאָס האָבען, ביי דעם היינטיקען יקרות און די קלאָגעדיגע פאַרדינסטען זיינע, אָבער דערפאַר האָט ער אַ גוטען נאָמען סייביים לענדלאָרד סיי ביים גראָסער און בוטשער און סיי צווישען קרובים און באַקאַנטע. און מאַקס איז זיכער אַז אים וועט ניט אויסקומען צו ליידען נויט. איבערהויפּט אָבער, האָט מאַקס געלייגט גרויס געוויכט אויף דעם וואָס דער סעזאָן איז אַזוי נאָענט און די באָסעס וועלען נאָכגעבען, זיי קענען ניט אַפּאָרדען צו פאַרלירען אַ סעזאָן.

די ערשטע עטליכע וואָכען האָט מאַקס גענומען דעם סטרייק ווי עפּעס אַ היפּשען און פריילּיכען וואָקיישאָן, וואָס איז גאַנץ אַמו־זירענד. עטליכע דאָלאַר אויף דער הוצאה איז נאָך געווען, אין די האָלס וואו מען פאַרזאַמעלט זיך איז ניט אומעטיג, און אויפ׳ן פּיקעט

ליק, איז גאָר אַ מחיה, מ׳שפּאַצירט אום הין און צוריק, מ׳שעפּט זיך אָן מיט פרישע לופט, עס איז דאָ אַ גוטער אַפּעטיט, און עס איז ניטאָ קיין טראָבעל מיט׳ן מאָגען. ווען ער אַרבעט, האָט מאַקס גאָר קיין אַפּעטיט, און דאָס ביסל וואָס מ׳רוקט שוין אַריין אין מאָגען, ווערט דאָרטען פאַרזויערט און פאַרגעזט און ער דאַרף כסדר שלינגען פּילען. אָבער יעצט פילט זיך מאַקס ווי ניי געבוירען, אַ לייכטער, אָן אָפּגעפרישטער, מיט גאָר אַ נייעם שטר חוב אויפ׳ן לעבען. און מאַקס איז דאַן געווען אַ באַגייסטערטער אָנהייגער פון סטרייקען, און ער פלעגט טראַכטען, אַז די נייע פירער, מיט זייער מאַטאָ, סטרייקען, זיינען גערעכט. די אַלטע זיינען געווען פייגלינגע, האָבען דיפּלאָמאַטעוועט און האָבען פאַרפּלאָנטערט דער יוניאָן מיט אַ גאָווערנאָרס קאָמיסיע, פון וועלכער עס איז ניט וואַרעם און ניט קאַלט, אָבער יעצט איז אויס, איבערגעהאַקט דעם קנופּ, און מען סטרייקט, און עס וועט זיין אַללרייט.

פון די ריזיגע אויסגאַבען וואָס אַ סטרייק פאָדערט, און די טאָג־טעגליכע מסירת־נפש׳דיגע אַרבעט וואָס איז מיט אַ סטרייק פאַרבונדען, און פון די טרויעריגע פאָלגען פון אַ דורכגעפאַלענעם סטרייק, פון דעם האָט מאַקס זייער ווייניג געוואוסט און נאָך ווייניגער פאַרשטאַנען. מאַקס ווייס אַז זיין יוניאָן, צו וועלכער ער באַלאַנגט שוין אַ יאָר פופצען, האָט קיינמאָל קיין סטרייק ניט פאַרלאָרען, און מסתמא וועט זי דעם סטרייק אויך ניט פאַרלירען. ער איז געווען זיכער אַז מ׳וועט געווינען אי די גאַראַנטיע אי די פערציג שטונדען, און פאַר אים, מאַקס׳ן, וועט זיך אָנפאַנגען אַ נייע ערא, פון אַ זיכערען לייכטען לעבען, מאַכען, פון רעגעלמעסיגען אַרבעטען, און מיט אויסרוען זיך יעדע וואָך אין די צוויי טעג פון שבת און זונטאָג.

מיט זיין באַגייסטערונג פאַר׳ן סטרייק און פאַר די צילען פון סטרייק, האָט מאַקס אויך אָנגעשטעקט זיין ווייב מיט די קינדער. און ביי מאַקס׳ן אין הויז איז יום־טוב. איבערהויפּט איז זיין פריידעל צופרידען פון די פערציג שטונדען. עפּעס איז איר מאַקס לעצטענס גאָר קאַליע געוואָרען, און ער קרעכצעט גאָר אָפּט אונטער אַז די אַרבעט פאַלט אים שווער, און פולע צוויי טעג רוה יעדע וואָך וואָלט

אים פיל גוטעס געטאָן, און די קינדער זיינען גאָר מלא שמחה וואָס זיי וועלען זייער פּאַפּאַ האָבען אין דערהיים אויך דעם שבת׳דיגען פרימאָרגען.

דער סטרייק איז זיך דערווייל אַוועק זיין גאַנג, עס איז אַריבער די אַכטע, די ניינטע און עס גייט שוין אויף דער צענטער וואָך. די גרייטע פּאָר דאָלאר איז שוין לאַנג פאַרצערט, דער גראָסער און דער בוטשער האָבען עפּעס אַ פּאָר מאָל יע געבאָרגט, זיי האָבען אָבער באַלד גענומען באַגעגענען פריידלען אַזוי, אַז עס איז איר פאַרגאַנגען דער חשק צו בעטען ווייטער אויף באָרג. ביי אַלע פריינט און באַקאַנטע האָט מען שוין אויך אָנגעכאַפּט און אָנגעליען און מ׳שעמט זיך שוין צו קוקען יענעם גלייך אין די אויגען. אָבער ווי שווער עס איז צו קריגען די פינפערלאך און די צענערלאַך, גייען זיי אָבער זייער שנעל אַוועק ביי דעם היינטיגען יקרות, און נאָך יעדען מאָל וואָס פריידעל קומט פון גאַס איז זי צורייצט און פאַרביטערט און זי לאָזט אויס כל חמתה צו מאַקס׳ן. די טיטולן, שלים־מזל און טויגעניכטס, הערט מאַקס יעדען מאָל וואָס מ׳דאַרף לייען אַ פּאָר דאָלאר, און ער מיט זיין שעמעוודיגער און שרעקעדיגער נאַטור, האָט ניט די העזה צו גיין עס בעטען ביי יענעם, און זי, פריידעל, מוז עס טאָן, און די דאָזיגע צורופען, שטעכען אים דורך דאָס האַרץ ווי מיט אַ טעמפּען מעסער. זיין פרעסטיזש אַלס מאַן איז איבערהויפּט געפאַלען, זינט מאַקס האָט ניט געקענט קריגען די רענט פאַר דעם לעצטען מאָנאַט, און פריידעל איז געוועזן געצוואונגען צו שוואַרצען דעם פּנים און גיין דאָס בעטען ביי איר ברודער, וועלכער איז געוועזן געגען איר חתונה האָבען מיט דעם „לאַמפּרייטער״, ווי ער האָט מאַקסן איראָניש גערופען, און צו וועמען פריידעל פלעגט צוליב דעם זייער זעלטען קומען. זינט דאַן פילט זיך מאַקס אין הויז ווי עפּעס אַ פאַרשולדיגטער, אַ רעכטלאָזער, און ער האָט מורא דעם קאָפּ אויפצוהויבען. לעצטענס ליידט מאַקס זייער פון דעם, וואָס אויך די קינדער האָבען זיך אָנגעשטעקט מיט דער מוטערס גייסט, און זיי זיינען אויך געוואָרען פיינטליך געשטימט צו אים. און מאַקס האָט אָנגעהויבען ווייכען פון הויז. ער איילט זיך שוין מער ניט וואָס גיכער אַהיים צו קומען, פאַרקערט, ער זוכט

אַזעלכע געלעגענהייטען ניט צו זיין אין הויז און דאָס צורייצט נאָכמער זיין פריידלען, און דער שלום־בית ביי מאַקס׳ן אין הויז איז לעצטענס זייער אַ צרה׳דיגער, און עס זעט זיך קיין ענדע. אַלס אַלטער אַרבע־טער פאַרשטייט מאַקס, אַז דער סעזאָן איז שוין אַ פאַרלוירענער, אַז יעצט לוינט זיך שוין ניט די באַסעס צו צעטלען מיט דער יוניאָן. און ביז דעם נעקסטען סעזאָן איז נאָך אַזאַ ווייטער מהלך. אַז ער גיט נאָר אַ טראַכט, ווי אַזוי מ׳וועט זיך דורכשלאָגען ביז דאַן, ווערט אים פינסטער אין די אויגען און עס נעמט אים אַרום אַ גרויל. די פּאָר מאָנאַטען ביז קומענדען סעזאָן, קוקען אים אויס ווי אַ טיפער פינסטערער גרוב, וועלכען ער, שוואַכער אפּערייטאָר, וועט עס ניט קענען אַריבערשפּרינגען.

די רעדעס פון די פירער האָבען מאַקס׳ן אָנגעהויבען גרילצען אין די אויערען. און דער שלאַג־וואָרט: „אַ סטרייק ביז אַ זיג״ רופט ביי אים בלויז אַרויס אַן איראָנישען פאַרביטערטען שמייכעל. די נייע פירער, וועלכע זיינען די אויפטוער און אויפהאַלטער פון דעם סטרייק האַסט ער איצט ווי דעם טויט. ער האָט זיך גאָר פאַרגעסען ווי ער האָט פריער פון זיי געהאַלטען.

„אַרויסוואַרפען דאַרף מען זיי אַלעמען פון דער יוניאָן״, טראַכט איצט מאַקס, „זיי זיינען אַ באַנדע העצער, פייער בראַנדען, קענען נאָר אריינשלעפען אין אַ סטרייק, ווייסען אָבער ניט ווי צו ענדיגען עס. יענע, די אַלטע, זיינען געווען געניט, געהאַט פאַרבינדונגען, פאַרשטאַנען דיפּלאָמאַטיע און האָבען געהאַט פאַרשיידענע וועגען ווי אַרויסצוקריכען פון אַ איינגען ווינקעל. אָבער די זיינען דאָך גריג־האָרנס, הפקר יונגען, און וועלען לאָזען סטרייקען ביז די נשמה וועט אַרויסגיין, ביז מ׳וועט אויסציען די פּיס״.

וואָס לענגער דער סטרייק האָט זיך געצויגען, אַלץ איינגער איז מאַקס׳ן געוואָרען ניט נאָר אין הויז, נאָר אויך דער האָל, וואו זיינע ברידער סטרייקער פאַרזאַמלען זיך. ער קוקט איצט ניט נאָר אויף די פירער, נאָר אויך אויף זיינע מיטסטרייקער ווי אויף שונאים, וועלכע האָבען זיך צוזאַמענגענומען צו רואינירען אים, צו פאַר־

גיפטען זיין פאַמיליען לעבען, צו אָפּטויטען אַפילו די ליבע פון זיינע קינדער צו אים.

מאַקס ווייכט איצט אויך פון האָל וואו ער געפינט זיך קיין אָרט ניט. און ער שלייעט זיך אום איבער די גאַסען מיט זיינע פינסטערע מחשבות. איבערהויפט שרעקט אים לעצטענס וואָס דער געדאַנק „סקעבען" האָט זיך גענומען פלאָנטערן ביי אים אין קאָפּ. בלויז פון דעם געדאַנק אַליין ווערט מאַקס אַ פאַרציטערטער און אַ צייט נאָכדעם גייט ער אום ווי משוגע, ווי ער וואָלט עפּעס אַ מאָרד באַגאַנגען.

רחמיאל

עס איז צען אַ זייגער אינדערפרי אין אַ געוויסען טאָג אין מיטען דזשולײַ. אין מר. ק׳ס דרעס־שאָפּ איז ביזי, און ער האָט דעם פאָל־קאַמענעם אויסזען פון אַ שניידער־שאָפּ אין פולען שוואונג פון סעזאָן. אויפ׳ן טיש נעבען פאָרמאַן איז אָנגעוואָרפען אַ גאַנצער באַרג מיט באַנדלאַך פון פאַרשיידענע קאָלירען און גרויס. ביי די אָפּערייטאָרס אין די בעסקעטס איז אויך אָנגעלייגט פול מיט מלאכה. אַרום פרעסינג־טייבעל שטייט דער פולער סעט פרעסערס, און אַרום דעם שמאָלען פינישערס טישעל האָבען זיך די צען פינישערס קוים אויס־געזעצט. פון קאַטינג־רום הערט זיך דאָס הוזשען פון עטליכע קאַטינג־מאַשינעס. דער שיפּינג־קלוירק לויפט אַרום איבער׳ן שאָפּ און זוכט געוויסע סטיילס און סייזעס אויסצופילען אַ ספּעשעל אָרדער, און דער פאָרמאַן איז ביזי מיט אויסקלייבען און אויספּיטען אַ פּעטערן.

און דאָך, כאָטש די בעסקעטס זיינען פול און די קאַטערס שניידען, אַרבייטען די אָפּערייטאָרס אָן חשק. זיי זיצען ביי די מאַשינען, אָבער די הענט גייען ניט; עפּעס זיצען זיי אַזוי שטיל, אַזוי ערנסט און באַזאָרגט, און די אורזאַכע פון דעם איז — רחמיאל.

רחמיאל׳ן האָט מען נעכטען פיר אַזייגער פאַרנאַכט אָפּגערופען דורכ׳ן טעלעפאָן, ער זאָל גלייך קומען אַהיים, אין זיינע פיר רומקעס אויף אַ טאָפּ־פלאָר אין קלינטאָן סטריט, און היינט האָט זיך דער שאָפּ דערוואוסט, אַז רחמיאל׳ן האָט געטראָפען אַ גרויס אומגליק — זיינס אַ קינד האָט אַ וואָגען איבערגעפאָרען, און ער ליגט איצט אין האָספּיטאָל און שוועבט צווישען לעבען און טויט. רחמיאל׳ס טשער איז ליידיג, און דער ליידיגער שטול דערמאָנט אַלעמען אָן רחמיאל׳ס פרישע וואונד, און אַלעמענס אויגען ציהען זיך אינסטינקטיוו צו יענעם

פלאַץ; אַלעמענס הערצער זיינען פול מיט סימפּאַטיע צו דעם אָרימען און אויסערגעוועגליך עהרליכען רחמיאל. אַלעמענס מחות זיינען פאַרנומען מיט פאָרשטעלען זיך זיין טראַגעדיע. און דער עולם אַרבייטער, איבערהויפּט די אָפּערייטאָרס, קענען ניט אַרבייטען; עס הויבט זיך ניט קיין האַנט. רחמיאל׳ן האָבען אַלע אין שאַפּ האַלט, פאַר זיין שאַרפען וויץ, פאַר זיין איינשטעלען זיך פאַר גערעכטיקייט און יושר, פאַר זיין ספּאָרטישען און דזשענטעלמענישען שפּילען אין פּאָוקער און אין אַלגעמיין פאַר זיין אמת־מענשליכען האַלטען זיך אין שאַפּ.

און די טראַגעדיע איז ווירקליך גרויס, ווייל ביי רחמיאל׳ן זיינען די קינדער ציטערדיגע; ער איז געוואָרען אַ טאַטע ערשט צו זיין פערציגסטען יאָר.

געקומען איז רחמיאל אין אַמעריקע צו עטליכע און צוואַנציג יאָר, נאָכדעם ווי ער האָט איינגעזען, אַז פון וואַלגערען זיך אין ישיבה וועט ניט זיין קיין תכלית, און ער וועט ניט קענען חתונה האָבען און מפרנס זיין אַ ווייב מיט קינדער, צו וואָס זיין האַרץ האָט שוין דאַן געגאַרט.

אין אַמעריטשקע האָט רחמיאל׳ן זעהר לאַנג גענומען, שוין אַ ביסעל צו לאַנג, אויסצוגרינען זיך און ווערען קאָלאָמבוס׳עס אַן אָפּערייטאָר. אַז ער האָט זיך שוין אויסגעלערנט די מלאכה, און ער האָט אָפּגעאַרבייט אַ פּאָר סעזאָנס פאַר זיך, האָט ער ערשט דאַן איינגעזען אַז ער איז און בלייבט אַ סלאָוע האַנט, און אים וועט זיין שווער צו סופּאָרטען אַ פאַמיליע. און רחמיאל האָט זיך אָפּ־געהאַלטען פון באַקאַנטשאַפט מיט מיידלאַך, און די מיידלאַך האָבען ניט גערן פאַרבראַכט מיט אים, וויסענדיג אַז ער איז אַ קליינער פאַרדינער און קען קיין לעבען ניט מאַכען.

אַזוי איז אַוועק אַ יאָר נאָך אַ יאָר, און רחמיאל איז געוואָרען אַן אַלטער בחור, איז געוואָרען אַ מעמבער פון עפּעס אַ בעטשלאָר־קלוב, און גענומען שפּילען פּינאָקעל און די איבעריגע זיבען גיימס מיט גרויס התמדה, און דער געפיל, דער וואונש חתונה צו האָבען און פירען אַ פאַמיליען־לעבען איז שוין כמעט געטויטעט געוואָרען,

און אין האַרצען איז וואָס אַ יאָר פּוסטער געוואָרען, און זיין גאַנצער אינטערעס אין לעבען איז געווען — דער קלאָב מיט דער גיימקע.

דאָס איז אַזוי געגאַנגען ביז וואַנען ער האָט אָנגעטראָפען זיין יעצטיגע פרוי, וועלכע האָט זיך צוגעקלעפּט צו אים און האָט אים ניט אָפּגעלאָזען, ביז זי האָט מיט אים חתונה געהאַט און האָט אים געבוירען צוויי קינדערלאַך, וועלכע האָבען אַריינגעבלאָזען אַ נייעם לעבען, אַ נייעם גייסט אין זיינע פאַרשלאָפענע, פאַרגליווערטע און פאַרפינאַקעלטע בלוט.

און רחמיאל, וועלכער איז געוואָרען אַ טאַטע צו פערציג יאָר, איז זעהר אַ הייסער פאָטער. די קינדערלאַך זיינען אים איינגעבאַקען אין האַרצען, איינגעפרעסט אין זיין נשמה, און זעהר אָפט רעדט ער פון זיי. אין מיטען דער אַרבייט הויבט ער אָן דערציילען עפּעס אַ שפּאַס, אַן אינצידענט פון זיין עלטערען אָדער אינגערען באָיטשיק, און בשעת ער דערציילט, שיינען זיינען אויגען מיט ליכטיגע און וואַרימע שטראַלען פון פאָטער־ליבע, און איר האָט ניט קיין האַרץ ניט אויס־צוהערען אים, מעגט איר זיין ווי ביזי און מעגט איר גאָר ניט האַלטען פון דער חכמה פון זיינע קינדער. איר קוקט אויף אים און פילט, אַז דאָס איז דער פּונקט, אויף וואָס עס האַלט זיך יעצט זיין גאַנצע עקזיסטענץ.

און עס גיט אייך אַ שוידער, ווען איר הויבט אָן איבערצוקלערען וואָס וועט זיין איצט, מיט דעם אָרימען רחמיאל׳ן. ווער ווייס וואָס ער קען נאָך טאָן מיט זיך, ווען ער וועט דערהערען די בשורה אַז זיין בערעלע איז טויט...

דאלי

איך האָב איר געטראָפֿען אין אַ שאַפּ, וואו איך בין אַרויף מאַכען אַ דזשאַב ביי זומערדיגע דרעסעס. אין שאַפּ איז געווען שטאַרק ביזי, דער גאַנצער פּלענט האָט געאַרבייט און פולען שוואונג, און פּאָר מיר מיט נאָך אַן אָפּעריי טאָר האָט מען צוגעשטעלט צוויי עקסטרא סיגנעל מאָטאָר מאַשינען ערגעץ אין אַ ווינקעל. שוין דעם ערשטען טאָג האָב איך דערהערט איר מענערשע הייזעריגע שטימע, וועלכע איז דאָך ניט געווען אין גאַנצען מענעריש און האָט דערפאַר צוגעצויגען מיין אויפמערקזאַמקייט. זי איז געזעסען גאַנץ ווייט פון מיר און איר שטימע איז געקומען צו מיינע אויערען ניט דירעקט, נאָר עפּעס ווי אַן עכאָ האָט איר קול אָפּגעשלאָגען פון סילינג מיר אין קאָפּ אַריין. צוליב דעם טומעל און גערויש אין שאַפּ, האָב איך ניט געקענט הערען וואָס זי רעדט דאַרטען, אָבער די זאָנדערבאַרע שטימע מיט דער גאַנץ געשמאַקער אינטאנאציע, מיט דער ווייבערישער ווייכקייט און האַרצקייט וואָס איז געלעגען אין איר, האָט מיך פאַר־אינטערעסירט.

דינער טיים האָב איך אויסגעפונען צו וועמען די שטימע באַ־לאַנגט און איך האָב איר גוט באַטראַכט. דאָס איז געווען אַ גאַנץ געזונטע און פולע מויד, פון הויכען וואוקס פון אַ יאָר זעקס־זיבען און צוואַנציג, מיט געלאָסענע און געזעצטע באַוועגונגען, מיט ברוינע גוטע אויגען און מיט גאַנץ סימפּאַטישע געזיכטס ציגע. זי האָט אויף מיר געמאַכט אַ גוטען איינדרוק. אין פאַרלויף פון דער וואָך האָב איך זיך דערוואוסט אז זי איז די שנעלסטע האַנט אין שאַפּ און זי נעמט אָפּ די גרעסטע „פּעידעס". און דאָך אַז איינער האָט זיך צוגעקוקט ווי דאלי אַרבייט, וואָלט ער געשוואָרען אַז זי איז אַ סלאָע. זי איז געזעסען ביים מאַשין גלייך, ניט איינגעבויגען און

איינגעהויקערט ווי אַנדערע, אַ קאַלטע און אַ געלאַסענע און עס האָט זיך געדוכט אַז זי מעסט און ציילט אירע באַוועגונגען. זי האָט אויך ניט פאַרפעלט צו זען וואָס איבער׳ן שאַפּ טוט זיך און דערצו האָט זיך ביי איר נאָך דער מויל כמעט אַ גאַנצן טאָג ניט צוגעמאַכט. זי איז געווען דער גאַנצער בעל דעה אין שאַפּ, און כאָטש עס איז געווען אַ טשערמאַן, האָבען אָבער אַלע געהאַלטען דאַלי׳ן פאַר דער הויפּט מאַכערין. אויך דער באָס האָט זיך געווענדעט צו דאַלי׳ן ווען ער האָט עפּעס אָנגעזאָגט אין שאַפּ, אָדער ווען ער איז צוגעגאַנגען וועגען אַ פּרייז אויף אַ נייעם גאַרמענט. און כאָטש דאַלי פלעגט אים ברוגז׳לעך און כעס׳דיג אָפּשיקען צום טשערמאַן, האָט ער זיך אָבער דעם צווייטען מאָל ווידער געווענדעט צו איר און ניט צום טשערמאַן. זי האָט זיך אין אַלעס געמישט, און האָט זיך מיט׳ן באָס און מיט דער פאַרליידי פאַר אַלעס און אַלעמען אַרומגעקריגט, און האָט וועגען דער קלענסטער עוולה אין שאַפּ געריעדט און איבערגערעדט גאַנצע שטונדען. און אַלץ מיט דער הויכער באַסאַווער הייזעריגלאַך־מענער־ שער שטימע. אַז זי פלעגט זיך גוט אָנריידען וועגען אַ געוויסער עוולה און קיינער האָט איר ניט געענטפערט, האָט זיך עס ביי איר נאָך פאַרענדיגט מיט טרערען. וויינענדיג האָט זי אויסגעקוקט זעהר קאָמיש. איר שטימע און איר גאַנצער געשילדער האָט אויסגעזען אַזוי פיל מענעריש דאָס דער וויינען האָט איר זעהר ניט געפּאַסט און עס האָט געמוזט אַרויסרופען ביי אַלעמען אַ שמייכעל.

מיט דער פאַרליידי האָט זי זיך אַרומגעקריגט יעדען טאָג, און מערקווירדיג, ווי זי פלעגט דאָס אימער געפינען פאַרוואָס צו קריגען זיך. עס האָט נאָר אויסגעזען אַז זי טוט דאָס, ניט אַזוי אויס שלעכטס־ קייט, אָדער ווייל זי איז קריגעריש געשטימט געגען דער פאַרליידי, נאָר אַז זי טוט דאָס הויפּטזעכליך לשם מצוה. זי האָט זיך אַריינ־ גענומען אין קאָפּ אַז אַן אמת׳ער יוניאָן מאַן מיט אַ גוטשטייענדיגען ביכעל מוז זיך אַרומקריגען מיט׳ן באָס און מיט׳ן פאָרמאַן, אַנדערש איז מען ניט קיין כשר׳ער, קיין עכטער רעוואָלוציאָנערער אַרבייטער. עפּעס האָט זיך ביי איר אויסגעאַרבייט אַזאַ מין פּסיכאָלאָגיע! אַז מיט אַ באָס דאַרף מען זיך וואָס מער אַרומרייסען, און אַז דאָס איז

איינע פון די עיקרים פון דעם טרייד־יוניאָניזם. זי איז ניט געווען געבילדעט, ניט אַפילו באַלעזען. זי איז אָבער ניט געווען קיין נאַר און זי האָט געקענט געבען אַן אַרגומענט.

דאָס בלויזע אַרומקריגען האָט אָבער דאַלי׳ן ניט צופרידען געשטעלט. איר סאָרט יוניאָניזם האָט געפאָדערט אַקציע, קאַמף, סטאַפּעדזשעס, און אַלץ צוליב אַ גאַרנישט, צוליב אַ נאַרישקייט, וואָס האָט געקאָנט זעהר לייכט אויסגעגליכעך ווערען פון דעם טשער־מאַן אָדער פון אַ ביזנעס אייזנשענט. ביי דאַלי׳ן איז אַזאַ טאָג געווען טייער, כמעט הייליג. אין אַזאַ צייט איז איר יוניאָן ספּיריט באַפרידיגט געוואָרען. זי האָט זיך געפילט אין די העכערע ספערען. ערשט אין אַזאַ צייט האָט זי געפילט אַז זי טוט עפּעס וויכטיגעס פאַר איר יוניאָן, אַז זי איז אין דער מדרגה פון אַ רעוואָלוציאָנערען אַרבייטער. גע־ענדיגט האָט זיך טאַקע דערמיט וואָס דעם באָס איז נמאס געוואָרען דאָס אייביגע אַרומקריגען און ער האָט דעם שאַפּ אויפגעגעבען. דאַלי אָבער האָט זיך פון דעם אַ האָר ניט געערגערט. אמת אַז זי האָט דאָרטען גוט פאַרדינט, אָבער אַרויסטרייבען אַ באָס פון ביזנעס איז אַ גרויסע באַפרידיגונג פאַר דער נשמה, אַזאַ הייליגע טהאָט גיט דאַלי׳ן מער צופרידענהייט ווי גוטע ווייזשעס.

אַ פאַר יאָר האָב איך דאַלי׳ן ניט געזען. איך האָב איר אָבער ניט געקענט פאַרגעסען. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט פאַר איר ביי באַקאַנטע, קיינער אָבער האָט איר ניט געזען און ניט געהערט. ערשט אין אַ צייט אַרום האָב איך איר געטראָפען שטייענדיג ביי אַ שאַפּ אין מיטען די אַרבייטס שטונדען. איך בין איר פאַרבייגעגאַנגען און איך האָב איר אַפילו ניט דערקאָנט, אַזוי האָט זי זיך געענ־דערט. איך האָב זיך אָבער געכאַפּט אַז דאָס איז דאָך דאַלי, און איך האָב זיך אומגעקערט און האָב איר באַגריסט. מיין העלאָ האָט זי אויפגענומען זעהר קאַלט, כמעט מיט חשד, און זי האָט מיר ניט גערן געענטפערט. איך האָב געפילט אַז ניט נאָר האַלט זי מיר ניט פאַר איר גלייכען, פאַר אַ „ברודער״, נאָר אַז זי האָט פשוט צו מיר קיין צוטרוי ניט. „וואָס טוט זי דאָ אין מיטען טאָג״? „זי פּיקעט דעם שאַפּ איינע אַליין״. די איבעריגע 12 אַרבייטער זיינען זיך צוגאַנגען,

עס לוינט ניט צו סטרייקען מיט אַזאַ קאַקערוטש, איז זי, דאַלי, געבליבען אַליין. און זי וועט סטרייקען ביז אַרונטער. ביז וואַנען דער „באָסיאַק" וועט אויפגעבען די ביזנעס. און איך זע ווידער אַמאָל די זעלביגע דאַלי, אַ צופרידענע, כמעט אַ גליקליכע, וואָס זי וועט באַלד אַרויסטרייבען אַ בורזשוק פון ביזנעס. „איז איר ניט שווער צו סטרייקען איינע אַליין?" „ניין". „פילט זי זיך ניט עלענד און פאַרלאָזען?" „אָה, נאַרישקייטען". איך האָב געקוקט אויף איר מיט באוואונדערונג און ערשטוינונג: וואָס אַזעלכעס איז דאָס, אָט אין דער מיידעל מיט די ברוינע מוטערליכע גוטע אויגען, וואָס מאַכט איר אייביג צו קעמפען, אייביג צו קריגען זיך און גרייט אַפילו צו שלאָגען זיך מיט די באָסעס און פאַרלייטע?

פאַר איר אייביגען קאַמף האָט אָבער דאַלי באַצאָלט אַ שווערען פּרייז. פאַר די צוויי יאָר איז זי געוואָרען אַ חורבה: איינגעצויגענע באַקען, קיין קאָליר אין געזיכט, אַרום די אויגען טונקעלע רעדער, די ציין, שוואַרץ און פאַרלאַטעט, דער מויל אויסגעקרימט מיט בייזע, דראָענדע קנייטשען פוןביידע זייטען, און מיט אַן איינגעפאַלענעם פלאַכען בוזעם. און דאָך, מיט דעם גאַנצען שלעכטען און גאַליגען אויסדרוק פון איר אַזוי געענדערטען פּנים, האָט פון אירע ברוינע אויגען אַרויסגעשיינט אַזאַ מילדקייט, אַזאַ גרענצלאָזע גוטסקייט און אַזאַ טיפער אינערליכער גליק אַז איך האָב אויף איר, אין דער זעלבער צייט, אי רחמנות געהאַט, אי איך האָב איר מקנא געווען.

ווידער אַ מאָל האָב איך דאַלי'ן געטראָפען ביי אַ יוניאָן מיטינג, און מערקווירדיג, איר ערשטע בילד, פון דער געזונטער, אויסגעפּילטער דאַלי'ן, האָט זיך אַזוי איינגעקריצט אין מיין זכרון, אַז יעדעס מאָל וואָס איך דערזע איר, ווער איך פאַרציטערט און עס פאַרקוועטשט מיר ביים האַרצען. זי איז אויף דעם מיטינג ניט געווען קיין רעדנעריך, ניט קיין פראַגע שטעלעריך, אַפילו ניט קיין האַנט הויבעריך, אָבער פון אירע ברוינע אויגען האָט געשטראַלט גליק, צופרידענהייט שוין פון דעם אַליין, וואָס זי איז אַנוועזענד ביי אַזאַ געפּאַקטען און ער־פאָלגרייכען מיטינג. איך האָב איר באַגריסט, זי אָבער האָט ניט גערן געענטפערט מיט אַ שוואַכען שאָקעל מיט'ן קאָפּ, קענטיג, אַז זי האָט

געהאַט אַ באַשטימטע מיינונג וועגען מיר, אַז איך בין ניט קיין ווירדיגע פּערזאָן, פון וועמען מען דאַרף זיך האַלטען פון וויטען.

דעם לעצטען מאָל האָב איך איר געטראָפען אויף די „באַריקאַדען״ אין דער צייט פון׳ם עקשאָן קאַמף. מיט אַן ערנסטע, כמעט הייליגע, מינע אויפ׳ן נאָך מער פאַרערגערטען געזיכט, קאַלט און געלאַסען, מיט אויגען, פון וועלכע עס האָט אַרויסגעשיינט דער גליק פון אַזאַ גרויסען וויכטיגען מאָמענט, איז דאַלי געשטאַנען אויף די טרעפּ פון אַריינגאַנג צו איר לאָקאַל אָפּיס און זי האָט באַוואַכט דעם דורכגאַנג פון דעם „שונא״. זי איז געשטאַנען אין רעכטען מיטען, אין סאַמע צענטער פון דעם קראָוד מוטיג און אומערשראָקען, און זי איז געוועזען גרייט צו פאַרטיידיגען איר יוניאָן „דאָ פּאָסליעדנעי קאַפּלי קראָווי״.

פאַרנאַכט ביים פענסטער

עס איז פאַרנאַכט, נאָך אַ הייסען טאָג ענדע דזשולאַי. פרומע, אַ ווייבעל פון אַ יאָר דרייסיג, זיצט ביים אָפענעם פענסטער און שעפּט דאָס ביסעל שוואַכע, כמעט ניט באַוועגליכע לופט פון גאַס. אויפ׳ן שויס האַלט זי איר אינגסטע קינד, אַ אינגעל וועמען זי האָט יעצט צום ערשטען מאָל, נאָך אַ פינף וואָכיגען שווערען סקאַרלאַט פיבער, אַראָפּגענומען פון בעט. דאָס קינד שפּילט זיך מיט אַ שפּילצייג; אַ שמייכעל שוועבט אויף זיין בלאַסען אָפּגע־צערטען פּנים׳ל. ער איז צופרידען און גליקלאַך וואָס ער זיצט ביים אָפענעם פענסטער און זעט זיינע חברים, פון וועמען ער איז געווען דערוויטערט גאַנצע פינף וואָכען, און וועלכע האָבען זיך אַרומגעקליבען אַרום פענסטער און ריידען צו אים און שמייכלען און שרייען און רופען אים ביים נאָמען. די מוטער, וועלכע איז גראַדע אַזוי אויס־געצערט און בלאַס ווי איר קינד, איז אָבער גליקלאַך, וואָס זי האָט ענדליך דערלעבט צו זיצען מיט איר קינד אויפ׳ן שויס נאָך פינף וואָכען פון שרעק און ליידען, וואָס האָט זיך אויסגעצויגען ווי אַ יאָר; זי וואונדערט זיך אַוואו האָבען זיך עס ביי איר גענומען כוחות עס אַריבערצוטראָגען. פרומע קוקט זיך איין אויפ׳ן קינד נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. זי פאַרטראַכט זיך, און אין אירע געדאַנקען גייט דורך אַ ביסעל היסטאָריע פון די לעצטע פיר יאָר.

מיט פיר יאָר צוריק, אין אַזאַ פאַרנאַכט, ווי יעצט, איז פרומע׳ס מאַן, וואולף, אַ דזשולער ביים טרייד, געקומען פון דער אַרבייט אַהיים. ער האָט זיך אַרומגעוואַשען, זיך איבערגעטאָן און געזעצט זיך צום טיש עסען סאַפּער. ביים עסען האָט ער באַמערקט אַז זיין פרומע

איז עפּעס אומרוהיג און צוטראָגען; ער האָט זיך גענומען ערקונדיגען וועגען די אורזאַכע, האָט זי זיך פאַרשעמט, אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ, און האָט גאָרניט געענטפערט. וואולף, אַ טאַטע פון צוויי קינדער, האָט שוין פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט. ער האָט זיך אויפגעהויבען און איז אַוועק פון טיש, און ער האָט שוין דעם סאַפּער ניט געענדיגט. די צוויי קינדער, ליאָן, אַ געוויקסיגער אינגעל פון זיבען יאָר, און פלאָרא, אַ בלאָנדע מיידעלע, מיט גרויסע בלויע אויגען, פון פינף יאָר, האָבען געזען אַז טאַטע־מאַמע זיינען צוטראָגען און ברוגז. דער טאַטע זיצט אין פראָנט רום נעבען פענסטער אַן אָנגעכמורעטער, און די מאַמע זיצט אין קיך און וויינט. און זיי האָבען ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ טוט זיך. געוויינליך, אַז טאַטע־מאַמע צוקריגען זיך, זשאַ־לעווען זיי ניט קיין ווערטער, און זיי ווייסען שוין וואָס און ווען. טאַטע־מאַמע דיינקען טאַקע אַז זיי פאַרשטעהען ניט, אָבער ליאָן, פאַרשטייט שוין גאָר וואָס עס קומט פאָר, און ער ווייסט אַפילו ווער עס איז גערעכט און ווער אומגערעכט. מאַנכעס מאָל ווילט זיך אים לאַכען, פאַרוואָס אַזעלכע צוויי גרויסע, ווי דער טאַטע מיט דער מאַמען זיינען, זאָלען זיך קריגען איבער אַזעלכע נאַרישקייטען. אָבער דעם מאָל האָבען די קינדער בשום אופן ניט געקענט באַגרייפען וואָס עס קומט פאָר. עפּעס מוז עס זיין זעהר אַ וויכטיגע זאַך, אַז דער טאַטע קאָן שוין קיין סאַפּער ניט עסען.

אויף מאָרגען איז פרומע אַ פאַרצוויפעלטע אַוועקגעלאָפען צו איר פאַמיליען דאָקטאָר, ער זאָל איר ראַטעווען פון דעם אומגליק, וואָס קומט אויף איר: עפּעס אַ קליינינקייט, אַן אַרבייטס־פרוי מיט דריי קינדער היינטיגע צייטען. זי וועט זיך אַ מיתה אָנטאָן. דער דאָקטאָר האָט איר אונטערזוכט, און ער האָט איר ערקלערט, אַז אונטער די אומשטענדען קען ער פאַר איר גאָרניט טאָן. ער האָט איר געוואָרענט פון צו גיין צו אַנדערע, ווייל זי שפּילט מיט׳ן לעבען, און זי ריזיקירט, אַז אירע קינדער זאָלען בלייבען יתומים אָן אַ מאַמען. דער לעצטער אַרגומענט האָט געווירקט, און פרומע, אַ טרויעריגע און אַ דערשלאָ־גענע, איז אַוועק אַהיים און האָט זיך אונטערוואָרפען צום שיקזאַל: זאָל זיין וואָס עס וועט זיין, אירע קינדער פאַר יתומים וועט זי ניט

מאַכען. רוהיג אָבער איז זי שוין ניט געווען, די גאַנצע צייט פון שוואַנגערען. זי האָט זיך ניט געקענט מוחל זיין פאַר דאָס וואָס האָט זיך געטראָפען, דעסטאָ מער איז געווען איר ערגערניש, וואָס זי האָט זיך געפילט די הויפּט שולדיגע.

מיט זעהר אַ שווערען געמיט האָט פרומע געבראַכט אויף דער וועלט איר ניט געבעטענעם הערי'ן. זי האָט זיך געשראָקען, אַז דאָס זאָל חלילה ניט זיין עפּעס אַ פאַרזעעניש, אָדער מיט אַ מום, און זי איז געווען איבערראַשט צו דערזען נעבען זיך אַ בייבי ווי אַלע, מיט הענט און פיס, מיט אַזאַ שטאַרקען קוויטש. זי האָט זיך ניט געפילט פאַלקאָם, און דורך און גליקלאַך, ווי זי האָט געפילט ווען איר ליאָן איז געבאָרען געוואָרען, אָדער זאָגאַר ווי ווען איר פלאָראַ איז געקומען. זי איז אָבער געווען צופרידען און באַרוהיגט פון דעם, וואָס עס איז אַ רעגעלע בייבי, ניט קיין קריפּעל. זי האָט געפילט אַ רחמנות צו דאָס קליינע נפש'ל, וואָס איז געקומען אויף דער וועלט געגען איר ווילען. אַ צייט נאָכאַנאַנד האָט זיך פרומען אַלץ געדאַכט, אַז זי האָט ניט קיין ליבע פאַר דאָס קינד, נאָר רחמנות, אָבער מערקווירדיג, עפּעס איז די דאָזיגע רחמנות צו דאָס הילפלאָזע נפש'ל פיל שטאַרקער און טיפער ווי איר ליבע איז אַמאָל געווען צו די עלטערע קינדער אין דעם זעלבען עלטער. זי האָט אַרויס־געוויזען מער געטריישאַפט, איבערגעבענקייט און אָפּפערווילליגקייט צו דער בייבי ווי צו אירע צוויי עלטערע קינדער, און ווען אימיצער האָט איר אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם, האָט זי זיך פאַרענטפערט אַז זי טוט עס אויס רחמנות, זי האָט ניט ליבער איר בייבי ווי יענע קינדער, נאָר זי האָט אויף אים רחמנות, ווייל עס איז דאָך נאָך אַזוי קליין, שוואַך און הילפלאָז.

דעם צווייטען זומער האָט דאָס קינד געקראָגען עפּעס אַן אויס־שיטונג אויפ'ן לייב, וואָס פרומע'ן איז עס געווען אומבאַקאַנט. אירע עלטערע צוויי קינדער האָבען עס ניט געהאַט, זי האָט זיך זעהר איבערגעשראָקען און איז אַוועקגעלאָפען צום דאָקטאָר. מיט אירע עלטערע צוויי אַז עס האָט זיך עפּעס געטראָפען, פלעגט זי זיך גאָרניט איבערשרעקען און ניט לויפען אַזוי גיך צום דאָקטאָר, זי

פלעגט אַפּריער פּרובירען באַבסקע מיטלען. מיט דער בייבי אָבער, אַז עס מאַכט זיך עפּעס, דערשרעקט זי זיך, ווערט זעהר אומרוהיג, און ראפּטאַם צום דאָקטאָר. ערגעץ אין אַ ווינקעל פון איר מוח איז פאַרבאַהאַלטען דער געדאַנק, אַז מסתמא וועט זיך די נאַטור מיט איר אָפּרעכענען דערפאַר, וואָס זי האָט דעם קינד ניט געוואָלט ברענגען אויף דער וועלט, און האָט אים מיט אַזאַ שווערען געמיט אויסגעטראָגען און געבוירען. זי פילט זיך שולדיג, און זי וואַגט ניט צו שטעלען אויף זיך, ווען עס מאַכט זיך עפּעס מיט אים.

די אויסשיטונג האָט זיך אַרויסגעצייגט צו זיין עפּעס אַזאַ מין עקזאַמע, און דער דאָקטאָר האָט איר געזאָגט, דאָס אַזעלכעס גייט אַמאָל אַוועק גיך, אָבער עס טרעפט, אַז עס נעמט צייט ביז וואַנען מ׳קאָן עס אויסהיילען, אָבער פאַר קיין פאַל איז עס ניט געפערליך. זי זאָל זיך האַלטען רוהיג און אויספאָלגען די אינסטראַקשאַנס וואָס ער וועט איר געבען. פרומע איז אַוועק פון אים מיט אַ שווערען געמיט. זי איז שוין יענעם זומער רוהיג ניט געווען. יענער באַהאַלטענער געדאַנק האָט איר ניט געלאָזען רוהען ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט. זי איז שיער פון זינען ניט אַרונטער. יעצט, זעענדיג אַז דער אויס־שיטונג האַלט זיך אַזוי לאַנג, איז זי שוין געווען זיכער אַז דאָס שטראָפט איר די נאַטור פאַר אירע זינד.

און דאָ האָט זיך נאָך אויף איר אַראָפּגעלאָזען אַ צרה גאָר פון אַנאַנדער זייט: איר מאַן, וועלכער איז ביז דאַן געווען אַ הויז־זיצער און פלעגט איר צוהעלפען מיט די קינדער, האָט אָנגעהויבען וויכען פון הויז, אַוועקגיין גאַנצע נעכט, ניט קומען אַהיים פאַר סאַפּער. די צרות מיט׳ן קראַנקען קינד, זיין וויינען און שרייען און דער וויב׳ס נערוועזיטעט האָבען אים פון הויז פאַריאָגט. פריער איז אין הויז געווען אַ פאַרגעניגען, ער פלעגט טרעפען אַ רוהיגע, אַ געמיטליכע וויב מיט פריילירכע ציכטיגע קינדער און אַן אויפגעראַמטע זויבערע היים, און אים איז קיינמאָל ניט איינגעפאַלען אַוועקגיין פון הויז. גיין צו אַ מיטינג פון זיין סאָסייעטי אָדער פון דער יוניאָן, איז ביי אים געווען אַן אָפּקומעניש. אָבער יעצט איז אים די הויז געוואָרען אַ גיהנום, און ער אַנטלויפט פון הויז, מיט אַ תירוץ, ווען עס לאָזט

זיך, און לעצטענס שוין גאָר אָן תירוצים. פרומע ערגערט זיך און זי פילט זיך באַליידיגט, ערנידעריגט און אָנטוישט. איר מאַנ׳ס אַנטלויפען פון הויז אין אַזאַ קריטישער לאַגע, זיין ניט נעמען קיין אָנטייל אין אירע צרות, האָט איר איבערצייגט, ווי פּוסט און נישטיג עס איז זיין זאַגענאַנטע ליבע. פרומע פילט אַז עפּעס האָט זיך ביי איר אין האַרצען אָפּגעריסען, און אַז זי וועט שוין צו אים קיינמאָל מער ניט האָבען יענע וואַרימע צערטלאַכע געפילען, וואָס זי האָט ביז יעצט געהאָט פאַר אים. יענע איידעלע און פיין וויברירענדע סטרונעס האָבען זיך ביי איר אין האַרצען אָפּגעריסען אויף אימער...

פרומע קוקט זיך נאָכאַמאָל איין אויף איר קינד, צוליב וועמען זי האָט פאַרלאָרען איר ליבע צו איר מאַן. זי נעמט אים אַרום און קושט אים שטאַרק, ליידענשאַפטליך, און קלערט, אַז אָט די ליבע וועט זי דאַכט זיך קיינמאָל ניט פאַרלירען...

מיס עקס

דעם ערשטען מאָל האָב איך איר געטראָפען אין האָמער׳ס שאַפּ מיט פילע יאָרען צוריק, ווען איך בין דאָרטען געווען טשערמאַן. זי איז געווען אַ נייע „האַנט" און איך האָב איר די ערשטע צייט גאָר־ניט באַמערקט, דער שאַפּ איז געווען אַ גרויסער, נײַנציג מאַשינען צו דרייסיג אין אַ ליין, און זי איז געזעסען אויף דער דריטער ליין אין דעם ווייטסטען עק און איך האָב איר דאָריבער ניט באַמערקט אַ היפּשע צייט.

איך געדענק ניט ווי אַזוי, אָבער איינמאָל, אַרונטערגייענדיג פאַרנאַכט נאָך דער אַרבייט פון שאַפּ, איז זי אויסגעוואַקסען נעבען מיר און האָט אין מיר אַריינגעשטאָכען דעם בליק פון אירע גוטע, ווייכע און נאַרישליכע בלויע אויגען און מיט אַ שוואַכע, מילדע שטימע און מיט אַ ציטערדיגער נאָכגעביגער שפּראַך, וועלכע האָבען עדות געזאָגט אויף אַ שוואַכען כאַראַקטער, האָט זי זיך פאַר מיר אָנגעהויבען באַקלאָגען, אַז זי ווערט פון פאָרמאַן ניט באַהאַנדעלט ריכטיג, זי ווערט געקריוודעט ביים איינטיילען אַרבייט, און אַז ער איז אַ „נאַכאַל". און נאָך עפּעס עטליכע קלאָגען וועלכע אַלע נייע מיידלאַך מאַכען געוועהנליך געגען אַ פאָרמאַן, דערפאַר וואָס זיי פאַר־דינען ניט אַזויפיל וויפיל די אַלטע און זיי דוכט זיך, אַז דאָס איז די שולד פון דעם פאָרמאַן. איך האָב איר געטרייסט און ערמוטיגט און פאַרזיכערט, אַז זי וועט אינגיכען פאַרדינען מיט אַלעמען גלייך. זאָל זי זיך נאָר צוגעוואוינען צו דער אַרבייט. איך האָב איר קיין צופיל אויפמערקזאַמקייט ניט געשענקט, ווייל זי האָט מיר ניט פאַראינטערעסירט. איך האָב איר אָנגענומען פאַר אַ נאַרישלאַכע ניט ענטוויקעלטע מיידעל, און ווען איך בין אַוועק פון איר, האָב איך מיט דער מינוט זיך גלייך פאַרגעסען אָן איר.

דורך די קומענדע טעג האָב איך באַמערקט, אַז זי קוקט אויף מיר גאַנץ אָפּט. און ווען מיר איז אויסגעקומען פאַרבייגיין איר מאַשין האָט זי געשמייכעלט צו מיר מיט אירע גוטע, מילדע און נאַרישע בלויע אויגען. און מאָדנע, יעדעס מאָל וואָס איך האָב באַמערקט איר בליק האָב איך גלייכצייטיג אויך באַמערקט די אייגענשאַפטען פון אירע אויגען, צוערשט די מעלות און נאָכהער די חסרונות. אמת טאַקע אַז די גאַנצע זאַך האָט גענומען איין סעקונדע, אָבער דאָך האָב איך די מעלות דערזען פריער און דעם חסרון נאָכהער.

זי האָט געמוזט דאַן זיין אַ יאָר עטליכע און צוואַנציג, ניט קיין געבילדעטע און ניט קיין באַלעזענע און נאָך זעהר אַ „גרינע", אָבער זי האָט שוין, אין דער היים, געהערט בונדיסטישע אַגיטאַטאָרס אויף געהיימע פאַרזאַמלונגען אין דעם נאָענטען וועלדעל פון שטעדטעל. זי האָט געקענט עטליכע שטיקלאַך פון רעוואָלוציאָנערע לידלאַך און זי האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ „רעוואָלוציאָנערקע", פאַר אַ באַוואוסטזיניגע, פאַר אַ העכערער פערזאָן, ווי די איבעריגע מיידלאַך, וואָס זיינען אויף קיינע געהיימע „סכאָדקעס" ניט געווען. זי האָט זיך געוואָרפען מיט די ווערטער „בורזשואַזיע" און „פּראָלעטאַריאַט" און זי האָט שוין געהאַלטען פאַר איר פליכט צו איבערשטעלען די וועלט, צו ברענגען די „סאָציאַלע רעוואָלוציע".

מ'קען ניט זאָגען, אַז זי האָט דיזע געדאַנקען קלאָר געפילט און געדענקט און האָט זיי געקענט קלאָר אַרויסברענגען. דאָס ניט, אָבער דאָך האָט מען דאָס געקענט אַרויסלעזען פון צווישען אירע רייד, ווען זי האָט זיך באַקלאָגט אויפ'ן פאָרמאַן און אויף די „אונוויסענדע מיידלאַך". זי האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ וויסענדע, זי איז דאָך געווען אויף אַ פּאָר געהיימע פאַרזאַמלונגען און ווען די עלטערען שיקען איר ניט אַוועק קיין אַמעריקע וואָלט זי נאָך אַריינ־געפאַלען אין סיביר (אירע ווערטער).

איך פלעג איר אויסהערען ניט גערן, און איך פלעג אַלץ באַ־טראַכטען אירע גוטע, נאַרישע בלויע אויגען, און איך פלעג טראַכטען אַז זי וואָלט געקענט זיין אַ גוטע ווייב צו אימיצען און נאָך אַ בעסערע מאַמע צו עטליכע קינדער. און נאָך יעדען מאָל

וואָס מיר איז געלונגען אָפּצוטשעפּען זיך פון איר, האָב איך גע־טראַכט, אַז זי איז זעהר אַ נאַרישע. ניט דאָס זי האָט זיך אַלץ מער אַרויסגעצייגט פאַר נאַרישער, נאָר איך האָב ניט געקענט געפינען אין איר עפּעס אינטערעסאַנטעס, אָריגינעלעס, און ווערענדיג מיר איבערדריסיג האָט זיך מיר געדוכט, אַז זי ווערט וואָס ווייטער אַלץ נאַרישער.

איינמאָל האָט זי זיך באַקלאָגט פאַר מיר, אַז זי ליידט אויף די פיס און אַז זי קען קוים דערציען דעם טאָג ביים מאַשין. איך האָב איר געראַטען צו גיין צו מיין דאָקטאָר פון וועמען איך האָב זעהר געהאַלטען. זי האָט מיר געבעטען איך זאָל גיין מיט איר, און כאָטש דאָס האָט מיר אויסגעקוקט פריקרע, צו גיין מיט אַ פרעמדע מיידעל צו אַ דאָקטאָר, האָב איך אָבער ניט געהאַט קיין האַרץ איר צו ענטזאָגען און איך בין מיט איר געגאַנגען.

ביים דאָקטאָר אין אָפיס האָט זי זיך אַרומגעזען אַז איר פעלט געלט און איך האָב עס איר גערן אויסגעליען, און אַזוי ווי מיר האָבען געוואוינט אין איין געגענד, זיינען מיר צוזאַמען געפאָרען אַ היים און איך האָב, מעשה דזשענטעלמאַן, באַצאָלט איר „פעיר״. אויף מאָרגען האָט זי שוין מיר געפרעגט, מיט אַ ווייבליך קלוי־גיטשקען שמייכעלע, דעם מיין פון וועלכען אירע נאַרישע אויגען האָבען גלייך פאַר׳מסר׳ט — פאַרוואָס איך בין אַזוי גוט צו איר...

***

עס איז אַוועק אַ היפשע צייט, איך בין שוין לאַנג אַוועק פון האָמער׳ס שאָפּ, און אַן דער מיס עקס האָב איך שוין לאַנג פאַרגעסען. און איינמאָל זייענדיג אויף אַ סטאַדיום קאָנצערט האָב איך איר ווידער געטראָפען. דער קאָנצערט האָט זיך נאָך ניט אָנגעפאַנגען און איך האָב דורכגעקוקט דעם פּראָגראַם, ערשט איך הער אימיצער רופט: „העלאָ, טשערמאַן!״ אין סטאַדיום האָט אַזאַ צורוף געקלונגען זעהר קאָמיש און איך האָב אויפגעהויבען דעם קאָפּ זעהן ווער רופט דאָס. ערשט איך דערזע איר, ווי זי מאַכט צו מיר מיט די הענט איך זאָל צוקומען צו איר. איך בין צעטומעלט געוואָרען פון די פילע

בליקען וועלכע האָבען זיך געשאָטען אויף מיר און זייענדיג אַ ביסעל פאַרווירט בין איך צוגעגאַנגען צו איר. זי איז געווען די זעלביגע, בלויז אַ ביסעל בלאַסער און אַ ביסעל מאַגערער, מיט אַ שאָטען פון אַ פּאָר קנייטשען אויפ'ן שטערען. אָבער דערזעלבער גוטער פריינד־ליכער קוק פון די בלויע נאַרישלאַכע אויגען, פריילאַך און באַ־גייסטערט פון דעם באַלדיגען קאָנצערט. איך גיב איר אַ פרעג וואָס מ'וועט שפּילען און איך פּרוביר אַרויסציהען פון איר אַן ערקלערונג, אָבער אומזיסט מיין מיה, זי ווייס וועגען מוזיק וויפיל זי ווייס וועגען רעוואָלוציע, און דאָך ניט וויסענדיג און ניט פאַרשטייענדיג, האָט זי פון דעם הנאה. און ווען דער אָרקעסטער האָט געהאַלטען אין שפּילען, האָט די מיידעל פאַרגלאָצט די אויגען און איז געווען לויטער התלהבות און דבקות. אָט אַזוי פלעגט, אין דער באַלמעלאָכישער שולכעל, פּרץ דער שוסטער זיך צוקאָכען מיט באַ־גייסטערונג און טעמפּעראַמענט אין אַ קאַפּיטעל תהלים, כאָטש ער האָט ניט אָנגעהויבען צו פאַרשטיין דעם פּירוש המלות.

גייענדיג פון קאָנצערט האָט זי זיך פאַר מיר באַקלאָגט אויף אירען אַ קאָזין, אין וועמען זי איז לעצטענס געווען פאַרליבט און וועלכער האָט איר אויסגענוצט און טאַקע באַלד אַן צערעמאָניעס איר אַוועקגעוואָרפען. אָבער זי האָט קיין האַס אויף אים ניט גע־טראָגען, זי האָט דאָס גענומען אַלס טייל פון דער אָנקומענדער רעוואָלוציע... געוויס קענען דאָך ניט רעוואָלוציאָנערען גיין חתונה האָבען און האָבען קינדער גלייך מיט די אומוויסענדע מענשען. איר האַרץ האָט טאַקע ווי געטאָן אָבער וואָס קען מען זיך העלפען? רעוואָלוציע...

**
*

איך האָב איר ווידער אַ לאַנגע צייט ניט געזען און איך האָב געדענקט, אַז זי איז שוין אַוועק פון טרייד. אָבער לעצטענס, ווען עס האָט אויסגעבראָכען די „רעוואָלוציע" ביי קלאָוקס, האָב איך איר געטראָפען בעבען „פאַרבאַריקאַדירטען" דרעסמאַכער לאָקאַל שטייענדיג צווישען אַ גרופּע מיידלאַך, און מערקווירדיג! זי האָט זיך קיין סך ניט

געענדערט, בלויז די בלויקייט פון די גוטע נאַרישע אויגען איז אַ ביסעל טונקעלער געוואָרען און פון יענע שאָטענס־קנייטשען איבער׳ן שטערען איז געוואָרען אמת׳ע קנייטשען און דער בוזעם איז אַ ביסעל פלאַכער געוואָרען.

זי האָט מיר ווידער באַגריסט מיט איר „העלאָ טשערמאַן”, און האָט מיר אָנגעקוקט מיט איר מילדען בליק, און האָט מיר געשענקט איר היימלאַכען און נאַרישלאַכען שמייכעל, אָט ווי זי וואָלט מיר ערשט נעכטען געזען. זי האָט זיך מיט מיר אַרומגעכאַפּט ווי מיט אַן אבן טוב, אַזש איך האָב זיך געפילט שולדיג, פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ אויפנאַמע, וואָס אַזוינס האָב איך פאַר איר געטאָן?

זי האָט זיך צורעדט פון דעם „קאַמף”, אָבער אירע רייד זיינען געווען אינהאַלטסלאָז, פונקט ווי אַמאָל, זי האָט אויך ריכטיג ניט פאַרשטאַנען פאַר וואָס און פאַר ווען מ׳קעמפט. אָבער דערפאַר איז זי געווען פאַרשמאַיעט און פאַרפלאַמט. זי האָט מיט מיר לאַנג ניט פאַר־בראַכט, עפּעס איז פאַרבייגעגאַנגען אַ בחור אַן אַ הוט, מיט אַ קודראַווע קאָפּ האָר און זי האָט זיך געוואָרפען צו אים מיט דער־זעלבער באַגייסטערונג ווי צו מיר, האָט מיט אים עפּעס אַריינגע־טענה׳ט האַלטענדיג אים פאַר׳ן קנעפּעל פון ראָק און ווען יענער האָט זיך אומגעדולדיג פון איר אַרויסגעריסען, איז זי צוגעלאָפען צו אַ צווייטען בחור, וועלכער איז אָבער אויך געווען פאַרשמאַיעט און צוקאָכט און ער האָט אויסגעקוקט ווי ער האָט הונדערט און איינס וויכטיגע זאַכען צו אַטענדען, און ער איז פון איר מיט אימפּעט אַנטלאָפען.

מיט אַ דריטען האָט זי שוין געהאַט מער מזל, און זי איז אַ גליקליכע, אַ שטראַלענדע, מיט צופלאַמטע באַקען, מיט אים אַוועק האַלטענדיג אים שטייף אונטער׳ן אָרעם. איך האָב איר נאָכגעקוקט און געטראַכט: ווער ווייס? אפשר וועט איר אָט די „רעוואָלוציע” עפּעס יאָ ברענגען.

אַ שטילער פּאַרטנער

עס איז אַוועק עפּעס אַרום אַ האַלב יאָר און איך האָב מיין לאַנדסמאַן, פּנחס, אַ סקוירט אָפּערייטאָר, ניט געזען מער אין „מאַרקעט", וואו איך פלעג אים גאַנץ אָפט טרעפן. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט ביי די לאַנדסלייט, און מ'האָט מיר דערציילט, אַז פּנחס איז אַריין אַלס אַ שטילער פּאַרטנער, צו די לאַנדסלייט מ. און ס. קאָנטראַקטאָרס פון סקוירט, ער זיצט ביים מאַשין, און זיי פירען די ביזנעס, און קיינער אין שאָפּ, און ניט די יוניאַן, ווייסט ניט אַז ער איז אַ פּאַרטנער.

די לאַנדסלייט מ. און ס. זיינען באַוואוסט אַלס היפשע שווינדלער. זינט זיי זיינען אין ביזנעס, האָבען זיי שוין ניט איין שטילען דריטען פּאַרטנער אויסגעליידיגט די קעשענעס און דעם באַנק ביכעל, אויב יענער האָט נאָר אַזוינס פאַרמאָגט.

איך האָב זיך אויך דערוואוסט, אַז פּנחס האָט אַריינגעלייגט זיינע גאַנצע פּאָר דאָלאַר אין געשעפט. פאַר זיין געלט האָט די פירמע מ. און ס. געמופט און אַ גרעסערען לאָפט, מ'האָט צוגעשטעלט מאַשינען און מ'האָט צוגעזאָגט פּנחס'ן אַ גלייכען שער אין די ביזנעס. דאָס וואָס פּנחס האָט ניט קיין מורא געהאַט צו גיין אַלס פּאַרטנער מיט די מ. און ס., באַשטעטיגט נאָך אַ מאָל דעם אַמעריקאַנעם שפּריכוואָרט, אַז אַ סאָקער ווערט געבוירען יעדע מינוט.

פּנחס איז אין אַמעריקע אַ יאָר צוועלף, און איז נאָך יעצט אויך אַ גרינער איד, און דאָס איז איינע פון די אורזאַכען, פאַרוואָס מ. און ס. האָבען אים געקענט איינריידען און אַרויסקריגען פון אים זיינע בלוטיגע פּאָר דאָלאַר, וואָס ער האָט דורך צוועלף יאָרען שווער אַרבעטען, און לייכט עסען, אָפּגעשפּאָרט.

פּנחס האָט אַלע זיינע יאָרען געאַרבייט ביי די ביליגסטע סקוירטס,

ביי די קאָנטראַקטאָרס פון די דאַון־טאַונער שאַפּקעס, וואו מ׳דאַרף זיך אַרויסיאָגען די קישקעס צו מאַכען אַ דאָלאַר. און אַז פּנחס האָט געקענט אָפּשפּאָרען צוויי טויזענד דאָלאַר, האָט ער מסתמא געאַרבייט עטוואָס מער ווי רעגעלע שטונדען. דאָך, וואָלט ער פון זיין אַרבייט ניט געקענט אָנקלייבען אַזוי פיל געלט, האָט אָבער פּנחס אַ ווייב אַן אשת חיל, וואָס האָלט אַ פּולע שטוב מיט באָרדערס, און קאָכט און וואַשט פאַר זיי, און מ׳וואוינט אין טשערי סטריט און מ׳גייט קרוע בלוע. דער ווייב מאַכט פּנחס איינמאָל אַ יאָר אַ סקוירטעל אין שאַפּ, און זי איז באַקליידט אויף אַ גאַנץ יאָר, און ער אַליין צעטראָגט די מלבושים וואָס די באָרדערס וואַרפען אַוועק. און אָט אַזוי לעבענדיג און שפּאָרענדיג יאָר איין און יאָר אויס, האָט פּנחס אָנגעקליבען די פאַר דאָלאַר, וועלכע ער האָט אין אַ בייזע שעה, אַריינגעלייגט אין דעם געשעפט פון מ. און ס. סקוירטס קאָנטראַקטאָרס.

פּנחס האָט זיך אַפילו מישב געווען מיט לאַנדסלייט, און מ׳האָט אים אָפּגערעדט פון צו גיין אין ביזנעס מיט די מ. און ס., אָבער ער האָט זיי ניט געפאָלגט, ער האָט זיך געטראַכט, אַז די לאַנדסלייט פאַרגינען אים ניט, און ווער רעדט נאָך אַז מ. און ס. האָבען זיך אָפּגעשריבען מיט אים ביי אַ לאָיער, אַז ער איז אַ גלייכער שותף סיי צו פאַרדינסטען און סיי צו פאַרלוסט.

פּנחס האָט זיך געזעצט צו דער מאַשינקע, און פילענדיג אַז ער איז באַלעבאָס, האָט ער געאַרבייט פאַר צווייען, און ער האָט נאָך אונטערגעיאָגט די איבעריגע אָפּערייטאָרס. און דער זאָנסט נאַרישער פּנחס, האָט אָבער שכל געהאַט אָפּצונאַרען די יוניאָן, און איז נאָך געוואָרען שאַפּ־טשערמאַן אויך, און ער האָט געאַרבייט אויף אַלע כלים, און מ. און ס. פלעגען אים שוין אַריינלייגען אין מויל די ווערטער, וואָס צו זאָגען און וואָס צו ריידען אין דער יוניע און צו די אַרבייטער.

אַ גאַנצען האַלב יאָר האָט פּנחס פאַרווײלט אין דעם נאַר׳ס גן עדן, ביז וואַנען עס האָט זיך געענדיגט דער סיזאָן, און מ. און ס. האָבען אַרויפגעבראַכט אַן אַקאַאונטענט, און ער האָט דורכגעקוקט די ביכער, וועלכע האָבען געצייגט, אַז פאַר׳ן האַלב יאָר שווערע אַרבייט,

האָט פּנחס פאַרלאָרען עפּעס מער פון אַ העלפט פון דעם קאַפּיטאַל, וואָס ער האָט אַריינגעלייגט צו די מ. און ס.

...דאָ ניט לאַנג האָב איך פּנחס'ן באַגעגענט אין גאַס, בלאַס און אויסגעצערט, ווי נאָך אַ שווערע קראַנקהייט, און מיט אַן אונטער־געשלאָגענע אויג, און אַ לאַנדסמאַן האָט מיר פאַרטרויט, אַז דאָס האָבען אים מ. און ס. אַרויסגעצאָלט זיין חלק, ביים צוטיילען זיך און אָוועקגיין פון די ביזנעס.

דער לומפּען פּראָלעטאַריער

מיט בערציק דעם סקווירט אפּערייטאָר האָב איך זיך באַקאַנט נאָך גרינערהייט, ווען איך בין אַרויף אַרבייטען אין אַ געווייסען שאָפּ אין וואוסטער סטריט, און מען האָט מיך אָוועקגעזעצט אַנטקעגען אים. איך געדענק שוין ניט ווי אַזוי עס איז פּאַרגעקומען, אָבער מיר זיינען גאַנץ גיך געוואָרען גוטע פריינד. בערציק איז אַ גאַנץ גוטער אַרבייטער, האָט גוטע פינגער און באַנעמט אַ סטייל זעהר פלינק; ער איז בטבע ניט קיין שלעכטער, און ער פלעגט מיר, צו יענער צייט, נאָך אַ גרינער אין טרייד, צייגען ווי אַריינצוקריכען אין אַ שטיק אַרבייט, פלעגט מיר געבען אַ טיפּ וועלכער סטייל איז בעסער, פאַרוואָרפען אַ גוט וואָרט פאַר מיר צום פאָרמאַן, און אויף פיל אַנדערע אופנים אַרויסצייגען צו מיר פריינדשאַפט. איך ווייס נאָך עד היום ניט, וואָרום איך האָב נושא חן געווען אין זיינע אויגען, אפשר דערפאַר טאַקע, וואָס איך בין אַזאַ קאָנטראַסט פון אים.

בערציק איז אין אַ שאָפּ ניט קיין קיקער, האָט זעהר אַ גוטען חוש פאַר די פּאָליטיקס פון׳ם שניידער שאָפּ. ער דאַרף נאָר אָפּ־אַרבייטען אין שאָפּ עטליכע וואָכען, און ער קען שוין אַלעמען ביים ערשטען נאָמען, און ווייס וואו זיי וואוינען, וואָסערע ווייבער זיי האָבען און וויפיל קינדער זיי פאַרמאָגען, פון וואַנען זיי זיינען לאַנדס־לייט, ער וועט אייך זאָגען וויפיל באַרדערס דער און דער האָט. זיין חוש צו דערגיין און דערטאַפּען סורות איז צום באַוואונדערן, ער ווייס אויך אַלעמאָל ווען און וואָס מ׳גייט שניידען, און וואוהין און צו וועמען יעדע שטיקעל מלאכה ווערט געשיקט. ער ווייס אויך וואָרום דער באָס האָט היינט געשמייכעלט, און אויך די אורזאַכע, וואָס ער איז געסטערען געווען בייז ווי אַ טיגער. בערציק ווייס אויך יעדענס פעי אין שאָפּ, און אויב איר ווייסט ניט נאָך דער וואָך

וויפיל איר האָט אויסגעמאַכט, גיט אַ פרעג בערציק׳ען און ער וועט דאָס אייך געוויס אויסרעכענען. ער וועט אייך זאָגען ווען איר וועט פינישען אייער באַנדעל, און איר וועט געוויס זיין ערשטוינט אויס־צוגעפינען אַז בערציק האָט קיין טעות ניט געמאַכט.

בערציק, אַז ער אַרבייט אַפּ אַ סעזאָן אין אַ פּלאַץ, קריגט ער אַ „פּול״ מיט׳ן באָס און ער איז זיך מיט אים מישב ווען אַרויפּ־צונעמען און וועמען אַוועקצושיקען. ער רעדט זיך מיט אים דורך, ווער עס איז אַ גוטער און ווער עס איז אַ שלעכטער אַרבייטער, ווער עס איז אַ שטילער און ווער עס איז אַ שייגעץ, און אַזוי אַרום הויבט מען אָן מורא האָבען פאַר בערציק׳ען און דרך ארץ האָבען פאַר אים. בערציק׳ען גיבען אַלע אַפּ גוט מאָרגען, אַפילו דער פאָרמאַן, וואָרום אַז ער וויל, בייסט ער אים אויך אַרויס פון שאַפּ.

אָט אַזוי האָט בערציק געקעניגט אין שאַפּ, ביז וואַנען עס איז געקומען דער סטרייק הגדול אין נײַנצען צען, און ס׳איז געוואָרען אַ „יוניע״ ביי די סקוירטס מאַכער. ווען בערציק, וואָס זאָגסט ווייס ער אַלעס, וואָלט געוואוסט, ווי ווייט די „יוניע״ וועט אים מאַכען פאַר אויס קאָפּעלויש־מאַכער אין שאַפּ, וואָלט ער אפשר דאָן אין גאַנצען ניט אַרונטער געגאַנגען אין סטרייק, און וואָלט געבליבען סקעבען, אָבער אַזוי ווי דער ענין „יוניע״ איז פאַר בערציק׳ען געווען פרעמד, און ער האָט ממש קיין ברעקעל באַגריף ניט געהאַט וועגען דעם, האָט ער זיך געלאָזט אַוועקטראָגען מיט דער כוואַליע פונ׳ם סטרייק אין האַל אַריין, און אַזוי אַרום איז בערציק געוואָרען אַ „יוניעמאַן״ מיט אַ יוניאָן ביכעל אין פאַקעט.

בערציק׳ען איז זעהר שווער אָנגעקומען דאָס סטרייקען, ניט חלילה ווייל ער האָט ניט געהאַט וואָס צו עסען, אָדער מיט וואָס רענט צו באַצאָלען, אַזעלכע בערציקס האָבען שיינע עטליכע הונדער־טער אין די בענק, נאָר די לופט, די אַטמאָספערע פון סטרייק איז געווען שעדליך פאַר אים. עפּעס רעדען זיי דאָרטען אין די האָלס וועגען גלייכהייט, ברידערליכקייט און אייניגקייט, און ווערליג די רעדנער ערקלערען די באַדייטונג פון אָט די מאָדנע ווערטער, און אַז מען גייט זיי איינפירען גאָר אין די שעפּער צווישען די אַרבייטער,

האָט ער, בערציק, זיך געהאַט וואָס צו שרעקען פאַר זיי, וואָס הייסט עפּעס חיים, דער קאַליקע און משה תם, וואָס קען קיין צוויי ווערטער ניט אויסריידען מיט׳ן באָס, אָדער אַפילו מיט׳ן פאָרמאַן, וועט זיין גלייך מיט אים, מיט בערציק׳ען, וואָס ער איז מיט דעם באָס קנעפּעל שבקנעפּעל.

מיט אַ שווערען האַרצען און מיט אַ דערשלאָגענעם געמיט איז בערציק אַרויף צוריק אין שאַפּ, ווען דער סטרייק האָט זיך געענ־דיגט; און יעדען מאָל, ווען בערציק פלעגט אָנטאַפּען זיין „יוניע״־ביכעל אין פּאַקעט, פלעגט ער איגסטינקטיוו אויפציטערען. עפּעס האָט אים די האַרץ געזאָגט אַז קיין גוטעס וועט אים דער ביכעל ניט טאָן.

אַ געשפּרעך צווישן צוויי קלאָוקמאַכער אין פּאַרק

חיים (אַ קלאָוקס אָפּערייטאָר, וואָס האָט דעם סעזאָן געכאַפּט אַ גוטען דזשאָב, און האָט געמאַכט אַ סעזאָן מיט אָווערטיים, רעדט צו זיין פריינד משה, מיט שמחה, מיט אַ שיינענדען פּנים, מיט שטראַלענדע אויגען און מיט אַ שטאָלצען טאָן): האָסטו געהערט די פאָדערונגען, וואָס אונזער יוניע שטעלט אַרויס צו אונזערע באַלע־באַטים?

משה (אויך אַן אָפּערייטאָר, וואָס האָט געמאַכט דורכ׳ן סעזאָן אַ וועלכע לומפּיגע פינף־זעקס וואָכען, אי דאָס, אומוואָנדערענדיג איבער אַ האַלבען טוצען שעפּער. ער איז נאַכלעסיג געקליידעט, דער מאַנטעל איז זעהר אָפּגעטראָגען, די שיך אויסגעקרימט, און די העט איז ווייט פון צו זיין אַ שבת׳דיגע. אויפ׳ן פּנים איז אויסגעשפּרייט אַ זויערע מינע, אַרום די ליפּען קנייטשען פון פאַרביטערונג, אין די אויגען — יאוש, אַפּאַטיע, מיט דעם אויסדרוק „כאשר אבדתי אבדתי״): און אַז געהערט איז וואָס?

חיים: וואָס מיינסטו?

משה: איך מיין, אַז אַרויסשטעלען פאָדערונגען איז נאָך ניט אַלעס.

חיים (ערשטוינט און אַ ביסעל פאַרלאָרען): געוויס איז דאָס ניט אַלעס, מ׳דאַרף זיי אויך קריגען, אָבער דאָס איז אַ שפּעטערדיגע זאַך. דערווייל רעדט מען פון די פאָדערונגען, ווי זיי זיינען אויסגעאַרבייט זעהר קלאָר און טיף, און נעמען אַרום און גיבען אַ באַשטימטען ענטפער אויף כמעט אַלע איבלען אין טרייד. איך האָב מורא, אַז דו

האָסט זיי ריכטיק ניט פאַרשטאַנען. (ער קוקט אויף אים מיט פאַר־דאַכט און ער לייגט צו): אָדער האָסטו זיי אפשר גאָר ניט געלעזען?

משה (מיט איראָניע אין זיין קול): איך האָב זיי שוין גראַדע יאָ געלעזען, איך האָב, גאָט צו דאַנקען, גענוג צייט צו לעזען, און איך פאַרשטיי זיי אויך, איך האָב נאָך מיין פאַרשטאַנד ניט פאַרלאָרען. איך האָב בלויז מיין דזשאָב פאַרלאָרען.

חיים (פול מיט מיטלייד): איך ווייס ניט וואָס דו ביסט אַזוי פעסעמיסטיש, אַ נאָווינע ביי אַ נאָש בראָט צו פאַרלירען אַ סעזאָן. נישקשה, די וועלט גייט נאָך ניט אונטער.

משה: דיר, ברודער, איז גרינג צו זיין אָפּטימיסטיש, דוס׳ט נאָך מסתמא אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר טאָלער היינטיקען סעזאָן. איך אָבער האָב שוין אָנגעכאַפּט הלוואות ביי מיינע אַלע קרובים, און דאָ קומט ערשט אַן אַזאַ סלעק. עך, ברודער, עס איז פאַסקודנע.

חיים: זעסטו, אָט טאַקע קוקענדיק אויף דיר, זע איך ערשט איין, ווי וויכטיג עס זיינען די פאָדערונגען, וואָס די ג. ע. ב. האָט אָנגענומען.

משה: און איך, קוקענדיק אויף דיר, זע איין, ווי לייכט עס איז אייערע חברה אַריינצוברענגען אין התפעלות.

חיים (מיט איינגעהאַלטענעם כעס): אַ, גיי שוין, דו ביסט גאָר עובר בטל. אין דיין איצטיגער לאַגע זעסטו אַלעס דורך שוואַרצע גלעזער. איך אויף דיין פּלאַץ וואָלט אפשר אויך ניט געווען בעסער. איך פאַרשטיי דיר און סימפּאַטיזיר מיט דיר, ווייסט דאָך, אַז אין אַזאַ לאַגע בין איך אויך געווען פילע מאָל. דו דאַרפסט אָבער ניט פאַר־צווייפלען, ווי זאָגט מען ביי אונז, קלאָוקמאַכער: עס וועט זיך שוין אויספּרעסען!

משה (קוועטשט מיט די אַקסלען און האַלט זיך קוים איין ניט איבערשלאָגען זיין חבר אין מיטען. ער אָטעמט אָפּ לייכטער ווען יענער ענדיגט, און ער ענטפערט אים אין אַ נערוועזען, איילענדיגען טאָן): איך גיב צו, אַז אונטער די אומשטענדען בין איך אַ ביסעל אָנגעצויגען, איך בין נאָך אָבער ביי מיין פאַרשטאַנד און איך ווייס, אַז אונזערע פאָדערונגען, ווי זיי זיינען פאַרמולירט געוואָרען ביי

אונזער ג. ע. ב. זיינען זייער גוט און צייגען אַ טיפען פאַרשטיין פון דער כאַאָטישער און אומערטרעגליכער לאַגע פון דעם קלאָוק־מאַכער, און אויף אַזוי ווייט בין איך אונזערע פירער דאַנקבאַר, און איך בין מיט זיי פאַלקאָם איינפאַרשטאַנען. דער אומגליק אָבער מיט אונז, קלאָוקמאַכער איז, וואָס אַז עס קומט צו ברענגען זאַכען מכוח אל הפועל, ווען מיר הויבען אָן אַרויסצוברענגען אונזערע טעאָריעס אין דער פּראַקטיק, אַזוי קערט זיך אַלץ איבער און עס ווערט גאָר פון דער ברכה אַ קללה. אָט, צום ביישפּיל, האָבען מיר, מיט פיר יאָר צוריק, געמאַכט אַ רעוואָלוציע און האָבען איינגעפירט וואָך־אַרבייט. מיר האָבען געדענקט, און אַזוי האָט טאַקע באַדאַרפט זיין, אַז אונזער לאַגע וועט זיך אַ סך, גאָר אַ סך, פאַרבעסערען. אָבער אויסגעלאָזען האָט זיך, אַז עס איז יעצט פיל שווערער צו מאַכען אַ לעבען ביי קלאָוקס, ווי ווען עס איז פריער. איך דענק, אַז אפילו דו, אין דיין גרויסען אָפּטימיזם, וועט דאָס אויך צוגעבען. איך באַשולדיג קיינעם ניט, איך בין איבערצייגט, אַז אַלע וואָס האָבען אַגיטירט און געהאָלפען קריגען וואָך־אַרבייט, האָבען געמיינט גוט און זיי זיינען געווען גערעכט. שטיק־אַרבייט האָט זיך ווירקליך אַריינגעגעסען אין די ביינער, און האָט פאַר׳סמ׳ט דעם עולם אין די שעפּער, און האָט געזייט קנאה און שנאה, און דער וואָרט „ברודער״ האָט אויסגעקוקט ווי חוזק. מיר האָבען אַלע געדענקט, אַז וואָך אַרבייט איז די רפואה פאַר די מחלה, אַז אונטער וואָך־אַרבייט וועלען מיר זיין אמת׳ע, ניט קיין געבלאָפטע „ברידער״, אָבער, צו אונזער גרעסטען באַדויערען, איז יעצט, נאָכדעם ווי מיר האָבען וואָך־אַרבייט פיר יאָר צייט, ניט פיל בעסער ווי פריער. פאַר דער קלענסטער קלייניגקייט, פאַר עפּעס אַ נעכטיגען טאָג, פאַר עפּעס אַ משוגענע אידעע ערגעץ אין די הרי חושך, זיינען מיר גרייט אַרויפצוואַרפען זיך איינער אויפ׳ן צווייטען ווי ווילדע חיות און צורייסען איינער דעם אַנדערען אין שטיקער. וואו ברידערליכקייט, וואו אחדות, עס איז פון דעם אַפילו קיין זכר ניטאָ!...

(ביידע חברים זיינען געבליבען זיצען שטיל, פאַרטראַכט, אומעטיג און האָבען זיך געשעמט קוקען איינער דעם אַנדערען אין די אויגען.

חיים האָט גאָר ניט געהאָט וואָס צו ענטפערען זיין פריינד אויף זיינע לעצטע טענות. יענער האָט אָנגערירט אויף אַן אָפענער וואונד צו וועלכער קיינער האָט נאָך דערווייל קיין תרופה ניט. בלויז די צייט אַליין וועט דאָס אפשר אויסהיילען.)

חיים: דו ווייסט, משה, אַז אַט די פראַגע, וואָס אונזערע יוניאָנס, נאָך זייער גאַנצען היפשען ערפאָלג, וואָס זיי האָבען דערגרייכט, האָבען ניט געקענט שאַפען אַ ברידערליכען גייסט צווישען די אַרבייטער, און זיינען בלויז געבליבען דיוס צאָלענדע קערפערשאַפטען, אָן אייניג־קייט, אָן אחדות צווישען ברידער און ברידער און אָן צוטרויען צווישען די פירער און דעם רענק און פייל. איז אַט די פראַגע, פאַרוואָס דאָס איז אַזוי און צי איז צו דעם גאָר קיין רפואה ניטאָ? מאַטערט מיר שוין אַ היפשע צייט. איך דענק, אַז אין דעם ביסטו גערעכט, קיין אמת׳ען ערפאָלג קענען אונז קיינע פאָדערונגען, מעגען זיי זיין די קליגסטע און די בעסטע, ניט ברענגען. מיר מוזען פריער האָבען יוניאָניזם, ניט יוניאָנס, נאָר יוניאָניזם, דאַן וועלען גוטע און גערעכטע פאָדערונגען, ווען דערגרייכט, זיין פאַר אונז אַ ברכה ניט קיין קללה.

ניט היינט געדאַכט

דאָס וואָס איך וועל אייך דאָ דערציילען האָט זיך געטראָפען אין די גוטע אַלטע צייטען, דאַן ווען יעדער בעל מלאכה איז געווען אַ פרייער מענש, האָט ניט באַדאַרפט באַלאַנגען צו אַ יוניאַן און אויס־פאָלגען יוניאָן רולס און דערצו נאָך צאָלען דיוס מיט אַסעסמענטס; אין די צייטען ווען מען האָט אייך ניט געשלעפט צו די גריוועגס באָארד, אַפילו ווען איר האָט געאַרבייט אָווערטיים אַ גאַנצע נאַכט.

אַט אין יענע גליקליכע צייטען האָט איר געקאָנט אַרויפגיין אַלע טאָג אויף אַ נייעם פּלאַץ און ניט באַדאַרפט נאָכלויפען נאָך אַ וואָרקינג קאָרד. דאָס האָט פּאַסירט אין די צייטען פון פוט פּאוער, פון עסען דינער ביים פעדלער, פון חנפ׳ענען זיך צום פאָרמאַן, פון האָבען אַ שאָו, פון אַריינקומען זעקס אַזייגער אין דער פרי און פון האַלטען אַ פּאָר באַטעלס מעדיצין אין מאַשין דראָוער.

איך האָב דאַן געאַרבייט אין אַ סוועט שאַפּ אויף איסט בראָדוויי, אויף אַן אייגענע מאַשין מיט אַ פּעטענד סטענד. עס איז געווען אַ מאָנטאָג אין דער פרי אין אַ קאַלטער טאָג אין דעצעמבער. עס איז געווען אַ סלעק וואָס האָט זיך ניט געהאַט וואָס צו שעמען קעגען היינטיגע סלעקס. איך בין געקומען אין שאַפּ שפּעט, אַריינקומענדיג האָב איך געטראָפען דעם גאַנצען סעט. ווער עס האָט זיך געוואָרעמט ביים אויוועז, ווער עס האָט געלעזען אַ צייטונג, און אייניגע האָבען גערעדט פּאָליטיק. איך בין צוגעגאַנגען צו דער גרופּע וואָס האָט געשמועסט. ריידענדיג האָבען זיך אייניגע באַקלאָגט אויף דעם לאַנגען סלעק און וואָס דער באָס האַלט אין איין אַרונטערנעמען פון די פּרייזען אויף די פּאָר שטיקלאַך אַרבייט וואָס איז שוין יאָ דאָ. איך האָב זיי אַניפמערקזאָם געמאַכט אויף דעם פאַקט, אַז עס איז דאָ, ביי די גוים, אַזאַ זאַך ווי אַ יוניאָן און עס וואָלט ניט געווען קיין

שלעכטע זאַך אויך פאַר די אידען. אין יענע צייטען האָט שוין שלעזינגער אָנגעפאַנגען צו באָמבאַרדירען די קלאָוקמאַכער דורכ'ן „פאָרווערטס" און צו רופען זיי אין דער יוניאָן. איך האָב גראָדע געהאַט ביי זיך אַ „פאָרווערטס" מיט אַן אַרטיקעל פון [illegible] איך האָב זיי געגעבען לעזען אָבער ווי ווייט איך קען זיך עראינערען, האָבען זיך די לייטע אויסגעלאַכט פון דעם און האָבען מיך גערופען אַנאַרכיסט.

אין אַ וויילע אַרום האָט דער קאָטער אַריינגעטראָגען עטליכע שטיקלאַך מלאכה. די פאָרלידי, וועלכע איז געווען דעם באָס אַ שוועסטער, האָט מיך צוגערופען און דערלאַנגט אַ דופּליקייט. די איבעריגע מלאכה האָט זי געלאָזט ליגען אויפ'ן טיש, ווייל עס איז געווען אָנגעשריבען סטאַק, און זי האָט אָהן דעם באָס, איר ברודער, ניט געוואָלט אַרויסגעבען דאָס צו די אפּערייטאָרס. איך בין אַוועק צו מיין מאַשין און האָב זיך פאַרנומען מיט מיין אַרבעט.

אין אַ וויילע שפּעטער איז אָנגעקומען דער באָס, אַ געלער איד, פון דער היים אַ באַנק קוועטשער און אין אַמעריקע אַ נשמה אַרויסקוועטשער. אַ איד וואָס האָט אַלעמען גערופען דו, און וואָס אָנשטאָט אַ האַרץ איז ביי אים געווען גראַניט. אַ איד, וואָס האָט זיך יעדען טאָג מיט אימיצען געמוזט קריגען און ניט איינמאָל פלעגט זאָגאַר קומען צו קלעפּ. גאַנץ אָפט פלעגען די פינישערס און בייסטערס וויינען, נאָכדעם ווי ער האָט זיי באַליידיגט און אָנגערופען מיט די ערגסטע נעמען. זאָגאַר זיין אייגענע שוועסטער, אויף וועמען דער גאַנצער שאָפּ האָט זיך געהאַלטען, פלעגט ער באַליידיגען און ברענגען צו טרערען.

די אַרבייטער, זעענדיג אַז דער באָס איז שוין דאָ, און דיינקענדיג אַז יעצט וועט די פאָרלידי אויסטיילען די אַרבייט, האָבען זיך אַוועקגעשטעלט נעבען איר טייבעל וואַרטען אויף דעם גליקליכען מאָמענט.

דער באָס איז דערווייל אַרויסגעקומען פון אָפיס, און דערזעענדיג די אפּערייטאָרס אַרום זיין שוועסטער'ס טיש, איז ער צוגעגאַנגען צו זיי מיט אַ כעס און האָט מיט גיפט געגעבען אַ געשריי: הינט

וואָס איר זייט! גייט צו אייערע מאַשינען! און האָט זיך געוואָרפען צו זיי מיט די פויסטען.

צווישען די אַרבייטער האָבען זיך געפונען טאַטעס פון ערוואַקסענע זין און טעכטער, און אויך יונגע, קרעפטיגע יונגעלייט, אָבער דער גייסט איז געווען אַ דערשלאָגענער, אַ געזונקענער, און מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, און איניגע זאָגאַר מיט טרערען אין די אויגען, האָבען זיי שטיל, ניט ענטפערענדיג קיין וואָרט זיך אומגעקערט צו די מאַשינען.

אין דיספּענסערי

דאָס, וואָס איך וועל אייך דאָ דערציילן, האָט זיך געטראָפן נאָך אין יענע צייטן, ווען מיר האָבן נאָך קיינער געוואַגט צו טרוימען, אַז מיר וועלן אַמאָל האָבן אַזאַ צובליטע און פאַרצוויגטע קלאָוקמאַכער יוניאָן, ווי מיר האָבן היינט צו טאָג, מיט אייגענע זומער־דאַטשעס, מיט אַן עדיוקיישאָן־דעפּאַרטמענט, מיט אַן אייגענע צייטונג, מיט סיק און קאָנסאָמפּשאָן בענעפיט, מיט וואַקאַציע צאָלונגען און ריטאַיערמענט פאָנדען און זאָגאַר מיט אַן אייגענעם קליניק.

איך בין נאָך דאַן געווען אַ גרינער, און איך האָב זעהר ווינציג פאַרדינט, ווען איך האָב געאַרבייט, און אַז איך האָב ניט געאַרבייט וואָס דאָס איז דאַן אויך געווען אַן אָפטע ערשיינונג, האָב איך געלעגט די ציין אויפ׳ן פּאָליצע.

דער זומער איז דאַן געווען אַ הייסער, אַ ברענענדיגער, די סלעק, אַ לאַנגע און אַ ביטערע, און אונזערע קלאָוקמאַכער זיינען געזעסען און געלעגען אין וואַשינגטאָן פּאַרק מיט צושפּילעטע קאָלנערס, פאַרטריקענטע און פאַרשמאַכטע, און גיין אַהיים האָט זיך זעהר ניט געגלוסט, ווייל דאָרטען האָט אייך ערוואַרטעט אַ ווייב מיט אומשולדיגע קינדערלאַך, וואָס זיינען געווען אַזוי הונגעריג און דורשטיג, ווי מיר אַליין, און העלפען קענט איר זיי ניט. אין איינעם פון יענע דזשולייטעג, נאָך אַ נאַכט פון ניט־דערשלאָפען, האָב איך זיך אין דער פרי אויפגעכאַפּט מיט אַ שווערען אויגען־ווייטאָג. איך האָב זיך גאַנץ היפּשלאַך איבערגעשראָקען, עפּעס אַ קלייניגקייט, אַ קלאָוקמאַכער מיט קראַנקע אויגען! דאָס איז אַזוי אַ פּאָר, ווי אַ פּאָליטישען מיט אַ ריינעם געוויסען, אַ ניו־יאָרקער רעסטאָראַן מיט פרישע עסען, אַ טעמעני דזשאָדזש מיט דער געטין פון גערעכטיגקייט אָדער אַ מואווינג־פּיקטשור מיט רעאַליזם. איך האָב צוגערופען

מיין מיסעס, זי זאָל זיך צוקוקען צו מיינע אויגען, ערשט זי באַ־שטעטיגט אויך, אַז זיי זיינען עפּעס לאַ־עליכּמ׳דיג, און זי ראָט מיר, איך זאָל צוגיין צו אַ דאָקטאָר, ביי אַזאַ זאַך קען מען זיך מיט באבסקע רפואות ניט פּאַטשקען.

איך האָב אַריינגערוקט די האַנט אין פּאַקעט און האָב אַרויס־גענומען מיין גאַנצען קאַפּיטאַל, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ ביסעל קליינגעלד. און אַ אויגען־דאָקטאָר האָט מען דאַן אויך געמוזט באַצאָלען פון דריי ביז פינף דאָלאַר פאַר אַ וויזיט. האָט מיר מיין מיסעס דערמאָנט וועגען אַ געוויסע דיספּענסאַרי, און איך האָב מיך גענומען גרייטען צו גיין אַהין.

פּונקט איינס אַ זייגער בין איך שוין געווען דאָרטען, אָבער איך האָב שוין דערוויסט אַ היפּשע ליין, וואָס אַ ספּעשעל אָפּיסער אין אַ גרויען יוני־פאָרם האָט געהאַלטען אין אָרדנונג. און ווען אַן עלטערער אידעל האָט זיך עפּעס ניט אַזוי ריכטיג געשטעלט, האָט ער אים גאַנץ גראָבליך אַריינגעשטויסען אויף זיין ריכטיגען פּלאַץ. אין יענער ליין האָט מען געקראָגען אַזאַ קליינעם קאָלירטען, האַרטען שטיקעל פּאַפּיר מיט אַ נומער, נאָכדעם ווי איר האָט געזאָגט די מיידעל ביים פענסטערעל וואָס אייך טוט וויי. פאַר יעדען סאָרט וויטאָג האָט זי געגעבען אַן אַנדער קאָליר פּאַפּיר. אין אַ צווייטער ליין, וואו נאָך אַ ספּעשעל־פּאָליסמאַן האָט מיט רוגזה געשטויסען די אַלטע און גרינע אידען, האָט מען אונז געגעבען אַ צווייטען און פיל גרעסערען קאָלירטען טיקעט, מיט דעם נאָמען פון דעם דאָקטאָר אויף אים, און וואָסערע טעג איר זאָלט קומען, און מען האָט אויך אַרויפגעשריבען אייער נאָמען. אָבער מיין נאָמען איז געווען אַזוי צעקריפּעלט, אַז איך האָב געמיינט אַז איך האָב געקראָגען אַ פרעמדען טיקעט. אויפ׳ן צווייטען זייט איז געשטאַנען, אַז די דיספּענסאַרי איז בלויז פאַר אָרימע, און אַז רייכע, וואָס פאַרמאָגען צו באַצאָלען אַ דאָקטאָר, וועלען זיך באַנוצען מיט איר, וועלען זיי שטאַרק באַ־שטראָפט ווערען. איך האָב זיך אַפילו געוואונדערט, וועלכער משוגע־נער, וואָס האָט נאָר עטליכע דאָלאַר אין פּאַקעט, וועט דאָס וועלען שטיין אין ליין און געשטורכעט ווערען פון אַ פּאָליסמאַן און אויס־

געפרעגט ווערען: ווער ביסטו, וואו וואוינסטו, וויפיל פאַרדינסטו און וואו ביסטו געבאָרען געוואָרען, און נאָך עפעס אַ טוצען פראַגען, און אַלץ אין אַ בייזען, סאַרקאַסטישען טאָן. נאָר מסתמא זיינען אַזעלכע חזרים אויך דאָ, צווישען די רייכע פעלט דער מין אויך ניט.

אַז גאָט האָט געהאָלפען און מען האָט מיך אַריינגעשריבען און פאַרשריבען און אַרומגעקוקט פון אַלע זייטען, און מען איז געווען זיכער, אַז איך בין אַ כשר׳ער ערליכער קבצן, האָט מען מיך אַוועקגעשיקט מיט דריי טיקעטס אין האַנט, אַ קליינער, אַ גרעסערער און איינער, אַ ווייסער, אַ גאַנץ-גרויסער, אין אַ צווייטען עק פון דעם גרויסען קאָרידאָר, וואַרטען אויפ׳ן דאָקטאָר, דאָרטען האָט מיר אַן אָרדערלי, אין אַ ווייסען ראָק, אָנגעצייגט וואו איך זאָל זיך זעצען נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעקוקט די טיקעטס און האָט מיך אָפּגעמאָסטען מיט אַ קוק, וואָס האָט מיך ווידעראַמאָל דערמאָנט, אַז איך בין אין אַ דיספּענסארי.

איך האָב פאַרנומען אַ פּלאַץ אויף אַ באַנק. דער זייגער האָט געצייגט האַלב נאָך איינס, און מיין שכן, דערזעלבער אידעל, וואָס דער פּאָליסמאַן האָט אים געשטויסען, האָט מיר געלאָזט וויסען, אַז ביז דער דאָקטאָר וועט קומען איז דאָ אַ גוטע האַלבע שטונדע. דערווייל זיינען צוגעקומען נאָך און נאָך פּאַציענטען, און אויף אונזער באַנק איז אַלץ געוואָרען ענגער און ענגער, און אין צימער איז דושנע, קוים וואָס מען אָטעמט, און דער זייגער רוקט זיך פאַרדאַמט לאַנגזאַם. עס ווערט מיר אויסערגעוועהנליך לאַנגווייליג און איך פאַרפיר אַ געשפּרעך מיט מיין שכן, וואָס אַרום יענער צייט זיצען מיר גאַנץ שטייף איינגעקלאַמערט איינער צום צווייטען.

און ער לאָזט זיך ניט בעטען, און ער דערציילט מיר זיין לעבענסגעשיכטע. דאָס איז די געשיכטע פון דעם אָרימען היימישען קליינשטעדטעלדיגען שניידער, וועלכער האָט אָנגעפאַנגען די שניידעריי צו צוועלף יאָר און האָט דורכגעמאַכט יאָרען פון הונגער, קלעפּ און קללות, ביז וואַנען ער האָט זיך אויסגעלערענט די מלאכה. נאָכהער איז געקומען די פּעריאָדע פון דעם וואוילען שניידער-יונג מיט דעם שיינעם שבת׳דיגען אַנצוג, מיט גוליאַען מיט מיידלאַך אין וואַלד,

ביז וואַנען מען איז געשטרויכעלט געוואָרען און מען האָט געמוזט חתונה האָבען, איידער מען האָט צייט געהאַט עפענען די אויגען און זעהן די וועלט. נאָך דער חתונה האָט אים זיין עהרליכע, כשר'ע און קליינשטעדטעלדיג־אידישע ווייבעל אָנגעהויבען שיטען מיט קינ־דערלאַך, בלאָנדינקע און שוואַרצינקע, מיט און אָן געגרייזעלטע קעפעלאַך, און עס האָט זיך אָנגעהויבען די סדרה פון חיונה, און מען האָט געאַרבייט שווער, געאַרבייט איבער די כוחות, געאַרבייט מיט די זייטען, אָבער קיין לעבען האָט מען דאָך ניט געמאַכט. און די פאַמיליע וואַקסט, און קינדער פּאָקען, און קינדער מאָזלען, און מען דאַרף רופען אַ דאָקטאָר, און עס איז ניטאָ מיט וואָס. און שניידער אין שטעדטעל קומען צו, און פּרנסה ווערט ווינציגער, און עס זעט זיך קיין ענדע צו די צרות, ביז וואַנען עס גיט אַ בליץ אין קאָפּ — אַמעריקע.

— אַט, ווי איר זעט מיך, מיסטער, וואָלגער איך זיך שוין דאָ אין דעם גאָלדענעם לאַנד זעקס יאָר און קען צו קיין תכלית ניט קומען, קען ניט צונויפקלאַפּען די נויטיגע פּאָר דאָלאָר אַריבער־צוברייינגען די פאַמיליע, דאָ רוקט זיך אונטער אַ סלעק, דאָ אַן אַנדער צרה, און יעצט האָט מיר גאָט געבענטשט מיט אַ מחלה. אָפּגעאַרבייט אַ סעזאָן מיט אָווערטיים, אַ פינסטערער שאָפּ געווען, די מלאכה פּאַרטיקלע, דער פאָרמאַן אַ קין, אַ צורר, האָט גענומען די קישקעס פאַר יעדען שטאָך, האָב מורא געהאַט צו בייטען דעם דזשאָב אין מיטען סעזאָן, און אַזוי האָב איך געפּטר'ט די אויגען, און יעצט מוז איך זיך שלעפּען אַהער דריי מאָל אַ וואָך, און איין גאָט ווייסט, מיט וואָס עס וועט זיך ענדיגען.

אונזער געשפּרעך האָט זיך דאָ איבערגעהאַקט. מען האָט אויס־גערופען מיין נומער, און איך האָב מיין שכן געמוזט פאַרלאָזען.

יוניטי הויז ערַאינערונגען

יענעם שבת אין דער פרי האָט אין ניו יאָרק גערעגענט. עס איז געווען קאַלט, ווינטיג און אומעטיג. דערצו האָב איך נאָך פאַר־שפעטיגט מיין טרעין, און איך האָב אין אַזאַ וועטער געדאַרפט וואַרטען פאַר אַ צווייטער טרעין ביי אַ דריי שטונדען, און גראַדע איז נאָך דער דיפאָ געווען פריש איבערגעפאַרבט, און פון דעם פרישען נאָך ניט־פאַרטריקענטען פאַרב האָב איך געפירכעט און געהוסט און איך בין געוואָרען נערוועז און צורייצט. דער רויך פון דעם לאָקאָמאָטיוו, דורך דער צייט פון מיין פאָרען מיט'ן באַן, האָט מיר אויך קיין גוטס ניט געטאָן, און ווען איך בין ענדליך אָנגעקומען אין סטראָדסבורג, בין איך געווען אין אַ גאַנץ זויערען געמיט. אָבער ווי נאָר איך האָב זיך אַריינגעזעצט אין דער גרויסער טורינג־קאַר און דער יונגער געשיקטער טרייבער האָט גענומען פאָרען צו דער יוניטי הויז, האָט זיך מיין געמיט אָנגעהויבען אויסצולייטערען. די שענקייט פון דער נאַטור, איבער דער גאַנצער לענג פון דעם וועג, האָט געווירקט, און ווען דער אויטאָמאָביל איז אַרויס פון בושקיל און ער האָט גענומען גייען געלאַסענער באַרג אַרויף און אַרויף, איבער די געדרייטע וועגען, דורך די וועלדער צו דער יוניטי, בין איך שוין געווען אין דער בעסטער שטימונג, און איך האָב געפילט ווי אַרומצונעמען און צו קושען זיך מיט יעדען שיינעם בוים, וואָס מיר זיינען פאַרבייגעפאָרען, און דער קליינער וואַסער־פאַל אויפ'ן מיטען וועג האָט מיר אויסגעקוקט שענער און ליבליכער ווי דער גרויסער וואונדערליכער ניאַגאַראַ פאַלס.

פינף יאָר זיינען אַוועק זינט איך בין געווען אין דער יוניטי הויז, און שוין גלייך ביי מיין אַריינפאָרען, בין איך געווען אָנגענעם איבערראַשט פון די ענדערונגען צום בעסערען, וואָס עס איז פאַר־

געקומען אין דעם גרויסען פּאַרק־מעסיגען פּרעכטיגען הויף פון דער יוניטי הויז, וואָס ציט זיך פון דעם טויער, און דעם קאָטעדזש מיט די צוויי טורעמס ביים טויער, ביז דער הויפּט געביידע און די איבעריגע קאָטעדזשעס אַרום און אַרום, וועלכע מיין אויג האָט געקענט אַרומכאַפּען און דערזען.

דער גאַנצער הויף איז ריין ציכטיג, „ספּיק ען ספּען״. די פּילע געשאָרענע לאָנקעס זיינען געדיכט און איינהייטליך גרין. אויף די געזעצטע בלומען, אין פאַרשידענע ערטער איבער די גרינע לאָנקעס, זעט זיך די האַנט פון אַ טיכטיגען און אַרבייטזאַמען גערטנער. די לאָנקעס זיינען אויסגעצאַמט מיט אַ געפלאָכטענעם נידעריגען צאַם פון דראָט, וועלכער האַלט זיך אויף סימעטריש אַריינגעשלאָגענע קליינע הילצערנע סלופּיקעס, וועמעס קעפּלאַך זיינען אָפּגעפאַרבט אויף ווייס, און וועלכע קוקען אויס פון ווייטען ווי עפּעס אויסטערלישע בלומען אַזעלכע. די פּילע וועגען און סטעזשקעס, וואָס שלענגלען זיך חנ׳־עווריג אַרום די גרינע לאָנקעס, זיינען דיק באַשאָטען מיט צושטוי־סענע, צופּיצעלטע, גרויע שטיינדלאַך, און איינפאַך זיי בעטען זיך מ׳זאָל אויף זיי שפּאַצירען. און די פאַרשידענע צוואוואקסענע אַלטע פרוכט־בוימער, וועלכע זיינען צוואוואָרפען איבער די לאָנקעס, און וועלכע בילדען אַרום זיך אַן אָנגענעמען שאָטענדיגען שטח, איבער לאָנקע און סטעזשקע צוזאַמען, און די הויכע, גלייכע טאָפּאָלען אַרום די ברייטע ווערענדעס פון די קאָטעדזשעס, גיבען צו דעם הויף אַ הערליכען מאַיעסטעטישען און באַרוהיגענדיגען אויסזען, פון וועלכען עס ווערט גוט, לייכט און יום־טוב׳דיג אויפ׳ן האַרצען.

די ערשטע זאַך בין איך געלאָפען זען דעם טייך. זיינען דאָך מיט׳ן טייך פאַרבונדען די בעסטע עראינערונגען פון די געסט פון דער יוניטי. ווער עס באָדט זיך און ווער עס שווימט אין אים און דערפרישט זיין מידען קערפּער, און ווער עס כאַפּט פיש און שטילט און באַרוהיגט זיינע נערוועז און זעטיגט זיין ספּאָרטסמאַנישען פאַר־לאַנג. און ווער עס האָט זיין פיינעם גענוס פון שיפען זיך איבער זיין לענג און ברייט, און וועלכע עס זיצען באַהאַלטען צווישען די בוימער אַרום זיינע ברעגען און ראָמאַנסירען, פּאַעטיזירען און פילאָ־

זאַפּירען. און כאַטש דער וועג צום טייך איז אַ נייער, אַ נאַטירליכערער און מער צוגעפּאַסטער פאַר דער יוניטי, אין גאַנצען אַנדערש פון דעם אַלטען, בין איך אָבער געווען העכסט צופרידען, וואָס דער שיינער, גרויסער מייל און אַ האַלב כוואַליעדיגער און גאַסט־פריינדליכער טייך איז געבליבען דער זעלבער וואָס אַמאָל, מיט זיין געדיכטען פלאַנטערדיגען וואַלדיקען ברעג אַרום און אַרום.

איך האָב פאַרווײַלט אין דער יוניטי אַ פאָר וואָכען, דאָס זיינען געווען צוויי וואָכען פון גייסטיגען גענוס, פון פילען זיך גוט, געהויבען. שוין דעם צווייטען טאָג בין איך געווען ווי באַהעפט מיט דער יוניטי, ווי אַ טייל פון איר. אָבער ווי שנעל די צוויי וואָכען זיינען דאָס אַריבער־געלאָפען, און אָט דאַרף איך שוין אָפּפאָרען צוריק צו דעם שטיינער־נעם גיהינום וואָס הייסט ניו־יאָרק, צוריק צו דער פוירבישט רומקע, צו די משוגענע דרעסמאַכעריי.

דער טאָג פון מיין אָפּפאָרען איז ביי מיר געווען תשעה־באב. איך האָב געפילט אַז איך לאָז דאָרטען איבער מיין בעסערען, העכערען איך און איך פאָר צוריק צום פּראָזאַאישען איך: שאַפּ, קאַפּאַטעריע, סאַבוויי.

מאָריס גייט צום שטימקעסטל

מאָריס, אַן אָפּערייטאָר ביי דרעסעס, האָט געלעזען און געהערט דעם אויפרוף פון זיין יוניאָן, ער זאָל קומען צום רעפערענדום וואָט און אויסשפּרעכען זיין מיינונג, דורכ׳ן באַלאָט, צי ער וויל אומ־בייטען דעם יעצטיגען סיסטעם פון שטיק אַרבייט אויף וואָך אַרבייט, און צי איז ער אויף אַזוי פיל פאַר וואָך אַרבייט, דאָס ער זאָל זיין גרייט זאָגאַר צו סטרייקען פאַר דעם.

מאָריס איז אַן אינטעליגענטער אַרבייטער, און ער איז אויך ניט קיין גרינער, ער איז אַן אָפּערייטאָר פאַר די לעצטע צוואַנציג יאָר, און ער האָט כמעט די גאַנצע צייט געאַרבעט פון שטיק. ער קען זיך ערינערען בלויז פון עטליכע מאָנאַטען ווען ער האָט גע־אַרבייט פון וואָך, און יענע קורצע צייט האָט ניט איבערגעלאָזען קיין איבעריגס גוטען איינדרוק אויף אים. ער דערמאָנט זיך ווי שווער עס פלעגט אים אָנקומען דער אויפשטיין אין צייט, און וויפיל ער האָט זיך ניט געסטאַרעט, פלעגט ער דאָך ניט קומען אין צייט, און עס האָט אים יעדער טאָג געפעלט עטליכע מינוטען, וועלכע האָבען צו ענדע וואָך אויסגעמאַכט אַריבער אַ שטונדע, פאַר וועלכע דער באָס האָט אים טאַקע אַרונטערגערעכענט, און ער האָט קיין פולע וואָך דורך די גאַנצע עטליכע מאָנאַטען ניט אויסגעאַרבייט. ער דערמאָנט זיך ווי אַזוי זיין באָס, וועלכער איז אויך געווען דער פאָרמאַן, פלעגט אים צוואוואָרפען אַזאַ בייזען קוק יעדען מאָל וואָס ער פלעגט זיך אויפהויבען פון זיין שטול צו גיין נאָך אַ ספּול קאָטאָן אָדער נאָך אַ ראָל ביינדינג, און ווי זיין בליק איז געווען נאָך בייזער און דראָהענדער ווען ער, מאָריס, פלעגט אַרויסקומען פון טוילעט־צימער. ער געדענקט נאָך יעצט דעם באָס׳עס טיגערישען קוק, וואָס ער פלעגט אים צוואוואָרפען, ווען אים פלעגט אויסקומען

פיקסען דעם סטרעפּ, אויסרייניגען אָדער אָנאוילען די מאַשין אין מיטען דער אַרבייט, היינט ווער רעדט נאָך אַז ער האָט אויסגערעדט אַ פּאָר ווערטער צו אימיצען, אָדער ער האָט געזאָגט עפּעס אַ וויץ פון וועלכע אַלע האָבען זיך צולאַכט, דאַן איז זיין קוק געווען פון אַ מערדער. און זיצען שטום און אַרבייטען איז פאַר מאָריס'ן אומ־מעגליך, ער וועט מוזען אויפגעבען די אַרבייט. ער דערמאָנט זיך נאָך פילע אומאָנגענעמליכקייטען, וועלכע זיינען פאַרבונדען מיט וואָך אַרבייט, און מאָריסען ווערט אַ ביסעל קאַלעמוטנע אויפ'ן האַרצען. ביז יעצט, ביי שטיק אַרבייט, האָט ער זיך געפילט גאַנץ גוט, ער האָט געקענט ריידען שפּאַסען און שטיפען, און קיינער האָט אויף אים קיין בייזע בליקען ניט געוואָרפען, פאַרקערט, דער באָס קווועלט אָן פון אים, און פון זיינעם אַ וויץ לאַכט ער נאָך האַרציגער ווי די אפּערייטאָרס.

מאָריס איז ניט קיין נאַר, און ער ווייס אויך די חסרונות פון שטיק אַרבייט. מאָריס איז כמעט אימער געווען אין דער פּרייז־קאָמיטע און איז פיל מאָל געווען שאָפּ־טשערמאַן, און ער ווייס וואָס דאָס מיינט סעטלען פּרייזען, און די וואָך, אָדער וואָכען פון פּרייזען סעטלען, איז פאַר מאָריס'ען געווען אַן אַפּקומעניש, אַ גיהנום, און עס פלעגט אים פאַרגיין דער אַפּעטיט פון עסען און טרינקען, און ער פלעגט ארויסקומען פון דאָס „צעטלען" ווי פון נאָך אַ קרענק. מאָריס ווייס אויך דעם טעם פון לויפען נאָכ'ן באַנדעל, און זען קריגען דעם גרויסען באַנדעל, דעם קליינעס סייז, דעם איין קאָליר, דעם גוטען סטייל, א. ז. וו. ער דערמאָנט זיך, ווי איינמאָל, ווען ער איז געווען טשערמאַן אין אַ שאָפּ, און ער האָט געסעטעלט גוטע פּרייזען, האָט זיך דער באָס אָפּגערעכענט מיט אים, און האָט אים געקאָרמעט מיט אַזעלכע באַנדעלס, אַז ער האָט אויסגעמאַכט אַ העלפט פון דאָס וואָס אַ געוויינליכער אַפּערייטאָר האָט פאַרדינט אין יענעם שאָפּ, און די ברידער אַרבייטער האָבען גאַנץ געשמאַק אַריינגעריבען און גאַנץ פיין פאַרדינט, און ער האָט זיך געמוזט אויפהויבען אין מיטען סעזאָן און זוכען אַ פּלאַץ. מאָריס דערמאָנט זיך אַ סצענע פון וועלכע ער שוידערט אויף נאָך יעצט: ווי צוויי אפּערייטאָרס האָבען

זיך צוקריגט פאַר אַ באַנדעל און עס איז געקומען צו קלעפּ און איינער האָט דעם צווייטען געוואָרפען די שער אין קאָפּ. ער דער־מאָנט זיך פילע עקעלהאַפטע פּאַסירונגען, וואָס שפּילען זיך אָפּ אין די שעפּער צוליב די שטיק אַרבייט. ער דערמאָנט זיך ווי אַן אָפּעריי־טאָר האָט איינמאָל, זיך איילענדיג וואָס גיכער צו ענדיגען זיין אַרבייט כדי ער זאָל קענען אַריינקריגען אַ גוטען באַנדעל, וואָס איז געלעגען ביים פאָרמאַן אויפ׳ן טישעל, זיך אַריינגעיאָגט די נאָדעל אין פינגער, און דער דאָקטאָר האָט אים אַזוי צוקאַטעוועט זיין פינגער, וועלענדיג אַרויסנעמען די נאָדעל פון דאָרטען, דאָס דער אָרימער לומפּ האָט שוין יענעם סעזאָן מער קיין באַנדעלס ניט גענייט.

יעס, מאָריס וויים די שלעכטע זייטען פוןביידע סיסטעמען, סיי פון דער שטיק אַרבייט סיסטעם, וועלכע איז פול מיט פעלערען ווי אַ מילגרוים מיט קערנער, און סיי די וואָך אַרבייט סיסטעם וועמעס הויפּט חסרון איז, וואָס זי וועט ביי אים, ביים פרייען און פרייליכען און פרייהייט־ליבענדען מאָריס, צונעמען עס, און ער וועט מוזען אַריינקומען אין צייט און זיצען ביי דער אַרבייט ווי אַ דאַמי, מיט אַ פאַרמאַכטען מויל און זיין פאַרזיכטיג מיט אויפהויבען זיך פון שטול, מיט ארויסגיין אין טוילעט און מיט פאַררייכערען אַ סיגאַרעט, און מיט אַרויסזאָגען אַ וויץ, וועלכער האָט אַ בליץ געטאָן אין זיינע געדאַנקען.

און מאָריס׳ן איז שווער אָפּצומאַכען זיין מיינד ווי אַזוי צו וואָוטען, זיין פערזענליכער איך הייסט אים שטימען פאַר שטיק אַרבייט, און ניט אַרויפשלעפּען אויף זיך דעם יאָך פון דעם אמת׳ען פּראָלע־טאַריער, פון דעם אמת׳ען האָרעפּאַשניק, און זאָל אים ניט אַרען פאַר זיינע ברידער אַרבייטער וועלכע ווערען קאָרופּט און פאַרדאָרבען דורך דער שטיק אַרבייט סיסטעם. אָבער זיין העכערער איך, זיין סאָציאַלער און טרייד־יוניאָניסטישער איך, הייסט אים אָפּפערען מיט זיין פערזענליכקייט און שטימען פאַר וואָך אַרבייט, וואָס דאָס מיינט, פאַר אויפהערען זיך צו וואַרפען מיט שערען אין קאָפּ, און אַריינ־שטעכען זיך נאָדלען אין די פינגער און קוקען איינע אויף די אַנדערע ווי בלוטיגע שונאים, פאַר אָפּשאַפען דאָס צעטלעניש, און וואַרפען

די שולד פון די שלעכטע פרייזען איינע אויף די אַנדערע, און שילטען די פרייז־קאָמיטע מיט׳ן טשערמאַן אַ גאַנצען סעזאָן.

מאָריס׳עסביידע איד׳ן האָבען אַזוי געקעמפט דעם גאַנצען דינסטאָג און מיטוואָך און ער האָט ניט געקענט באַשליסען ווי צו וואָוטען, ווייל מאָריס איז אַ גאַנץ היפשער עגאָאיסט, און זיין אינדי־ווידועלער „איך" איז אים זעהר ליב און טייער. ערשט דאָנערשטאָג פאַרנאַכט ווען ער איז אַריין אין האָל וואָוטען, און זעענדיג די פרייליכע און שמייכלענדיגע פנימער פון די פילע מיידלאַך, וועלכע האָבען געוואוסט פאַר וואָך אַרבייט, ערשט דאַן האָט זיין בעסערער איך גענומען די אויבער האַנט, און ער האָט געוואוסט מיט דער מאַיאָריטעט פאַר וואָך אַרבייט.

יענע לאַטעס

דאָס האָט פּאַסירט אין דעם בראשית פון דעם ניו־דיל, ווען רוזוועלט איז נאָר וואָס אַרײַין אין ווייסען הויז און ער האָט געזאָגט יהי אור — עס זאָל ווערען יוניאָן און די אַרבײַטער האָבען אָנגעהויבען אַרײַנשטראָמען אין די יוניאָנס און אין די קלאָוק און דרעס שעפּער איז צוריק געוואָרען יוניאָן. אמת אַז די קעשענעס זײַנען נאָך בײַ אַלעמען פּוסטע, אויסגעליידיגטע און דער פּאַסעק פון די הויזען איז נאָך געווען פאַרצויגען אויף די לעצטע נײַע לעכער וואָס מ׳האָט אין זיי געמאַכט, אָבער עס האָט זיך שוין געזען דער אָנקומען פון טאָג.

צוליב דעם וואָס די דרעס שעפּער, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע שעפּער, זײַנען אין דעם פאַרצויגענעם קריזיס פאַרוואָרימט געוואָרען און האָבען פאַרלאָרען דעם צלם אלוקים — דעם פּנים פון אַ יוניאָן שאַפּ, און מ׳האָט געאַרבעט פאַר כמעט אומזיסט, האָב איך אַ לאַנגע צײַט ניט געאַרבעט און איך האָב פאַרצערט יעדען דאָלאַר וואָס איך האָב פאַרמאָגט.

דער קאָנטראַקטאָר, צו וועמען איך בין אַרויף אַרבײַטען, איז אומגעגאַנגען איבער׳ן שאַפּ אין אַ פּאָר הויזען מיט צוויי לאַטעס אויפ׳ן געזעס, אַ סימבאָל פון דעם גרעסטען קריזיס וואָס אַמעריקע האָט דורכגעמאַכט. מײַנע אייגענע תחתונים האָבען געהאַלטען אין גאַנצען בײַם פונאַנדערפאַלען און קיין אויסקוק אויף נײַע האָב איך ניט געהאַט, סײַדען איך וועל גוט מאַכען דעם דזשאָב און דער דזשאָב וועט גוט מאַכען מײַן האָפענונג צו קענען קויפען אַ פּאָר נײַע הויזען. אָבער קוקענדיג אויף די צוויי לאַטעס אויף די הויזען פון מײַן באָס, האָט מײַן האָפענונג געהאַט זייער אַ שוואַכען אויסזיכט מקוים צו ווערען.

דער דאָזיגער קאָנטראַקטאָר האָט אַלע יאָרען געאַרבעט פאַר איינע פון די בעסטע הייזער אין דעם דרעס טרייד, אַ „היי־קלעס״ „טיילאָר־מייד״ דרעס און דורכ׳ן קריזיס איז אין דער הויז אַלץ געוואָרען ווייניגער אַרבייט. און אום צו ראַטעווען זיך פון אונטערגיין האָט ער אויסגעזוכט אַ נייע הויז פון עטוואָס אַ ביליגער ליין.

דער טשערמאַן פון שאַפּ איז געווען אַן אַלטער באַלמעלאָכע, אַ גוטער שניידער, אָבער אַ איד אַ האַרטער, אַן עקשן, אַ יוניאָן מאַן פון 1910, וועלכער האָט אַלע מאָל געאַרבעט ביי דער גוטער ליין, וואו מע צאָלט היכע פּרייזען. און ווען דער באָס האָט געבראַכט דעם סעמפּעל פון דער נייער ביליגער הויז און האָט געזאָגט דעם טשערמאַן דעם פּרייז וואָס ער קען צאָלען פאַר דעם גאַרמענט, איז ער געוואָרען אַן אויפגעקאָכטער און ער איז אַנטלאָפען צום מאַשין און ער האָט מער גאָר ניט געוואָלט פאַרהאַנדלען מיט׳ן באָס. איך, אַלס איינער פון דער פּרייז קאָמיטע, האָב גענומען אַרגומענטירען מיט אים און איבערצייגען אים, אַז דער גאַרמענט איז דאָך זייער אַ פליינער און אַז ער האָט דאָך ניט אַפילו קיין העלפּט אַרבעט, וואָס עס האָט אָט דער גאַרמענט פון דער גוטער הויז וואָס ער, דער טשערמאַן, נייט יעצט. און אַז מע דאַרף אויך האָבען אין זינען דעם גאַנצען שאַפּ און אַז אָן די אַרבייט פון אַ צווייטע הויז קען קיינער אין שאַפּ קיין לעבען ניט מאַכען. אָבער אויף מיינע אַלע אַרגומענטען האָט ער געהאַט איין ענטפער, אַז מיט אַזאַ ביליגער ליין און מיט אַזעלכע ביליגע פּרייזען וועט מען אַרונטערברענגען אויך די פּרייזען פון דעם בעסערען גאַרמענט, און דאָס וועט ער ניט דערלאָזען. מע האָט דעם גאַרמענט יענעם טאָג ניט געסעטעלט.

אויף מאָרגען איז דער טשערמאַן ניט געקומען צו דער אַרבעט און דער באָס איז צוגעקומען צו מיר, אַלס איינער פון דער פּרייז קאָמיטע, און געפרעגט וואָס ער זאָל טאָן מיט׳ן גאַרמענט. און ער האָט אונז געלאָזט וויסען, דאָס אויב מיר צעטלען ניט אין דער גאַרמענט גייט צוריק, קען ער מער אין דער הויז ניט אַריינקומען. ער האָט אונז געלאָזט וויסען, דאָס אויב מיר צעטלען ניט און דער נאָך אַ צווייטען מאָל באַטראַכטען דעם גאַרמענט, איז ביי אונז

געבליבען ער זאָל דעם לאַט אַרבייט אַריינגעמען און מיר וועלען זען וואָס מיר קענען אויסמאַכען ביי אים. אייניגע אין שאָפּ האָבען אָבער מורא געהאַט צו אָפּטאָן דאָס אָן דעם טשערמאַן. איך, אָבער, אַ טאָפּ טוענדיג מיינע הויזען, וואָס אַט, אַט, פאַל איך אַרויס פון זיי, און אַ קוק טוענדיג אויף די צוויי לאָטעס אין די תחתונים פון מיין באָס, האָב באַשלאָסען צו נעמען אויף זיך די שולד און געהייסען דעם באָס דעם לאַט אַרבייט אַריינצונעמען.

ווען דער טשערמאַן איז די נעקסטע וואָך געקומען אין שאָפּ, איז שוין דער לאַט אַרבעט געווען אויפגעמאַכט. דערוויסענדיג זיך אַז איך בין דאָס דער חוטא, איז ער אַ צוקאָכטער צוגעלאָפּען צו מיר און מיר גענומען סטראַשען מיט דער גריוועגס באָארד. אָבער דאָ איז דער באָס צוגעקומען מיט אַ ליסטע פון אַלעמענס פּעידעס פאַר דער וואָך, וועלכע זיינען געווען גאַנץ היפּשע, און עס געשטופּט דעם טשערמאַן אין פּנים אַריין. און דער עקשן איז אַ באַזיגטער, אָבער ניט קיין איבערציינגטער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם נאָז אַוועק צו זיין מאַשין.

מיטאָג צייט האָב איך דערזען אַז דער באָס טראָגט נייע הויזען, אויס מיט די לאָטעס, און איך האָב פאַרשטאַנען אַז אויך מיין האָפּע־נונג אויף אַ פּאָר נייע תחתונים וועט מקוים ווערען און אַז עס איז דאָ אפילו אַן אויסזיכט אויף אַ נייעם אָנצוג אויך.